STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05155

NAYE TEG

Shimon Kanc

Permanent preservation of this book was made possible
by Mordecai K. Rosenfeld
in memory of
his maternal grandfather, Judah Meir Katzenellenbogen

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ש. קאנץ

נייע טעג

שמחה קאנץ

נייע טעג

נאָוועלן און רעפּאָרטאַזשן

1952

פאַרלאַג „יידיש־בוך" ווארשע

S Z. K A N C

N O W E D N I

Nowele i Reportaże

רעדאקטאָר: ד. ספֿארד

Redaktor: D. SFARD

Okładkę projektował

G. Segalle

PRINTED IN POLAND

Wydawnictwo „Idisz-Buch“, Warszawa, 1952

Rękopis otrzymano 10.V.1952 Druk ukończono 30.VI.1952
Format A5 ark. wyd.: 13,5 ark. druk. 17 Nakład: 5,500

Drukarnia Dziełowo-Akcydensowa, Wrocław — zam. 964 — F-3-28054

אין פאַבריק

א]

עס האָט שוין געהאַלטן ביים סוף פון אַרבעט-טאָג, ווען אין דער ריכמיש-צערוישטער פאַבריק-האַלע האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעריסן דאָס טיפע באַסאָווע קול פון ראַדיאָ-הילכער:

– אויף צוויי הינדערט פּראָצענט האָט היינט נאָטאַן לעווינגער איבערגעשטיגן די נייע נאָרמע.

דאָס גערויש איז מיטאַמאָל ווי שטילער און געדעמפּטער געוואָרן. דורך דער באַטויבטקייט, וואָס איז מיר געשטאַנען אין די אויערן, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך הער די באַוווּנדערונג-אויס־רופן פון די חברים ביי די וואַרשטאַטן. כ'האָב זיי ארויסגעלייענט פון זייערע בליקן, וועלכע האָבן אויף אַ רגע זיך אָפּגעריסן פון די מאַשינען.

אונדזער מייסטער קיריליוק, אַ בלאָנדער, מיט אַ גראַנאַטענעם בערעט, ווילעריש פּאַרוקט אויף אַ זייט, איז געבליבן שטיין ביי מיין מאַשין, גענומען אין האַנט דעם נאָרוואָס אָפּגעשליפענעם גלאַנציקן קאָרפּוס, באַקוקט אים, אויספּרווונדיק דעם שלייף מיט דער דלאָניע און אַ זאָג געטאָן:

– אָט אַ יאַט, דער לעווינגער... צוויי הונדערט פּראָצענט פון דער נייער נאָרמע.

דער פאַבריק-טומל, וואָס איז פריער מיט אַ מינוט ווי שטילער געוואָרן, האָט זיך ווידער פאַרשטאַרקט, געוואָרן דורכדרינגלעך צוליב די פאַרשידענע ווידערקולות פון די גרויסע און קלענערע מאַשינען, גלאַנציקע פון אייל. מיינע הענט, וואָס האָבן אויטאָמאַטיש אויסגעפירט די שנעלע, אָפּגעריסענע באַוועגונגען, האָבן מאָמענטאַל גענומען אָנווערן די פלינ-

קייט. כ'האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי אין זאָל צווישן די מאַשינען וואָלטן גריבער געוועזן און איך מוז זיך שטאַרק היטן נישט אַריינצופאַלן. פאַר די אויגן האָט אַלץ געשווינדלט: לעווינגער... לעווינגער...

– וואָס איז דיר? – האָב איך געפילט אויף זיך קיריליוקס בליק – עפּעס ביסטו היינט חולהוואַטע... נו, נאָך דער אַרבעט גיי אַריין צום דאָקטאָר, לעווינגערן ווערסטו שוין סיי ווי סיי נישט דעריאָגן...

איך האָב געוווּסט, אַז כ'דאַרף אים ענטפערן, אָבער די אויפגע-וועקטע בילדער האָבן נישט אויפגעהערט צו שווינדלען פאַר מיינע אויגן. קיריליוק האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און איז אַוועק צו אַגוירעקס ניט מאַשין. עס האָט זיך אַהער דערטראָגן איר שאַרפער קוויטש, פון וועלכן די האָר האָבן זיך איצט ביי מיר געשטייפט.

כ'האָב זיך שוין קוים דערוואַרט אויפן אָנהייב פון דער צווייטער שיכט. כ'האָב זיך שנעל איבערגעטאָן און אַרויס אין גאַס.

עס איז געווען אַ זוניקער טאָג. די לופט אין דער שטילער גאַס, אויף וועלכער עס געפינט זיך די פאַבריק, איז געווען אַ געדיכטע. די אַרבעטער האָבן זיך כוואַליעסווייז אַרויסגעלאָזט פון דער פאַבריק, פאַרוויכערט פּאַפּיראָסן. עס זענען געגאַנגען געאַרעמט צעשמייכלטע מיידלעך מיט יונגע מאַמעס. אַ סך זיינען נאָך געווען אין די אַרבעטס בלוזעס. אין קאָמבינעזאָנען. באַלד וועלן זיי זיך אויסבאָדן אין דערנעבנדיקן אָדער-טייך. אויף די גרין באַגראָזטע ברעגן פון ביידע זייטן ראַיעט עס שוין מיט האַלב נאַקעטע גלאַנציק ברוינע קערפּערס.

אויב די אַרבעטער פון אונדזער צעך זאָלן מיך איצט דערזען און מיטשלעפּן צום טייך, וואָלט עס פאַר מיר געווען אַ שווער אָפּקומעניש. כ'מוז איצט זיין אַליין, קלאָר-מאַכן, אויפפּלאָנטערן דעם קנויל אין מיין צעהיצטן מוח.

כ'האָב זיך אַוועקגעדרייט רעכטס, לענג-אויס דעם טייך. וואָס ווייטער פון דער פאַבריק, אַלץ ווייניקער מענטשן האָבן זיך געפונען אויף דעם ברעג. איינצלנע זיינען געזעסן מיט די פיס אין וואַסער, איבערגעבויגענע, פאַרקוקטע אין די ווענדקעס, וועלכע זיי האָבן פון צייט צו צייט מיט אַ שנעלער באַוועגונג אַרויסגעצויגן און צוריק אַראָפּגעלאָזט. עס האָט געשמעקט מיט לעבעדיקע פיש און פייכטן גראָז.

לעווינגער... דער נאָמען האָט פאַר מיר געקלונגען מיט אַ סך נאָענטקייט און וואַרעמקייט. אָבער די דערינערונגען זיינען געווען אַזוי

מאָדנע אין סתירה מיט דעם זוניקן אַרום. כ'האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז. דאָס וואַסער איז געווען גרין און פינקלדיק. די אויגן האָבן זיך, פון זיך אַליין, פאַרמאַכט...

נאַכט... עס דערנענטערט זיך צוועלף. אין די פענצטער לעשט זיך דאָס לעצטע ליכט. די שטאָט שלאָפט. איך אַליין דריי זיך איבער דער אָפגעשטאָרבענער גאַס. אַ רעגן, אַ קאַלטער, אַ העסלעכער, שמייסט איבערן פנים, גיסט זיך הינטערן קאָלנער. כדי צו פאַרשטעלן דאָס פנים פונעם רעגן רוק איך דאָס הינטל כיפער אַראָפ איבערן שטערן, צי איין דעם קאָפ אין די אַקסלען. כ'דריק זיך צו די מויערן, אָבער דער רעגן געפינט מיך אומעטום און שמייסט... אָט איז אַן אַלייע אין פאַרק, וואָס זעט אויס ווי אַ טונעל. פינצטער. מיינע פאַרשטאַרטע הענט טאַפן אָן אַביידל, אַ הילצערנס. די טיר איז אָפן. אין דעם זעלבן מאָמענט דער־הער איך אַ גערויש, ווי עמעץ וואָלט זיך אַ ריר געטאָן. מיך נעמט אַרום אַ שרעק, איך וויל אַנטלויפן, נאָר די פיס זיינען ווי געליימט. ערשט כ'דערהער אַ קרעכץ, אַ דערשטיקטן קרעכץ פון אַ קראַנקן מענטש.

דאָס איז געווען מיין ערשטע באַקאַנטשאַפט מיט לעווינגערן. ער איז שוין געווען לענגער אַרבעטסלאָז פון מיר און מיך געלערנט, אַז מען טאָר נישט צו לאַנג ליגן אויף דער גאַלער ערד. פון צייט צו צייט מוז מען זיך באַוועגן.

עטלעכע נעכט האָבן מיר זיך געטראָפן אין דעם ביידל. נאָר איינ־מאָל, ווען מיר האָבן שוין געהאַט זיך אָפגעשמועסט צו גיין אויפצו־מאָרגנס צוזאַמען זוכן עפעס אַן אַרבעט, האָט אונדז אַ פּאָליציאַנט אַרויס־געיאָגט פון דעם ביידל. אין דער פינצטער האָבן מיר זיך נישט געקאָנט געפונען.

איך האָב זיך איצט געפרוווט פאָרשטעלן זיין פנים, וואָס איז פאַר מיר פון מינוט צו מינוט געוואָרן דייטלעכער. צו די פריערדיקע שטריכן, וועלכע איך האָב מער אַרויסגעפילט ווי געדענקט, זיינען צוגעקומען נאָך צוויי שאַרפע קנייטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער נאָז צו די מוילווינקלען און אַ טיף גריבל אין דער עקשנותדיק אַרויסגערוקטער גאָמבע.

ווען כ'בין אַהיימגעקומען איז נאָך מאַניע נישט געווען פון דער אַרבעט. אויפן טיש זיינען געלעגן אָנגעוואָרפן די נאָטיצן, וואָס כ'האָב נעכטן אָנגעהויבן שרייבן וועגן איינעם פון אונדזערע מעכאַניקער. זיין

פראָיעקט צו טוישן די שפּרינג פעדערן ביי די רעוואָלווערקעס אויף געבויגענעם גוס איז זייער אַ וויכטיקער. אָבער אינזשיניער כמיעלאָווסקי ווייזט נישט אַרויס קיין גרויס חשק צו פאַרנעמען זיך דערמיט. כ'האָב געררעכנט צו באַקומען היינט מער גענויערע פּרטים וועגן דעם דאָזיקן פּראָיעקט און אריינשרייבן דערוועגן אין דער ציישונג.

אַ מינוט איז מיר איינגעפאַלן צו נעמען זיך שרייבן וועגן לעווינ-גערס צווייהונדערטפּראָצענטיקער נאָרמע, אָבער דער רויש אין מוח האָט נישט אויפגעהערט, כ'האָב זיך אָוועקגעלייגט אויף דער סאָפע. אַלץ האָט זיך ווידער גענומען קנוילן מיטאַמאָל אין מוח און אין האַרץ. לעווינ-גער... קאַלטע נעכט אין פּאַרק... צווייהונדערט פּראָצענט פון דער נאָרמע... כ'האָב אויפגעהערט צו טראַכטן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, ווי כ'וואָלט געלעגן אויפן גרונט פון טייך אין אַ טונקל גרינער שטילער דעמערונג. פיש זיינען געשוואומען איבער מיר, פאַרשידענע מאָדנע פיש. אין דער נידער האָבן די שיפּן פון די פיש געגלאַנצט מיט פייערדיקע פאַרבן, פורפור, בלוי, רויט, געל. זיי שווימען אַרום מיר. מיין קערפער, אַ בלאָסער, אַ דורכזיכטיקער, רייסט זיך פאַראויס צו לעווינגערן... צום הילצערנעם ביידל... ערגעץ נאָענט רוישט די פאַבריק מיט די אָן אַ שיעור מאַשינען...

ווען כ'האָב זיך אויפגעכאַפּט איז שוין מאַניע געווען אין שטוב. זי האָט מיך אָנגעקוקט מיט אירע טונקעלע רואיקע אויגן, אין וועלכע עס איז נישט געווען קיין צייכן פון נייגעריקייט צוליב מיין איינשלאָפן.

— דו מוזט זיין מיד, זיגמונט, רו זיך אויס. ס'וועט באַלד זיין פאַרטיק עסן.

— מיר גלוסט זיך היינט נישט עסן — כ'האָב געפילט, אַז מיין קול קלינגט שוואַך.

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך ווידער דערמאָנט אין לעווינגערן. פיל פאַרגעסענע פּרטים האָב איך איצט דערזען אין אַ פיל קלאָרערן ליכט. אייגנטלעך האָט ער מיר זיין נאָמען קיינמאָל נישט געזאָגט. ער האָט נאָר דערציילט, אַז שוין דעם דריטן חודש איז ער אַרבעטסלאָז. יעדן טאָג גייט ער אין פאַרמיטלונגס ביוראָ. דאָרטן שטייען טויזנטער מענטשן, רעזיגנירטע, וואָס גלייבן שוין נישט, אַז זיי וועלן אַמאָל באַקומען אַרבעט. אינמיטן שלאָף פלעגט ער זיך אויפכאַפּן מיט אַ געשריי: „דאָ בין איך, לעווינגער, לעווינגער!" עס האָט זיך אים געחלומט, אַז דער באַאַמטער האָט אויסגערופן זיין נאָמען.

— וואָס איז דיר? — האָבן מאַניעס אויגן מיך געפּאָרשט.

איך האָב אָנגעהויבן דערציילן פון ראַדיאָ קאָמוניקאַט וועגן לעווינגערן, וואָס האָט דערגרייכט אַזאַ הויכע נאָרמע. אויף מאַניעס דינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ שמייכעלע. כ׳האָב פאַרשטאַנען, אַז זי טייטשט אויס מיין צעטראָגנקייט, ווי מיין אַמביציע צו דעריאָגן לעווינגערן. איך האָב אין איין אָטעם געשילדערט פאַר איר יענע רעגנדיקע דאַכלאָזע נעכט מיט קנאַפּע צוואַנציק יאָר צוריק, מיין צוזאַמענטרעף אין הילצערנעםביידל מיט לעווינגערן. דער שמייכל אויף אירע ליפּן האָט זיך פאַרשאָכנט און פאַרשוווּנדן. ווען איך האָב געענדיקט, האָט זיך אין דער שטילקייט געהערט דאָס זידן פונעם טעפּל אויפן גאַז-אויוון. מאַניע איז אויפגעשפּרונגען און אַריינגעלאָפן אין קיך.

איבער דער שטוב האָט זיך צעשפּרייט אַ געדיכטער שאַרפער ריח, וואָס איז געגאַנגען פון קיך. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויך מאַניען ווילט זיך איצט נישט עסן. אָבער מאַניע איז גלייך אַריינגעקומען מיט אַ קלוג פייערל אין די טונקעלע אויגן.

— ביסט זיכער, אַז דאָס איז דער זעלבער לעווינגער? וואָלסט דאָך אים געדאַרפט באַמערקן פאַר דער גאַנצער צייט. ביי אונדז אין לובלין איז אויך געווען אַ לעווינגער, אַ הויכער...

— ניין — האָב איך זיך געשפּאַרט — דער איז נאָך עטוואָס נידעריקער פון מיר און זעט אויס צו זיין אַ שיין ביסל עלטער.

— דו האָסט דאָך אים נישט געזען — האָט מאַניע אָפּן און וואַרעם בעלאַכט און זיך גענומען גרייטן צום טיש.

אין געדאַנק האָב איך זיך שוין געזען אַרומגעכאַפּט מיט אים. ער וועט מיך זיכער דערקענען. מאַניע, ווי זי וואָלט געלייענט מיינע געדאַנקען, האָט געזאָגט:

— וועסט אים מאָרגן פאַרבעטן צו אונדז.

דורכן אָפענעם פענצטער האָט אַ בלאָז געטאָן אַ פאַרנאַכטיק ווינטל. פונעם שרייב-טישל נעבן פענצטער איז אַראָפּגעפלויגן אַ באַשריבן בייגעלע פּאַפּיר. מאַניע האָט עס אויפגעהויבן און אַרונטערגעלייגט אונטער דעם שווערן אָפּגעשפּאָלטענעם גלאָז פון גרינעם קאָליר. מאַניע היט זייער מיינע פּאַפּירן. דאָס זעלבע טוט זי אויך מיט מיינע אָפּגעדרוקטע נאָטיצן אין דער צייטונג.

— דיין קריטיק איבער דער לעצטער פּראָדוקציע באַראַטונג איז געווען אין צייטונג?

די דאָזיקע נאָטיץ האָב איך געשריבן מיט אַ וואָך צוריק. מאַניע האָט זיך געבעטן, איך זאָל זי נישט אַוועקשיקן אין צייטונג. זי איז צו שאַרף אָנגעשריבן. די אָנפירער וועלן טראָגן אַ כעס אויף מיר. איך האָב אויף זיי אַרויפגעוואָרפן די גאַנצע שולד פאַרן נישט אויסגעפירטן פּלאַן. מאַשינען זיינען געשטאַנען צוליב דעם שלעכטן אָרגאַניזירן די אַרבעט. אין מאַגאַזין זיינען וואָכן געלעגן די טיילן, וואָס האָבן געדאַרפט גיין אין דער מאָנטירעריי.

— נאַ, לייען — האָב איך מיט אַ סאַטיספאַקציע איר געוויזן די צייטונג, ווו מיין נאָטיץ איז געווען אָפּגעדרוקט אונטער אַ גרויסן קאָפּ אויף דער דריטער זייט.

מאַניע איז שנעל דורכגעלאָפן מיט די אויגן איבער דער צייטונג.

— דו וועסט זיך ווידער אָנמאַכן שוואַרצע טעג. עס וועט נישט זיין ווער ס'זאָל זיך אָננעמען פאַר דיר. דו רעדסט זיך איין, אַז דו וועסט דערמיט אויסבעסערן די לאַגע. כמיעלאָווסקי מיט פּאַטשאַרעקן וועלן ווייטער טאָן דאָס זייעריקע. דער דורכפאַל אויפן קורס האָט דיך גאָרנישט אויסגעלערנט.

די לעצטע ווערטער זיינען געפאַלן איבער מיר ווי שווערע קלעפּ. כ'האָב גוט געדענקט די מפּלה, וואָס איך האָב געהאַט מיט מיין אָנקלאַגע אויף דעם אָנפירער פון דער בורסע פאַר דער אומאָרדענונג, וואָס ס'האָט דאָרט געהערשט. די אָנקלאַגע איז אַריינגעפאַלן אין די הענט פון דעם אָנפירערס אַ חבר, וועלכער האָט דעם ענין אַזוי פאַרדרייט, אַז איך בין גאָר אַרויסגעקומען דער שולדיקער. עס איז פאַר מיר דעמלט געווען אַ פיינלעכער קלאַפּ. איך האָב יענעם געגלייבט און האָב זיך געפילט אָפּגענאַרט. דער מענטש פלעגט אַמאָל אַרויסטרעטן ביי אונדז מיט רעדעס. אַ קורצע צייט איז דעריבער אין מיר געבליבן אַן אומצו־טרוי צו רעדנער. מיט דער צייט האָב איך זיך אויסגעלערנט אונטער־שיידן צווישן די רעדנער, וואָס שלאָגן זיך אין האַרצן, רעדן שאַבלאָנע פראַזן און אָנשטאָט ווירקן, טעמפּן זיי אָפּ די הייסקייט פון וואָרט - און צווישן די, וואָס באַווייזן מיט דער ליידנשאַפטלעכקייט פון זייערע רייד, אַז זיי לעבן מיט די אינטערעסן פון די פאַבריק-מענטשן, מיט זייער אַרבעט, פרייד און זאָרג. זייערע רייד וועקן שטענדיק צו אינטענסיווער טעטיקייט, העלפן דערשפּירן דעם הייסן אָטעם פון לעבן, פון באַפריי־טער אַרבעט.

— איך בין דאָך פאַבריק-קאָרעספּאָנדענט. עס איז דאָך מיין חוב.

אין מיין מוח האָבן קלאָר אויפגעלויכטן ווערטער, מיט וועלכע כ׳בין געווען זיכער, אַז כ׳וועל מאַניען איבערצייגן, אָבער גראָד אין דעם מאָמענט האָט עמעץ אָנגעקלאַפּט. אין טיר האָט זיך באַוויזן קלאַרא. זי איז אַריינג פאַלן מיט דער גאַנצער פרישקייט פון פריען זומער. אין האַנט האָט זי געטראָגן דעם קאָמבינעזאָן:

— ביסט שוין גרייט, מאַניע? האָסט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן היינט פּראָבע? פאַרגעס נישט דעם כאַלאַט. היינט האָבן מיר שוין פּראָבע אין די קאָסטיומען — האָט זי גערעדט האַלב צו מיר, האַלב צו מאַניען, וועלכע האָט זיך גלייך גענומען איבערטאָן - איצקאָוויטש זאָגט, אַז אין קאָמבינעזאָן זע איך אויס ווי אַן אמתע מייסטערין. כ׳דאַרף זיך נאָר אויסלערנען צו האַלטן דעם שרויפנציער ווי ס׳געהער צו זיין. קומט מיט, חבר זיגמונט!

דער דראַמקרייז איז אינעם שניידער-קאָאָפּעראַטיוו. ווו מאַניע מיט קלאַרען אַרבעטן, איז אין שטאָט באַקאַנט אַלס זייער אַ גוטער. אַן אַנדערש מאָל וואָלט איך גערן מיטגעגאַנגען אויף דער פּראָבע. היינט האָב איך געפילט די באַדערפעניש צו בלייבן אַליין.

די שטילקייט נאָך זייער אַוועקגיין האָט מיך אַרומגענומען און באַרויקט. כ׳האָב ווידער אָנגעהויבן צו דערפילן די וויכטיקייט פון מיינע קאָרעספּאָנדענצן. דער געדאַנק אָנצושרייבן אַ דערציילונג האָט זיך גענומען אַרויכשיילן וואָס אַמאָל דרייסטער און קלאָרער. אָט איז אַ פּרעכטיקע טעמע: לעווינגער. דער וועג פון אַ יידישן אַרבעט-העלד. איך האָב זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנגען צום פענצטער. אַ זון אָן שטראַלן, אַ גרויסע רויטע קויל, איז געפאַלן שיף הינטער די דעכער און וואָס אַ מאָל שיפּער און נישט-זיכערער זיך צעשוווּמען איבערן מערבדיקן הימל. אויפן הילצערנעם ברעטל פון פענצטער האָבן אין דער פאַרנאַכטיקייט געפלאַמט די פאַרשידנקאָלירקע בלומען, וואָס מאַניע האָט ערשט מיט אַ קורצער צייט צוריק פאַרזעצט. אונטן האָט די שטאָט געאָטעמט מיט איר דייכלעכן און ריטמישן אָטעם.

כ׳האָב געפּרווט שרייבן, אָנוואַרפן עטלעכע זייטלעך און באַלד אויפגעהערט. כ׳האָב מיטאַמאָל דערפילט, אַז כ׳האָב זיך גענומען פאַר אַ גאָר שווערער אויפגאַבע.

און דאָך האָב איך געהאַט דאָס געפיל, אַז איך דאַרף עס נישט אָפּלאָזן, אַז איך דאַרף וועגן דעם שרייבן.

פאַרן איינשלאָפן האָבן זיך די בילדער פון אַ גאַנצן טאָג באַוויזן נאָך שאַרפער און דייטלעכער. די פאַרגאַנגענע האָבן איצט אויסגעזען נאָך קאָשמאַרפולער, די איצטיקע – נאָך העלער און מיטרייסנדיקער. מיט פאַרמאַכטע אויגן האָב איך ווידער זיי דערזען, די אַמאָליקע שאָטנס אין די פאַרקן, ווי זיי שטייען היינט מיט פריילעכע פנימער ביי די מאַשינען אין געוועט. דאָס קול אין ראַדיאָ-הילכער האָט איצט אַזוי קלאָר געקלונגען: לעווינגער דערגרייכט צווייהונדערט פּראָצענט!

ב

שטייענדיק קעגנאיבער דער פאַבריק האָב איך אויפמערקזאַם אָב-סערווירט אַלע, וואָס גייען אַרויס. כ'האָב געוואָלט צווישן זיי דערקענען לעווינגערן. דער טונקל־גרינער אייזערנער טויער איז געווען צעעפנט אין דער גאַנצער ברייט. כוואַליע נאָך כוואַליע האָבן די מענטשן געשטראָמט פונדאַנען אין אַלע ריכטונגען, צום טייך, צום טראַמוויי, צום קלוב.

צומשווערסטן איז מיר אָנגעקומען דאָס אָבסע־ווירן און אויסטיילן די פנימער פון די, וואָס האָבן זיך געשטופּט צום קלוב. ער איז געווען נאָענט צום טויער, לינקס פונעם גאָרטן. נאָך איידער כ'האָב באַוויזן זיך גוט איינצוקוקן אין די פנימער, זיינען זיי שוין געווען אינעווייניק, אין דער פאָדערשטער איינשטאָקיקער געביידע.

אינעם גאָרטן וואַקסן פרוכטן בוימער. קיין בענק זיינען דאָרט נישטאָ. די אַרבעטער פאַרברענגען גערנער אין דעם לופטיקן פיל פענצטערדיקן קלוב. איך קום אויך אָפט אַהער, אויפן קאָלעקטיוון לייענען די פרעסע, אָדער אַליין דורכצובלעטערן די ליטעראַרישע און פאָליטישע זשורנאַלן. אַנדערע האָבן ליב צו כאַפּן אַ שמועס, שפּילן אין שאַך, אָדער צוקוקן זיך צו די פּראָבן פון דראַמקרייז, פון אָרקעסטער. דאָ געפינט זיך אויך די ביבליאָטעק.

— קום אַרויף, זיגמונט, אין קלוב, וועלן מיר שפּילן אַ פּאַרטיע שאַך. דו וואַרטסט אויף עמעצן?

קיריליוקס קול האָט מיך אויפגעוועקט פון מיין פאַרגליווערטקייט. עס זענען שוין באַלד אַלע אַרויס פון פאַבריק און לעווינגערן האָב איך נאָך אַלץ נישט באַמערקט. וואָלט קיריליוק געווען אַליין, וואָלט איך

אים אפשר דערציילט אויף וועמען איך וואַרט. ער אַרבעט שוין דאָ לאַנג און וואָלט מיר געראָטן, ווי כ׳קאָן אים טרעפן. מיט קירילוּקן איז אויך געשטאַנען פּאַטשאַרעק. פון אים האָט עס שטענדיק געיאָגט מיט אַ מאָדנער פרעמדקייט.

— נו, קום שוין — האָט ער שנעל געזאָגט, און איך האָב גלייך דערפילט, אַז יעדע מינוט, וואָס ער דאַרף דאָ שטיין נעבן מיר, איז אים שטאַרק איבעריק. כּדי אונטערצושטרייכן אָט די איבעריקייט האָט ער גיך געמאַכט עטלעכע טריט פאָרויס, אָבער ער האָט זיך באַלד אומגעקערט:

— נו, וואָס, הייסט עס רעדן מיר אָפּ?

קירילוּק האָט אַן אומגעדולדיקער געענטפערט:

— נו וואָס נאָך האָבן מיר צו רעדן? אין פאַרמעסט מיט דער ערשטער מעכאַנישער אָפּטיילונג נעמען מיר אָנטייל. מורא האָבן פאַר פּראַנדזשינסקין? נישקשה, מיר האָבן אָטשעפּקאָן, קוויאַטקאָווסקין. אַלטע וועלף. אָבער זיי געווינען זיך צו צו די נייע מעטאָדן שנעלער ווי מיר האָבן זיך פאַרגעשטעלט.

פּאַטשאָרעק איז געשטאַנען אַן אומגעדולדיקער, און אַלע ווײַלע באַנעצט די ליפּן מיטן שפּיץ צונג. כ׳ווייס נישט פאַרוואָס איך האָב, קוקנדיק אויף אים, געהאַט דעם איינדרוק, ווי אים וואָלט געגאַנגען אין לעבן אויסצופירן עמעצנס אַ בקשה. פון קירילוּקס ווערטער איז געגאַנגען אַ זעלבסטזיכערקייט, וואָס האָט אויסגעזען אויך אים אָנצושטעקן. ער האָט אַ שמייכל געטאָן, אָבער באַלד צוריק געוואָרן ערנסט, פרעמד. זיין שטים האָט געקלונגען נאָך פלאַכער ווי פריער.

— פאַרגעס נישט, אַז מיר האָבן אַ סך מער פּראַקטיקאַנטן. זיי וועלן נישט דעריאָגן אַזעלכע, ווי מושינסקי, ווי לעווינגער, ווי סאָדאָ...

אין מיר האָט עפּעס אויפגעצאַפּלט. איך האָב נישט געהערט מיין אייגן קול:

— לעווינגער אַרבעט אין דער ערשטער מעכאַנישער אָפּטיילונג?

— ווו דען? אין דער דריטער וועט ער אַרבעטן? זע נאַר, אונדזער נייער קאָרעספּאָנדענט איז דאָך גאָר פון הימל אַראָפּגעפאַלן — ער האָט ווידער גערעדט מער צו קירילוּקן ווי צו מיר - וועגן אַלע אינזשיניערן, ווייסט ער, ווער עס אַרבעט גוט און ווער נישט. אָבער ווער עס זיינען די בעסטע שלאָסער ביי אונדז, דאָס אינטערעסירט נישט אַזאַ גרויסן פאַבריק קאָרעספּאָנדענט.

אין זיין שטים האָט זיך געפילט אָפענער כעס. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען די אָנדייטונג אויף דער נאָטיץ, וואָס איז מיט אַ טאָג פריער געווען אין צייטונג.

אַרייַנקומענדיק אין קלוב, האָט אונדז גלייך אַרומגענומען דאָס פריילעכע געריש, וואָס בלייבט שטענדיק נאָך אַ פאָרגעקומענער פאַרזאַמלונג. עס האָט זיך נאָר וואָס געהאַט געענדיקט אַ מאַסאָווקע פון די פאָרמירער־בריגאַדעס. עס איז זיי היינט נישט געגאַנגען מיט דעם נייעם קאַלירטן מעטאַל. זיי האָבן נישט באַוויזן צו דעריאָגן די גיסער. מיר האָבן נאָך געפונען אַ פריי טישל נעבן פענצטער. קיריליוק האָט פון ערגעץ צוגעבראַכט אַ שאָך.

פאַטשאַרעק האָט זיך פון אונדז אָפגעריסן. ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביי אַ גרופּע אַרבעטער, וואָס האָבן, ווייזט אויס, נישט פאַרענדיקט זייער היציקע דיסקוסיע. צו מיינע אויערן זיינען דערגאַנגען אָפגעריסענע שמועסן פון די אַרומיקע טישלעך. דאָ איז איצט פאַרביי־געשוווּמען דאָס פאַבריק לעבן אין זיין גאַנצער רייכקייט פון פאַרמעסטן, זאָרגן און נצחונות.

— ...געשטאַנען היינט אַ גאַנצע שעה צוליב אַ מעסער - האָט זיך ווי געבייזערט אויף זיך אַליין אַ קול פון אַן עלטערן אַרבעטער - עס איז נישט פון די לייכטע זאַכן צו דעריאָגן אַ שעה ביי דער נייער פּראָדוקציע.

— ...ער וועט דעריאָגן ביז צוויי נאָרמעס. ער איז אין ספּאָרט אויך אַזוי. אין אָנהייב מיינסטו, ער בלייבט הינטערשטעליק. צום סוף געווינט ער. אַ מעטאָד אַזאַ ביי אים.

— ...האָסט געזען ברענערס אינסטרומענט אַרויפצוציען די קעפּלעך אויף די לופט שלאַנגען?

די לעצטע ווערטער זיינען געקומען פון אַ נאָענטן טישל הינטער מיר. איך האָב זיך אויסגעדרייט אַ קוק צו טאָן ווער עס רעדט. מיט ברענערן האָב איך זיך צוזאַמען געלערנט אויף די קורסן. ער האָט זיך שוין דעמלט אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק וועגן אַזאַ אינסטרומענט. אין דער פאַבריק האָט אים דער מייסטער צוגעהאָלפן אַדורכצופירן עס. אינעם קול פונעם רעדנדיקן הינטער מיר האָב איך אַרויסגעפילט פרייד, אָבער איידער איך האָב באַוויזן צו דערקענען און אויסטיילן דאָס קול אין דעם זשומענדיקן זאַל, האָט זיך דורך דער אָפענער טיר פון סעקרע־טאַריאַט, וואָס האָט זיך געפונען רעכטס נעבן דער פאַרהאָנגענער בינע,

דערהערט אַ קלינגען פון טעלעפאָן, באַלד איז אַרויסגעקומען קרימליצווסקאַ. זי איז געווען אָנגעטאָן אין אַ בלוי זײַדן קליידל מיט אַ ווייס קעלנערל, וואָס האָט נאָך טונקעלער געמאַכט איר פּנים און אירע לאַנגע האָר, וועלכע זײַנען געפאַלן איבער איר אײַדעלן האַלדז. זי האָט הויך אַ רוף געטאָן אין איבערפולטן זאַל אַרײַן:

– לעווינגער! דער אינזשעניער בעט אײַך צום טעלעפאָן.

ווײַזט אויס, אַז ס׳איז געווען עפּעס קאָמישעס אין מײַן האַסטיקן און צעטומלטן אויפשפּרינגען. קיריליוק האָט געזאָגט:

– דו הייסט דאָך נישט לעווינגער.

ער האָט אַ פאַרטיפטער אין די פיגורן געשמייכלט און ווי צו זיך אַליין געזאָגט:

– אַן אינטערעסאַנטער יונג, דער לעווינגער. פאַר דער פאַבריק האָט ער גרויסע פאַרדינסטן.

פון אַ טישל אינמיטן זאַל האָט זיך אויפגעהויבן אַ הויכוווקסיקער מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און דרײַסיק. איך האָב געזען זײַן שאַרףגעשניצטן פּראָפיל. אין איין מינוט איז פאַר מיר געוואָרן קלאָר, אַז דאָס איז נישט דער לעווינגער, וועגן וועלכן איך האָב די לעצטע טעג נישט אויפגעהערט צו טראַכטן.

עס איז נאָך אַלץ געווען קיריליוקס ריי צו גיין אַ צוג. ער האָט לאַנג און אָנגעשטרענגט געטראַכט און נישט באַמערקט מײַן צעדרודערטקייט, וועלכע איך האָב זיך באַמיט צו באַהערשן. אייגנטלעך האָט זיך שוין איינמאָל געהאַט אין מיר אויפגעוועקט דער חשד, וואָס איז אין מיר פאַרבליבן נאָך מאַניעס ווערטער: „בײַ אונדז אין לובלין איז אויך געווען אַ לעווינגער, אַ הויכער...״

איך האָב צו זיך נישט צוגעלאָזט דעם געדאַנק. עס איז געווען, ווי מען וואָלט בײַ מיר צוגענומען אַ ציל אין לעבן. די דערציילונג וועגן לעווינגערן האָט מיך מיט יעדן טאָג אַלץ מער פאַרכאַפּט. איצט ווײַזט זיך אַרויס, אַז כ׳האָב זיך אַליין די גאַנצע צײַט גענאַרט.

כ׳האָב נישט געפילט קיין שום פאַרדראָס, וואָס איך האָב די פאַרטיע פאַרשפּילט און בין געווען צופרידן, וואָס קיריליוק האָט אויך געהאַלטן פאַר צײַט אַהיימצוגיין. איך האָב זיך נאָך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן אין דעם זײַטיקן צימער, וואָס איז געווען דער ראַציאָנאַליזאַטאָרן קלוב. כ׳האָב געוווסט, אַז ברענער דאַרף זיך דאָ געפינען. ער איז געזעסן אַרומגע

רינגלט פון עטלעכע יונגע אַרבעטער, וועלכע האָבן זיך צוגעהערט צו זיין דערקלערן די כּללים ביים אויסשניידן עבּאָניט גווינטן. מסתּמא צוליב דעם, וואָס אין די נאָענטסטע טעג וועלן אַ סך מאַשינען איבערגעשטעלט ווערן אויף עבּאָניט. ברעגער ווייסט עס שטענדיק דער ערשטער. ער האָט מיך גלייך באַמערקט און זיך געגריסט. פון אַהיים גיין האָט ער נישט געטראַכט. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף די ביכער, וועלכע ער דאַרף נאָך היינט טוישן אין ביבליאָטעק.

איבערן גאַנצן וועג אַהיים האָב איך נישט אויפגעהערט צו טראַכטן איבער מיין אַנטוישונג מיט לצווינגערן. איך האָב זיך נישט געקאָנט שענקען די אַרבעט, וואָס איך האָב אַריינגעלייגט אין דער דערציילונג. אָבער מוז דען אַ דערציילונג זיך שטיצן אויף אַן אמתער פּאַסירונג? עס האָט דאָך ווירקלעך נישט קיין שום באַדייטונג, צי עס איז דער זעלבער לצווינגער, וועלכן איך האָב דאַן מיט קנאַפּע צוואָנציק יאָר צוריק באַגעגנט אַ היימלאָזן אין פּאַרק. וויכטיק איז, מיר זאָל געלונגען איבערצוגעבן אַ רעאַליסטיש געשטאַלט, אַ וואָרהאַפטיקס.

די שטוב איז געווען פאַרמאַכט. מאַניע איז דאָ שוין זיכער געווען און אַוועקגעגאַנגען. אַן אַנדערשמאָל פלעגט מיר ווערן באַנג. היינט בין איך געווען צופרידן, וואָס איך בין אַליין. איך האָב זיך גלייך גענומען צום שרייבן.

איך האָב זיך פאָרגעשטעלט לצווינגערס פריערדיק לעבן, זיינע ערשטע טריט אין דער פאַבריק. און איצט — דער ענטוזיאַזם פון די אַרבעטער פאַר דעם הויכן פּראָצענט פון זיין איבערשטייגן די נאָרמע, דער פיעטעט, מיט וועלכן זיין נאָמען ווערט אַרויסגערעדט דורך קירילויקן. איך האָב געפילט, אַז איך באַהערש נאָך נישט די טעמע. אַז זי קומט אַרויס ביי מיר צופיל צעפלאָסן, אַז איך גיי נאָך אַלץ אַרום דער געשטאַלט.

עס איז אַריינגעקומען מאַניע. ס'איז געווען קענטיק, אַז זי האָט היינט איר טואַלעט געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט ווי געווײנטלעך. זי איז געווען פאַרסאַפּעט.

— איך יאָג זיך, ווייס נישט וואָס איבערצוטראַכטן, און ער זיצט זיך דאָ רויק און שרייבט. האָסט פאַרגעסן, אַז מיר האָבן בילעטן אין טעאַטער אַריין?

איך האָב באמת פאַרגעסן. אָבער אָנשטאָט דעם האָב איך געזאָגט:

— מיר גלוסט זיך איצט אַזוי שרייבן...

כ׳האָב זיך גלייך געוואָלט צוריקכאַפּן, דעריציילן דעם אמת, נאָר אין דעם מאָמענט האָט מאַניע געמאַכט אַ טריט נענטער צום שרייב-טיש:

— ביסט בייז אויף מיר, זיגמונט? כ׳בין באמת אַ נאַרישע. אַנשטאָט צו העלפן, שטער איך דיר. דו דאַרפסט שרייבן.

איצט האָב איך מאַניען געמוזט בעטן, זי זאָל גיין אין טעאַטער. אין שטוב איז געבליבן איר גוטער טרייער שמייכל.

אָן אָוונטיקע טונקלקייט האָט שוין אָנגעפילט די גאַס. אין די פענצטער פון קעגנאיבערדיקן הויז האָט מען אָנגעצונדן העלע גרויסע לאָמפּן. איך האָב געקוקט אויף די באַלויכטענע פענצטער. אונטן זיינען זיי געווען פאַרשטעלט מיט בלומען, פון אויבן און אַרום – מיט געבלימלטע פאָרהאַנגען. אין די אָוונטן הערט מען דאָ אָפט שפּילן אויפן קלאַוויר. דאָרטן וווינט וויגדאָראָוויטש, פון שניידער-קאָאָפּעראַטיוו, אַ פולער, אַ בלאָסלעכער. זיין ווייב איז אויך אַ פולע, אַ בלאָנדע, מיט ליבלעכע העלע אויגן. אינדערפרי גייען זיי צוזאַמען צום טראַמוויי. זייער צעניאָריק יינגעלע שפּילט אויף קלאַוויר. אָפט הערט מען זינגען יידישע לידער. איך האָב געטראַכט:

„אָט ווי שיין עס לעבן אַרבעטער אין אַ סאָציאַליסטיש לאַנד".

עס האָט געברענט בלויז דאָס בלויע לעמפּל אויף מיין שרייב-טיש. די צווייטע העלפט שטוב איז געווען פאַרזונקען אין האַלב-טונקלקייט. מיר האָט זיך געדוכט, אַז ס׳איז שוין שפּעט. כ׳האָב געהערט דאָס קלאַפּן פון מיין האַנט-זייגערל און נישט געפילט קיין באַדערפעניש אַ קוק צו טאָן געגוי די שעה. כ׳האָב זיך איינגעהערט אין די גערוישן, וואָס זיינען געקומען פון גאַס. דורכפאָרנדיקע טראַמווייען, אויטאָס, הויכע שמועסן פון שפּאַצירנדיקער יוגנט האָבן זיך צונויפגעגאָסן אין דער סימפּאָניע פון שטאָטישן אָוונט. פון אַ שכנותדיק פענצטער האָט זיך געהערט אַן אנגעצנעם קול, וואָס האָט דורכן ראַדיאָ-אַפּאַראַט דערציילט וועגן הויךאיבערגעשטיגענע נאָרמעס אין די נידערשלעזישע קוילנגרובנס.

איך האָב נאָכאַמאָל דורכגעוואָרפן די אָנגעשריבענע בלעטלעך. מיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דעם שמועס פון קיריליוקן מיט דעם יונגן שלאָסער וויסאָקי. ער האָט געפרעגט:

— פאַרוואָס האַלט איר, אַז מיר קאָנען נישט דעריאָגן לעווינגערן?

סוכאַרסקי, אַ מיטליאָריקער אַרבעטער, האָט זיך אָנגערופן:

— לעווינגער קאָן אַלע סאָרטן מאַשינען, וועלכע זיינען פאַראַן ביי אונדז אין פאַבריק. ער איז שוין געווען ביים מאָנטירן זיי איינער פון

די ערשטע. ער איז ווי צוזאַמענגעוואַקסן מיט די מאַשינען. ער וואָלט געקאָנט זיין מייסטער פון אַן אָפּטיילונג. ער וויל עס נישט.

— לעווינגערס הויכער פּראָצענט איז נישט קיין מעטע — האָט וויסאָקי נישט נאָכגעגעבן — עס איז אַ וועג, וועלכן ער האָט אונדז אָנגעוויזן צו גיין אויף אים. מיר וועלן גיין אויף דעם וועג. דער עיקר איז דער נייער מעטאָד, וועלכן ער ווענדט אָן אין דער·אַרבעט. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז מיר וועלן אים איבעריאָגן.

די סצענע איז מיר נאָך לעבעדיק געשטאַנען פאַר די אויגן. כ׳האָב געזען וויסאָקיס פּנים, דאָס פייער אין זיין העלן בליק. פאַרוואָס אים נישט באַשרייבן, זיינע רייד, געטוי, ווי ער איז אין דער ווירקלעכקייט?

כ׳האָב געמאָלן די שטריכן פון וויסאָקיס און סוכאַרסקיס פּנימער, די פאַרב פון זייערע אויגן און זייער אופן פון רעדן. דאָך האָב איך געפילט, איז די גאַנצע שיין געוואָרפן אויף לעווינגערן. די איבעריקע מענטשן פון דער פאַבריק קומען אַרויס אויבנאויפיק, פלאַך. דאָס איבער· דערציילן דעם אמתן פאַקט און שילדערן אים אָן שום פאַנטאַזיע, מעג עס זיין ווי געטוי, איז נאָך נישט גענוג. מיר איז געגאַנגען אין איבער· געבן אין דער דערציילונג די שטימונג, וואָס עס האָט זיך געשאַפן אַרום לעווינגערן... די זעלבע שטימונג האָט זיך אויך געשאַפן אַרום די העלדן אין די קוילן·גרובן, פּסטראָווסקי, קאַוווטשוק. אין דער שטימונג האָט זיך געפילט אַ מין שטאָלץ, וואָס האָט געשטאַרקט דעם גלויבן אין די אייגענע כוחות. דאָס, האָב איך קלאָר געפילט, איז מיר נישט געלונגען אַרויסצוברענגען. עס האָבן זיך ווידער צעוועקט אין מיר אומרואיקע ספקות: עס איז איבער מיינע כוחות. בעסער אָנשרייבן אַ ברייטערע נאָטיץ מיט לעווינגערס פאָטאָגראַפיע און אָפּשיקן אין דער צייטונג.

אינעם אַנטקעגנאיבערדיקן פענצטער מיט די געבלימלטע פאָרהאַנגען האָט מען געזונגען אַ ליד. די ווערטער פון דעם ליד זיינען אַריין צו מיר אין שטילן צימער, אַ קרעפטיק קול האָט מיט האַרץ אַרויסגעברענגט די באַקאַנטע ווערטער:

„אין אונדזער לאַנד זינגט הויך די פרייד
פון בויען און פון זייען, פון אַקערן און פון שניידן...“

ג]

— נו וואָס, אַזוי ווערט אויסזען אונדזער אַרבעט? — האָט סוכאַרסקי דער ערשטער אָנגעהויבן מיט אַ טאָן, אין װעלכן ס'איז שווער געווען צו דערקענען, צי איז עס פּנס אויף זיך אַליין, צי ס'איז אָן אַריינפיר צו אַ נייעם מעטאָד, וואָס ער גרייט זיך צו דערציילן.

שוין עטלעכע טעג ווי מען אַרבעט בײַ אונדז די נײַע מוטרעס פון אַלומיניום. אַ שווערע אַרבעט. זעקס מאָל טוישן דעם אינסטרומענט, זעקס מאָל איבערשטעלן די מאַשין-טיילן. די מוטרעס זיינען נייטיק אין די טויזנטער. אונדזערע צוויי וואַרשטאַטן קאָנען בשום אופן נישט דעריאָגן. דער באַוווּסטזיין, אַז מיר צעשטערן דעם פּראָדוקציע פּלאַן גיט אונדז נישט קיין רו.

אין דעם טאָג איז סוכאַרסקי געווען אומרואיקער ווי געוויינטלעך. יעדע פּאָר מינוט איז עמעץ פון די מאָנטערן אַריינגעקומען אַ קוק טאָן ווי עס זעט אויס מיט די מוטרעס. סוכאַרסקי האָט נישט געענטפערט. אין גערויש האָט זיך קוים אַרויסגעהערט זיין שטיל אונטערפּיפן, וואָס האָט דערציילט וועגן זיין קאָנצענטרירן די געדאַנקען איבער עפּעס אַ נייעם איינפאַל.

בײַ מיר איז די גווינט-מאַשין גוט געגאַנגען. עס האָט זיך געוואָלט אַזוי מיטזינגען מיט איר ריטם. די אָפּעראַציעס ביים טוישן די טיילן זיינען אויסגעקומען וואָס אַמאָל שנעלער.

— עפּעס שלעפּט זיך בײַ דיר — האָב איך צוגעשריגן צו סוכאַרסקין — וועגן וואָס טראַכסטו דאָס?

— מען מוז זען עפעס צו ענדערן - האָט גלייך געענטפערט סוכאַרסקי – צופיל אָפּעראַציעס. דער גאַנצער פּלאַן פון דער מעכאַנישער אָפּטיילונג איז איינגעשטעלט.

איך האָב אים געוואָלט ענטפערן, ער זאָל דאָס מאַניפּולירן אָפּלייגן אויף נאָך דער אַרבעט. אַ העלפט מאָנטערן שטייען שוין מיט פאַרלייגטע הענט און וואַרטן אויף די מוטרעס. אין דער מינוט האָב איך דערזען דעם אינזשיניער כמיעלאָווסקי. ער איז אויסגעוואַקסן נעבן מיר, ווי עס וואָלט אים אויסגעשפּיגן איינע פון די גרילצנדיקע מאַשינען. ער האָט גענומען אין האַנט אַריין איינע פון די אויסגעפּאַרטיקטע מוטרעס און געקוקט אויף מיר מיט אַ נישט גוטן שמייכל.

— אייער אַרבעט איז אַבסאָלוט נישט בעסער פון אייערע קאָרעספּאָנדענצן אין דער צייטונג..

אין מוח ביי מיר האָט זיך עפּעס אָנגעהויבן שנעל צו באַוועגן. ווען כ'האָב ענדלעך געפונען דאָס פּאַסיקע וואָרט, איז שוין דער אינזשיניער כמיעלאָווסקי געווען נעבן סוכאַרסקיס וואַרשטאַט. אין זיין אַראָפּגעבויגענעם שיין גצשווירענעם קאַרק האָב איך אַרויסגעפילט די געמאַכטע פריינדלעכקייט, מיט וועלכע ער האָט זיך צוגעהערט צו סוכאַרסקיס רייד. מיט דער זעלבער פריינדלעכקייט, נאָר עטוואָס צו הויך, ווי בכיוון, איך זאָל אויך הערן, האָט ער געענטפערט:

— דאָ ביי אונדז, זיינען פאַראַן אַלטע מייסטער, וועלכע זיינען נישט נאַרישער פון אייך. ווען זיי האָבן געאַרבעט די מוטרעס, האָסטו נאָך נישט געוווּסט ווי אַזוי מען נעמט אין האַנט אַ שרויפּן ציער. און דו ווילסט זיין קלוגער פון אונדז אַלע. וואַרף אָוועק די קלוגע איינפאַלן און טו בעסער דיין אַרבעט ווי ס'געהער צו זיין. מאַך זיך נישט קאַליע דעם שם פון אַ גוטן שלאָגלער.

מיך האָט באַהערשט אַ צולהכעיסדיקייט. ווען קירילוק איז פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך צו אים ווי געשריגן:

— כמיעלאָווסקין געפעלט נישט מיין אַרבעט.

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, גענומען אין האַנט אַריין איין מוטרע, אַ צווייטע, אָנגעקוקט מיך מיט פאַרשנדיקע אויגן און געפרעגט:

— וואָס וויל ער?

איך האָב בייז געהויבן די אַקסלען און ווייטער געטאָן מיין אַרבעט.

קירילויק איז צוגעגאַנגען צום אינזשיניער. זיי האָבן עפּעס איינגע־סעמהט צווישן זיך. שפּעטער האָט קירילויק, פאַרבייגייענדיק, געקוקט אויף מיר מיט זיינע האַלב־פאַרמרוזשעטע אויגן, אויפמערקזאַם און מיט פאַרוווּנדערונג. אויף זיין פּנים איז געווען חברישקייט. ווייזט אויס, אַז דאָס, וואָס ער האָט געהערט פונעם אינזשיניער, איז פאַר אים אויך גע־ווען אַ גרויס נייעס און עס האָט אין אים געוועקט, דוכט זיך, אומרו־איקע געדאַנקען.

די פאַרביטערונג האָט געזידט אין מיר. האָב איך דען געמיינט עמעצן צו באַליידיקן מיט מיין נאָטיץ? עס איז דאָך דער חוב פון יעדן קאָרעספּאָנדענט אָנצוווייזן אויף פעלערן נאַכלעסיקייטן. איך האָב קלאָר געפּילט, אַז כמיעלאָווסקין גייט ווייניק אָן דער אַלגעמיינער פּלאַן פון אונדזער פאַבריק, און דאָס האָט נאָך מער פאַרשטאַרקט מיין כעס צו אים.

ביים איבעררייס, אַרויסגייענדיק פון דער האַלע, איז סוכאַרסקי צוגעקומען צו מיר. אין זיינע אויגן האָבן געשפּילט לעבעדיקע פייער־לעך.

— האָסט געהערט כמיעלאָווסקיס רעדעריי? ווי ער האָט מורא פאַר אָן אויסבעסערונג אין דער אַרבעט. און איך זאָג דיר, אַז מיר קאָנען דווקא יאָ דורכפירן מען זאָל נישט דאַרפן אַזויפיל אָפּעראַציעס ביי די דאָזיקע אַלומיניום מוטערס.

פון דער גיסעריי איז אַרויסגעקומען לעווינגער. כ'האָב גלייך דערקענט זיין הויכע געשיקטע פיגור און זיין קאָפּ צעשויבערטע האָר. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ צוואַנג מיט אַ שטיק גליענדיק מעטאַל. סוכאַרסקין האָט ער באַגריסט שמייכלענדיק מיט זיין גאַנצן לענגלעך־ברוינעם פּנים.

— זע, וואָס פאַרא שטאָל.

— און מיר — זאָגט סוכאַרסקי, בעת לעווינגער שטרעקט צו מיר אויס די לינקע פרייע האַנט, שטיל אונטערברומענדיק זיין נאָמען - זיינען היינט פאַרבאָרן אין די אַלומיניום־מוטערס. אַ לאַנגווייליקע אַרבעט מיטן טוישן יעדע פאָר מינוט די טיילן. כ'האָב מורא פאַרן פּלאַן. די מאָנטערן זידלען זיך. אָבער...

ער האָט געמאַכט אַ טריט נענטער. זיין מאַט־ברוין בנים האָט אינגאַנצן אויפגעלעבט, ווי פון אַ גוטן ליכטיקן געדאַנק, וואָס איז אין אים מיטאַמאָל געבוירן געוואָרן. ער האָט שטיל געזאָגט:

— וועסט אונדז צוהעלפן, לעווינגער. כ׳האָב אַן איינפאַל, מ׳זאָל נישט דאַרפן אָוועקגעבן אַזויפיל צייט אויף טוישן די מעסערס, די טיילן. באַלד נאָך דער אַרבעט וועלן מיר עס אַרומרעדן. גוט? מיר וועלן עס וואָס שנעלער דורכפירן. עס איז שוין פשוט נישט צום איבערטראָגן דאָס אָפּשטעלן זיך יעדע מינוט, וויסנדיק, אַז דערמיט פאַרהאַלטסטו צענדליקער אַנדערע.

כ׳האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן מיין בליק פון לעווינגערס פנים, די עקשנותדיקע קנייטשן, וואָס האָבן זיך געצויגן פון דער נאָז ביז צו די מויל-ווינקלען. זיינע אויגן האָבן געלויכטן ווייך און חבריש. איידער ער האָט נאָך געענטפערט, איז אין זיי שוין געווען דער צוזאָג, אַז ער וועט קומען, וועט העלפן. כ׳האָב נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דאָס אַלץ, וואָס איך האָב געשריבן וועגן אים. עס האָט מיך אָנגענומען אַ פאַרלאַנג מיט אים עפּעס צו רעדן, פּ־עגן. אין קאָפּ האָבן כאַאָטיש געשווינדלט פאַרשידענע ווערטער און זיך נישט געקאָנט אויסלייגן אין קיין קלאָרע און פאַסיקע רייד. לסוף האָט לעווינגער אַ פריילעכער זיך אָנגערופן:

— נו גוט. וואַרטזשע צו אויף מיר גלייך נאָכן פאַרענדיקן די שיכט. טאָמער פאַרשפּעטיק איך זיך אויף צען מינוט — זאָלט איר נישט אַנטלויפן. כ׳וועל זיכער קומען. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט דער זי־כערקייט, אַז אויך איך בין אַ שותף צו דעם איינפאַל.

סוכאַרסקי איז שטאַרק דערמוטיקט געוואָרן פון די דאָזיקע פריינד־לעכע ווערטער. ער האָט מיך אָנגענומען פאַרן אָרעם און הייס גע־רעדט:

— עס וועט אונדז זיכער געלינגען. מען וועט דאַרפן מאַכן צייכע־נונגען. אָזעלכע כמיעלעווסקיס געפעלט עס נישט, וואָס מיר לערנען זיך. האָ, האָ, מעטאַלורגיע איז היינט נישט קיין מלאכה, ביי וועלכע דו אַרבעטסט ווי אַן אויטאָמאַט. עס איז אַ ווויסנשאַפט, ברודער, אַ וויסנשאַפט, ביי וועלכער יעדער אַרבעטער האָט אַ פרייען צוטריט, פונקט ווי אויפן אוניווע־זיטעט.

די גאַנצע צייט נאָכן איבעררייס האָט מיר די אַרבעט שוין אויס־געזען נודנע. כ׳בין געווען איינגאַנצן דורכגעדרונגען מיט סוכאַרסקיס גלויבן, אַז מיט לעווינגערס הילף וועט אונדז געלונגען צו באַזייטיקן אַ ריי איבעריקע אָפּעראַציעס. עס האָט מיר איצט אויסגעזען ממש אומ־דערלאָזבאַר אַזאַ פאַרטאַכליעווען צייט. אָט האָב איך פון דער אויסער־לעכער זייט אַרומגעשליפן די מוטרע לויטן גווינט, אַרומגעשניטן די עקן,

און מוז איצט אָפּשטעלן די מאַשין, איבערשטעלן די טייל כדי צו שניידן די צווייטע עקן. אויך דאָס אויסשניידן און אויסשלייפן די קאַרבן פון דער אינעווייניקסטער זייט זיינען זעלבסטשטענדיקע אָפּעראַציעס, וואָס פאָדערן דאָס איבערשטעלן די טיילן און טוישן די מעסערס. ביי יעדן מאָל דאַרף מען אָפּשטעלן די מאַשין. מאָרגנס, אַז עס האָט זיך נאָך ביז איצט נישט געפונען קיינער, וואָס זאָל אַ טראַכט טאָן וועגן אויסבעסערן די אַרבעט ביי דער דאָזיקער פּראָדוקציע.

יעדעס מאָל ווען כ'האָב געכאַפּט אַ בליק אויף סוכאַרסקין, האָב איך געזען, אַז זיין געדאַנק אַרבעט אָן אויפהער. דאָך איז די אַרבעט ביי אים איצט געגאַנגען אַ סך שנעלער ווי פריער. די פאַרביסנקייט אויף די פּנימער פון די מאַנטערן איז פאַרשוואונדן. בלויז זייערע אויגן האָבן געמאָנט: מער. מער מוטרעס. מער, מער...

מיין געדאַנק האָט זיך געדרייט אַרום דער באַגעגעניש מיט לעווינ-גערן. אַ שטאַ־קער ווילן האָט מיך באַהערשט, די אַרבעט זאָל זיך וואָס שנעלער ענדיקן, כ'זאָל צוזאַמען מיט לעווינגערן זיך נעמען צו סוכאַר-סקיס פּראָיעקט. כ'האָב נאָך נישט געהאַט קיין אַנונג אין וואָס זיין אויפטו באַשטייט, דאָך האָט אין מיר געגליט דער גלויבן, אַז זיין איינ-פאַל איז א ריכטיקער, אַ ממשותדיקער. אפשר מאָרגן שוין וועט אונדזער אַרבעט אינגאַנצן אַנדערש אויסזען, לעבעדיקער, אינטערעסאַנטער. ענד-לעך וועלן מיר אויספירן דעם פּלאַן.

מיט סוכאַרסקין בשכנות אַרבעט איך פון אָנהייב אָן. ער האָט שוין אויף דער מאַשין געאַרבעט אַ לענגערע צייט, פאַרשידענע מעטאַלן, פאַרשידנערליי טיילן, געוויינטלעכע פאַרמעסטן. זי איז ביי אים געגאַנגען ווי אַ זייגער. ער האָט מיט אַלע זיינע חושים אַרויסגעפילט יעדן גרילץ און מאָ-מענטאַל זיך אָריענטירט וואָס עס פעלט. קיריליוק האָט אין אַ שמועס מיט מיר געזאָגט: „סוכאַרסקי איז מיט דער מאַשין צוזאַמענגעוואַקסן ווי אַ נשמה מיט אַ קערפּער”. ווען מען האָט אים מיט אַ צייט צוריק פּרעמ-מירט, האָט ער שעמעוודיק זיך ווי פאַרענטפערט: „אָט, אַ מאַשין ביי מיר אַזאַ, אַ גוטע”. ער פלעגט זי, פוצנדיק, גלעטן מיט זיינע ענערגישע הענט. מיט שנעלע פלינקע אויגן און קלאָרן געדאַנק האָט ער נאָכגע-שפּירט אירע שווינדלענדיקע באַוועגונגען. ערשט מיט עטלעכע וואָכן צו-ריק איז אין דער מאַשין עפּעס קאַליע געוואָרן. עס האָט געדויערט צוויי טעג ביז זי איז דערפירט געוואָרן צו איר פריערדיקן צושטאַנד. סוכאַרסקי איז דעמאָלט נישט אָפּגעטראָטן פון איר פון באַגין ביז שפּעט

אין אָוונט. מיך פלעגט ער אָפט לערנען צו מעסטן די באַוועגונגען ביי דער אַרבעט. דאָס וויכטיקסטע, האָט ער געהאַלטן, איז נישט צו פטרן קיין אומזיסטע באַוועגונג. דאָס איז דער זיכערסטער וועג איבערצו־שטייגן די נאָרמע.

איינמאָל אין אַן אָוונט, ווען מיר זיינען צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט ער מיר דערציילט, אַז פאַר דער מלחמה האָט ער פאַרקויפט ציַיטונגען אויפן פויזנער וואָקזאַל. ער אַליין האָט זיי קיינ־מאָל נישט געלייענט. היינט פאַרפעלט ער נישט קיין איין אַרטיקל אין ציַיטונג. ער האָט מיר דער ערשטער דערציילט וועגן מיין אָפּגעדרוקטער קריטיק איבער דער אַנפירערשאַפט פון אונדזער פאַבריק.

— עך, האָסטו זיי אַריינגעגעבן אין די ריפּן אַריין. שוין לאַנג צייט געווען. חוץ נאַכלעסיקייט איז דאָ עפּעס נישט אין אָרדענונג אויך.

ווען איך האָב אים שפּעטער דערציילט פאַטשאַרעקס בייזע אָנדריי־טונג אויף מיין קאָרעספּאָנדענץ, האָט ער מיך שווייגנדיק און אויפ־מערקזאַם אויסגעהערט און מיט אַ באַלערנדיקן טאָן געזאָגט:

— אמת, פאַטשאַרעק, כאָטש ער געהערט נישט צו די שלאַגלער, האָבן מיר אין אָנהייב געהאַלטן פאַר אַן אייגענעם. ער האָט טאַקע אַוואַנסירט אויף בריגאַדיר. אָבער לעצטנס האָב איך שוין לאַנג באַמערקט, אַז אים אינטערעסירט מער די הכנרע אָנפירונג ווי דער אַרבעטער. דער עיקר גייט אים, אַז דער אינזשיניער, דער דירעקטאָר, זאָלן זיין צופרידן. אָנשטאָט צוהעלפן געפינען אַן אויסוועג פון דער סיטואַציע, זוכט ער בעסער ווי צו פאַרגלעטן, פאַרווישן... עך, נעם זיך נישט צום האַרץ. דו שרייב ווייטער וועגן יעדער קלייניקייט, וואָס קאָן שטערן דאָס אויספירן דעם פּלאַן.

די ווייזערס אויף מיין האַנט־זייגערל האָבן געוויזן באַלד צווי־כ'פאַרטיק אויס די לעצטע גווינטן. די מאָנטערן, וועלכע האָבן ערשט צוגענומען אַ פול קעסטל מיט מוטרעס, האָבן צופרידענע גע־שמייכלט:

— האָסט זיך אונטערגעגאַרטלט אַביסל, אָבער ס'איז נאָך אַלץ ווייניק.

מאָרגן וועט זיין מער — האָט פון מיר שוין אַרויסגערעדט די זיכערקייט אין דורכפירן סוכאַרסקיס פּראָיעקט — מאָרגן וועט איר קיין איין מינוט נישט שטיין צוליב אונדז.

פאַר מיין וואַרשטאַט איז געבליבן שטיין אירקע, די מאַשיניסטין ביי כמיעלאָווסקין אין קאַבינעט. עטלעכע סעקונדן איז זי געשטאַנען אומבאַוועגלעך, גלייך, הויך פאַרוואָרפן דעם קאָפּ. אויף איר העל פּנים איז געווען אַ גרימאַסע פון פאַרביסענעם ברוגז. אויף מיין באַגריסונג, האָט זי ווי נישט געהערן אַ נייג געטאָן מיטן קאָפּ און געזאָגט:

– אינזשיניער כמיעלאָווסקי האָט געהייסן זאָגן, אַז איר זאָלט גלייך נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט אַרויפקומען צו אים אין קאַבינעט.

אַ מינוט בין איך געבליבן שטיין פאַרוואונדערט. אין קעגנזאַץ צו כמיעלאָווסקין פלעג איך אויף אירקעס פּנים שטענדיק זען אַ פריינדלעכן שמייכל, אַן אויפריכטיקן. כ'האָב גלייך דערפילט, אַז איר איצטיקע פאַר-ביסנקייט האָט אויך אַ צוזאַמענהאַנג מיט דער נאַכיך. פון כּעס און באַ-ליידיקונג האָט מיר דאָס בלוט אַ זעץ געטאָן אין פּנים מיט אַזאַ קראַפט, אַז אין די אויגן איז מיר הייס געוואָרן.

– צו וואָס דאַרף ער מיך פּונקט אַצינד? – האָב איך געפרעגט מיט אַן איינגעהאַלטן-ענערגישן טאָן, קוקנדיק איר מיט חוצפּה אין די אויגן.

זי האָט נאָך העכער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, די ברעמען האָבן זיך ביי איר צונויפגעצויגן און אויסמיידנדיק מיין בליק האָט זי שאַרף געענטפערט:

– דאָס, מיין איך, וועט איר זיך דערוויסן ביים אינזשיניער. כ'האָב נישט די טבע צו מישן זיך אין נ י ש ט - מ י י נ ע ענינים.

די אַנדייטונג איז געווען אַ קלאָרע. איז זי, הייסט עס, אויך אַ קעגנערין פון שרייבן דעם אמת. מעגלעך, אַז כמיעלאָווסקי דאַרף מיך אויך וועגן דעם זעלבן. גוט. כ'וועל גיין. איינמאָל פאַר אַלעמאָל דאַרף מען קלאָר מאַכן די זאַך.

– גוט, קאָנסט גיין – האָט סוכאַרסקי געזאָגט, נאָכדעם ווי כ'האָב אים ביים פאַרענדיקן די אַרבעט דערציילט, אַז כמיעלאָווסקי רופט מיך – ווו איך ווין, ווייסט דאָך, וועל איך מיט לעוויצגערן דאָרטן וואַרטן אויף דיר. אייגנטלעך, וואָס קאָן ער אַזעלכעס דאַרפן פון דיר? וועגן פּלאַן? איבעריקנס, נישט וויכטיק. מיר וואַרטן אויף דיר.

ביי כמיעלאָווסקין אין קאַבינעט איז קיינער נישט געווען. די אויפ-געקאָכטקייט האָט אָנגעהאַלטן אין מיר. כ'האָב געוואָלט גלייך אַוועקגיין. אין דעם מאָמענט האָט זיך געעפנט די טיר און עס האָבן זיך געגעבן

אַ שיט אַריין קירילױק, װיעליכאָװיטש, דער סעקרעטאַר פֿון דער פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע אין אונדזער אָפּטיילונג, די בריגאַדירן.

— זיגמונט איז אויך דאָ — האָט קירילױק צו מיר געשמייכלט מיט אַ פאַרמרוזשעט אויג און מיט די קלוגע קנייטשן אַרום דעם אויג און אויף זיין הויכן שטערן. עס זיינען אָנגעקומען נאָך עטלעכע מייסטער פֿון אַנדערע צעכן. פֿון די אויבערשטע קעשענעס אין זייערע בלויע פּאַרטעכער האָבן אַרויסגעשטעקט צירקלען, דינינקע שרויפן־ציערלעך און פֿאַרשידנקאָליריקע שפּיצן פֿון בלייפעדערס. דער מיושבדיקער מענדזשיצקי, דער מייסטער פֿון דער מאָנטירעריי האָט שעלמיש אַ קלאַפּ געטאָן קירילױקן אין אַקסל.

— אַלץ די אַלומיניום מוטרעס. זיי באַװייזן נישט... און װאָס װעט טאַקע זיין מיטן פּלאַן? מען דאַרף אויף אָן אמת אַ טראַכט טאָן.

עס איז אַריינגעקומען כמיעלאָװסקי. ער האָט צו אַלע זייער פריינדלעך געשמייכלט און זיך באַקװעם אַװעקגעזעצט אין דעם אָפּגעריבענעם לעדערנעם פאָטעל, דער איינציקער אין דעם ציכטיק איפּגערוימטן קאַבינעט. לענגויס פֿונעם צימער האָט זיך געצויגן אַ לאַנגער מיט באָרדאָפּליוש באַדעקטער טיש, אַרומגעשטעלט מיט העל פּאָלירטע בענקלעך. עס איז געשטאַנען אַן אָפענע שאַנק מיט געראָלטע דיאַגראַמען און שטאָלענע מאַשין טיילן. קעגנאיבער דער טיר איז געװען אַ גרויסער שטייזייגער. הינטער כמיעלאָװסקיס פּלייצעס איז געשטאַנען דאָס פיר קאַנטיקע טישל מיט צװיי טעלעפאָן־אַפּאַראַטן.

— מיר האָבן גערופֿן די היינטיקע באַראַטונג צוליב...

אין דעם מאָמענט איז כמילאָװסקיס בליק געפאַלן אויף מיר.

— אַהאַ, איר, פּאַניע זיגמונט, מוזט אייגנטלעך נישט זיין אויף דער באַראַטונג. אייך האָב איך גערופן, כדי איר זאָלט פֿון מאָרגן אָן פֿאַרטרעטן באַרטישעװיטשן ביי דער שלייפמאַשין. ער האָט איצט געברענגט אַ באַפרייונג פון דאָקטאָר, ער איז קראַנק.

עפּעס ביטערס האָט מיר גענומען קנייפּן אין האַלדז. זיין כװנה איז פאַר מיר געװען אַ קלאָרע. ער װייסט, אַז איך באַהערש נאָך גענוג שװאַך די שליפיערקע, כ׳בין נישט זיכער, צי כ׳װעל אויף איר אויספירן די נאָרמע, דערצו נאָך ביי דער נייער פּראָדוקציע. ער װיל אַרום מיר שאַפן די שטימונג אַלס דריטנראַנגיקער אַרבעטער אויף צו פֿאַרשטופּן לעכער.

– און וואָס וועט זיין מיט די אַלומיניום מוטרעס? – האָב איך זיך געפּרוּווט אָנכאַפּן אין דער וויכטיקייט פון דער דאָזיקער פּראָדוקציע, זוכנדיק מיט די אויגן הילף ביי קיריליוקן.

– ביי די מוטרעס וועט מען אָוועקשטעלן אַן אַנדערן, אַ בעסערן פּאַכמאַן...

דער שאָס איז געווען גוט אויסגעמאָסטן. כמיעלאָווסקי האָט מיט אַ זיגערישן בליק אַרומגענומען די מענטשן אין קאַבינעט. איך האָב מיט כּוח אויפגעהויבן מיין בליק.

– און אפשר וואָלט דער בעסטער געגאַנגען צו דער שליפיעקע? מיר וועט דאָרט זיין נאָך שווערער אין אָנהייב.

אַנטקעגנאיבער מיר איז געזעסן דער פּאַרטיי סעקרעטאַר וויעליכאָוויטש. ער האָט געהאַט אַ שמאָל אַנטשלאָסן פּנים. לאַנגע שוואַרצע וויעס האָבן צוגעגעבן זיינע גרויע אויגן אַ שטאָלענעם גלאַנץ און אויסדרוק פון פאַרשאַרפטער וואַכזאַמקייט. מיר האָט זיך מיטאַמאָל אויסגעוויזן, אַז ער אָבסערווירט מיך פון דער ערשטער מינוט אָן. איצט האָט ער זיך אויפגעשטעלט און, קוקנדיק גלייך אויף מיר, געזאָגט:

– אַלס פּאַרטיי־חבר, דאַרפט איר, חבר זיגמונט, נישט באַמיען זיך אַרויסצודרייען פון אַן אַרבעט, בלויז דערפאַר, ווייל דער אָנהייב וועט זיין אַ שווערער. מיך וואונדערט בלויז – האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו כמיעלאָווסקין – פאַרוואָס אינזשעניער כמיעלאָווסקי האַלט, אַז די אָנוועזנהייט פון חבר זיגמונט אויף דער היינטיקער באַראַטונג איז נישט וויכטיק. חבר זיגמונט איז אַ קאָרעספּאָנדענט פון אונדזער פאַבריק. זיינע קריטישע באַמערקונגען לעצטנס אין דער צייטונג זיינען זייער וויכטיקע. מיר וועלן וועגן זיי רופן אַ ספּעציעלע באַראַטונג. אָבער אויף די פּאַכמענישע באַראַטונגען איז אומבאַדינגט וויכטיק די אָנוועזנהייט פון חבר זיגמונט.

דעם סעקרעטאַרס זאַכלעכע און וואַרעמע רייד האָבן דערוועקט אין מיין נשמה אַ שטילן גלי פון צוריקגעוווּנענער זעלבסטזיכערקייט. אין מוח האָבן זיך גענומען איינלייגן די ווערטער, מיט וועלכע איך האָב געוואָלט אויפדעקן די אמתע כּוונה פון כמיעלאָווסקין, וואָס זיין דורכשניטלעך פּנים און וואַסערדיקע אויגן האָבן איצט אָנגענומען דעם אויסדרוק פון פריינדלעכן ווידערשטאַנד. זיין הויל קול האָט איצט געעגבערט דאָס אויער:

— אָבער די דאָזיקע באַראַטונג איז זייער אַ קורצע. זי האָט נישט קיין שייכות, המם, כ׳מיין... עס האַנדלט זיך וועגן די עבאָניט-טוטרעס... די מאָנטערן זיינען כסדר געשטאַנען מיט פאַרלייגטע הענט. מען דאַרף רעאָרגאַניזירן...

ער האָט געגומען דערקלערן בפרטיותדיק אין וואָס עס גייט, שטאַמלענדיק וועגן שוועריקייטן, וואָס וועלן דאַרפן באַזייטיקט ווערן. אויף וויעליטשקאָוויטשעס פנים, אַ פנים פון אַ פערציק יאָריקן מאַן, האָט זיך דורכגעשלאָגן אַ יונגט-לעכער אויסדרוק. ער האָט שווייגנדיק געקוקט אויף כמיעלאָווסקין. דורך די לאַנגע טונקעלע וויעס האָט ער איצט שאַרף, ווי דורך אַ שליסל-לאָך, דורכגענומען דעם אינזשיניער, און איך האָב פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך אָפּ ביי אים אין האַרצן, כאָטש ער האָט עס מיט קיין איינציקן צוק פון פנים נישט אַרויסגעוויזן. עפּעס נישט-דורכגעטראַכטס, פאַלשס איז געבליבן הענגען אין דער לופט נאָך כמיעלאָווסקיס רייד.

מיין בליק האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט קירילוקס אויגן, מיט זייער ערנסטן שמייכל. וויעליטשקאָוויטש האָט עפּעס פאַרצייכנט אין זיין נאָטיץ-ביכל.

ד]

צו סוכאַרסקין בין איך געלאָפן מיט אַלע כּוחות. כאָטש עס איז געווען נישט ווייט פון דער פאַבריק, די דריטע גאַס. דאָס איז געווען אַ גאַס אַ ברייטע און ברוקירטע, און דאָך האָט זיך דאָ געפילט עפּעס דאָרפישס פון די גערטנער אַרום די גראָע, שטאָקיקע הייזער. עס האָבן אויף איר געוווינט אַ סך אַרבעטער פון אונדזער פאַבריק. זיי האָבן איצט באַגאָסן מיט וואַסער די בייטן אין די גערטנער, אין וועלכע עס זיינען געוואַקסן שיינע פאַרשידנקאָליריקע בלומען און נידעריקע פּרוכטן־ביימער. כ׳פלעג דאָ טיילמאָל שפּאַצירן מיט סוכאַרסקין. איצט האָב איך גאָרנישט געזען אַרום זיך. דער ראָזער הימל האָט דערמאָנט, אַז דער טאָג ענדיקט זיך. לעווינגער קאָן שוין האָבן אַוועקגעגאַנגען.

די טיר האָט מיר געעפנט סוכאַרסקיס פרוי. דער געבלומטער שירץ, די קאַשטאַנע האָר און דאָס העלע פּנים אירס האָבן זיך לעבעדיק אָפּגעשלאָגן אין דעם שוואַך־באַלויכטענעם קאָרידאָר. זי האָט, ווייזט אויס, שוין געוווּסט, אַז איך דאַרף קומען. זי האָט גלייך געזאָגט:

– ביטע, זיי זיינען אין דער צווייטער שטוב... ס׳איז ביי מיר אַזאַ אומאָרדענונג. כ׳האָב ערשט נישט לאַנג אָפּגענומען דאָס קינד פון דער פּאָרשוּל...

כ׳האָב נישט געהאַט וואָס צו ענטפערן און פאַרלעגן געשמייכלט. מיין פראַגע, צי מען קאָן אַריינגיין האָט געוויס אויסגעזען זייער נאַריש.

לעווינגער מיט סוכאַרסקין זיינען געזעסן ביים אָפענעם פענצטער, דורך וועלכן עס האָט זיך געזען ווי די זון זעצט זיך אין מערב זייט. אויף דעם שמאָלן טישל זיינען געווען אָנגעוואָרפן צייכענונגען. ביידע האָבן מיך פריינדלעך באַגריסט. כ׳האָב געפילט לעווינגערס אויגן אויף

מיין פנים. סוכאָרסקי האָט מיט איינגעהאַלטענער פרייד מיר דערלאַנגט די לעצטע צייכענונג.

— נאָ, זע, כ׳מיין, אַז צוליב אונדז וועט דער פּלאַן נישט געשטערט ווערן, האַ?

לעווינגער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער מיר, געוויזן די ערטער אויף דעם צוגאָב אַפּאַראַט, וווּ עס דאַרפן ווערן איינמאָנטירט פיר, פינף און אפשר מער מעסערס. דאָס וואָלט דערמעגלעכט אויסצופירן עטלעכע אָפּעראַציעס מיטאַמאָל. אַ ספּעציעלער שטאַלענער ווייזער ווערט אָנגע- שטעלט אַזוי, אַז ער זאָל העלפן די מעסערס אַרבעטן לויט דער געווונ- טשענער מאָס און גרייס, וועלכע עס פאָדערט יעדע אָפּעראַציע.

— די אָפּעראַציעס וועלן איצט זיין פירפאַכיק ווייניקער ווי פריער.

— דורך די צוויי שעה האָט איר באַוויזן אַזויפיל צייכענונגען צו מאַכן? — האָב איך זיך געוווּנדערט.

— צוויי שעה? — האָט לעווינגער זיך אויסגעגלייכט. זיין קול האָט געקלאָכט האַרט און קלינגעוודיק — מער ווי צוויי מעת-לעת האָט ער דערביי געמוטשעט זיך. ער האָט מיך געהופן צום גרייטן. עס איז שוין כמעט אַלץ פאַרטיק געווען.

— און דו מאַך ווידער נישט דעם אָנשטעל פון אַ באַשיידן יינגעלע. און וועמענס אויפטו איז אָט דאָס גווינטעלע אויף אָנצושטעלן די טיילן ביי די איבעריקע אָפּעראַציעס?

דערביי האָט אים סוכאָרסקי האַרט פאַרן פּנים געפאָכעט מיט די פאַרצייכנטע פּערגאַמין-פּאַפּירן, וואָס האָבן קנאַקעוודיק געראַשט אין זיינע גרויסע הענט מיט די טונקעלע קנייטשן און שטאַרקע פינגער.

— דאָס דאַרף מען ערשט אויספּרובירן — האָט לעווינגער לייכט אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען. אין זיינע לעבעדיקע אויגן, קלוגע און באַענטע, האָט זיך מיטאַמאָל אַריינגעכאַפּט די אָוונטיקע פאַרטראַכטקייט.

— כמיעלאָווסקי וועט אונדז נאָך נישט איין שטיין לייגן אויפן וועג — האָב איך זיך אָנגערופן, כאָטש איך בין געווען איבערצייגט, אַז ער האָט צו קורצע הענט צו קאָנען שטערן דאָס דורכפירן דעם ראַציאָ- נאַליזאַטאָרישן אויפטו, וואָס וועט האָבן אַזאַ גרויסע באַדייטונג פאַר אונדזער פאַבריק.

סוכאָרסקי האָט ערנסט געזאָגט:

— המם... כמיעלאָווסקי. אים געפעלט באמת נישט, ווען אַן אַרבע- טער קומט מיט אַן אויסבעסערונג. ער בלאָזט זיך אָן ווי אַן אינדיק,

שרייט: „בעסער אַ שלאָגלער איידער אַ ראַציאָנאַליזאַטאָר”. ראַציאָנאַליזאַטאָרן צעדרייען אים די מאַשינען. היינט האָב איך אים געזאָגט: „וואָס פאַר אַן ארבעט פאַרמעסט וואָלט עס געווען אָן ראַציאָנאַליזאַטאָרישע אויפטועןֿ” ער האָט מיר עפּעס צוגעבורטשעט. דער טייוול ווייסט אים, וואָס פאַר אַ טיפּ דאָס איז.

לעווינגערס ליפּן האָבן זיך לאַנגזאַם פאַנאַנדערגעצויגן אין אַ שמייכל. און פּונקט אַזוי לאַנגזאַם און שאַרף אַרויסגערעדט:

– כמיעלעווסקי לעבט נאָך מיט די באַגריפן פון זיין קלאַס. פאַרשטייט זיך, אַז אים איז דערווידער דער פאַרנעם פון אונדזער געוועט, וואָס ווערט מיט יעדן טאָג אַלץ גרעסער.

– עס וואָלט שוין לאַנג צייט געווען אים איינצוטוישן אויף אַן אייגענעם – האָט אין מיר אויפגעפלאַקערט דער פריערדיקער כעס פון אַ גאַנצן טאָג. איך האָב גענומען דערציילן וועגן דער אָפענער שנאה, וואָס ער ווייזט מיר אַרויס צוליב דער קריטיק, וואָס כ׳האָב אָפּגעדרוקט אין דער צייטונג. כ׳האָב אויך דערציילט פּאַטשאַרעקס טשעפּען זיך, איר־קעס ברוגזן זיך און דעם פאַרלויף פון דער היינטיקער באַראַטונג אין דער אָנוועזנהייט פינעם פּאַרטיי סעקרעטאַר.

– איז דען נישט קלאָר פאַר דער פּאַרטיי די שעדלעכקייט פונעם דאָזיקן אינזשיניער? אַט אַזאַ מייסטער ווי קירילזוק וואָלט נישט פיל בעסער אָנגעפירט מיט דער אָפּטיילונג?

די גאַנצע צייט, וואָס כ׳האָב דערציילט, האָט סוכאַרסקי געקוקט אויף מיר מיט אַ פאַרכראַכטן אויסדרוק אין די אויגן. לעווינגער איז געשטאַנען, אָנגעשפּאַרט מיט איין קני אויפן בענקל און געקוקט סתם אַזוי אויף עפּעס אַ בילד, וואָס איז געהאָנגען אויף דער וואַנט. אַ קורצע ווײַלע איז געווען שטיל. דאָס פלאַכפלעריי פון סוכאַרסקיס פּיר־יאַריקן יינגעלע איז אַהער דערגאַנגען פון דער צווייטער שטוב ווי עפּעס אייגנס און נאָענטס. ענדלעך האָט לעווינגער זיך אָנגערופן:

– איז אירקע, הײסט עס, בייז אויף אייך?

באַלד האָט ער זיך ווי אויפגעכאַפּט און אַן אויפגעלעבטער גענומען רעדן:

– איר זאָגט קירילזוק זאָל אָנפירן מיט דער אָפּטיילונג? המם, נישט קיין שלעכטער געדאַנק. קירילזוק איז אַ גוטער פּאַרטיי־חבר. וויפל האָבן מיר אַזעלכע קירילזוקס? און ווער וועט זיין מייסטער? האַ?... איר זייט נישט דער ערשטער, וואָס קומט מיט אַזאַ געדאַנק און איר פילט

נישט ווי קינדיש ער איז, ווי נאַאיוו. מיט דער פֿאַבריק פֿירט אָן די פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע און גוט אָנפֿירן הייסט: אַריינציִען אויך אַזעלכע פֿאַכלייט, וועלכע זיינען אונדז דערווייל נאָך פֿרעמד. אַליין לערנען זיך ביי זיי און געבן דער ארבעט די ריכטליניע, וועלכע די פּאַרטיי פֿאָדערט פֿון אונדז.

דער דאָזיקער געדאַנק איז נישט געווען פֿאַר מיר אינגאַנצן ניי. דאָך האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ'האָב אים ערשט איצט קלאָר פֿאַרשטאַנען. כ'האָב זיך דערמאָנט וויעליכאָוויטשעס שטאָלענע אויגן בעת זיי האָבן מיט זייער דורכדרינגלעכן בליק דורכגענומען כמיעלאַווסקין. סוכאַרסקי האָט געזאָגט?

— עס איז אַ שווערע אויפֿגאַבע... אָבער זי מוז ווערן אויסגעפֿירט.

עס איז אַריינגעקימען סוכאַרסקיס פֿרוי. איר ברייט פּנים איז געווען פֿאַרפּלאָנטן.

— איר וועט בלייבן מיט אונדז אויף נאַכט-עסן, אמת?

דער שמועס האָט זיך איבערגעריסן. איך האָב געוואָלט זאָגן, אַז כ'מוז אַהיימגיין, נאָר לעווינגער האָט מיט אַזאַ אייגנאַרטיקער פֿרייקייט געפֿרעגט:

— און אַ טרונק וועט זיין?

סוכאַרסקי האָט צופֿרידן געלאַכט. כ'האָב געקוקט ווי זי האָט מיט פֿלינקע הענט אויסגעגלייכט דאָס טישטעך און אָנגעהייבן אויסצושטעלן פֿאַרשידענע שפּייזן. צום טיש האָט זיך צוגעזעצט סוכאַרסקיס ייִנגעלע. די בלויע אויגעלעך זיינע האָבן פֿריילעך געפֿינקלט צו די גוטע זאַכן.

— אַלעש, האָסט עפּעס אַ ניי ליד? — האָט אים דער פֿאָטער געגלעט.

— שלום? — האָט דער קליינער ערנסט געפֿרעגט.

— אָ, שלום. שלום. .

דאָס ייִנגעלע איז גלייך אויפֿגעשפּרונגען פֿון בענקל, אויסגעגלייכט די הענטלעך, פֿאַרבייגט זיך און האַלב-דעקלאַמירט, האַלב געזונגען:

„אונדזער ליד זאָגט אָן
שלום אויף דער וועלט...“

נאָכן פֿאַרענדיקן דאָס גאַנצע ליד האָט זיך אַלעש צוריק אַנידערגעזעצט אויפֿן בענקל און מיט ערנסטער זעלבסטפֿאַרשטענדלעכקייט אויפֿגענומען אונדזערע אַפּלאָדיסמענטן און בראַוואָס. אַ צופֿרידענער אַ שטאָלצער פֿון אונדזער לויבן אים, איז ער גלייך ווידער אַראָפּגע.

שפּרונגען, אַרויסגעלאָפן אין צווייטן צימער און באַלד צוריקגעקומען, טראָגנדיק אין האַנט אַ בילד אין אַ שיין געשניצט ברוין רעמל.

– דאָס איז סטאַלין! – האָט ער מיטן פינגערל געוויזן אויפן בילד.

– ווער איז ער דער סטאַלין?

– ער וויל שלום.

– און וואָס נאָך?

אַ ווײַלע איז ער געשטאַנען און נאָכגעטראַכט. האַלטנדיק דאָס ווײַז-פינגערל ביים מויל און דאַן געענטפערט:

– סטאַלין האָט ליב קינדער!

דער שמועס ביים עסן האָט זיך געצויגן אַ גאַנצע שעה. סוכאַרסקי האָט זיך געוווּנדערט, וואָס די פאַרוואַלטונג פונעם ראַציאָנאַליזאַטאָרן קלוב איז לעצטנס איינגעשלאָפן. שוין אַ לענגערע צייט איז נישט פאָרגעקומען קיין צוזאַמענטרעף מיט די אינזשעניערן פון פּאָליטעכניקום. עס קומען נישט צו קיין נייע טעכנישע האַנט-ביכער אין ביבליאָטעק. אין פּילטשיצע, למשל, האָט דער ראַציאָנאַליזאַטאָרן קלוב אַ רייכע ביבליאָטעק. עס זיינען דאָרט פאַראַן וויכטיקע אויפטוען. ס׳וואָלט כדאי געווען צו באַקענען זיך מיט זיי.

– יאָ, זיי האָבן דאָרט אַ גוטן אַקטיוו – האָט לעווינגער געזאָגט, אָנגיסנדיק זיך פון פאָרצעלייענעם קריגל נאָך אַ שאָל קאַווע - אָבער, וואָס שייך ראַציאָנאַליזאַטאָרישע אויפטוען זיינען לעצטנס ביי אונדז אויך פאַראַן עטלעכע זייער וויכטיקע. סטאַכוראָס אויפטו ביי די הויב-שטאַנגען איז אַ מיליאָניקער.

יאַנינע, סוכאַרסקיס ווייב, האָט פריש אָנגעשמירט פאַר יעדן זעמל מיט פּוטער. עס איז אַריינגעטראָטן אַ קורצע שטילקייט. שפּעטער האָט סוכאַרסקי ווידער אָנגעהויבן צו רעדן וועגן דעם, אַז ער האָט שוין אָפּגעלעבט קנאַפּע פערציק יאָר, דערלעבט אַזאַ צייט, אַז ער דאַרף נישט אַרבעטן פאַר קיין פאַבריקאַנט, דאַרף נישט מורא האָבן פאַר אַרבעטס-לאָזיקייט און פאָרט געשען נאָך עוולות דעם אַרבעטער. אין פאַבריק דרייען זיך אַרום מענטשן, וואָס דו פילסט, אַז זיי זיינען שונאים – און זיי קאַמאַנדעווען מיט דיר, קוקן אויף דיר פון אויבן אַראָפּ. אָט אַ שטייגער היינט כמיעלאָווסקי... יענע וואָך איז דער יונגער צדעק גע-גאַנגען אין ביוראָ און געבעטן אַ דערלויבעניש צו קומען אין אָוונט אין דער שלאָסעריי, ער וויל אויספּרוּוון אַ נייעם גאָפּל-אַרטיקן מעסער,

האָט מען אים געענטפערט, אַז מען וועט נישט ספּעציעל ברענגען ליכט פון זיינעטוועגן.

— מאָרגן, פאַרשטייסט... — זיין קול איז געוואָרן שטילער, שווערער - מאָרגן נעמט מען מיר אַוועק זיגמונטן, ער טוט עס דאָך להכעיס. עס איז אַן עוולה....

ער איז שטיל געבליבן, אויפגעהויבן דעם פינגער אין דער הויך, צום פענצטער צו.

— הערסט?

— וואָס?

— עך, איר! כ'זיץ אין שטוב און ווייס געגוי, וואָס ס'טוט זיך אין פאַבריק. עס האָט זיך צעהודזשעט די ערשטע מעכאַנישע אָפּטיילונג. זי האָט איר אייגן קול.

— יאָ, אָרלאָווסקי גרייט זיך שוין צו דער נאַכט-שיכט. - לעווינגערס אויערן זיינען געוואָרן ווי לענגער, אָנגעשפּיצטער. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיינע אויגן האָבן פאַרגאַפּיעטע, געשמייכלט.

— עך, ווען איך וואָלט געקאָנט שרייבן - האָט ער זיך מיטאַמאָל אָנגערופן צו מיר, איבערגייענדיק אויף „דו“ — דו ווייסט וועגן וואָס כ'וואָלט געשריבן? וועגן „קאַטיען“, וועגן דער ריזיקער שטאָלענער „קאַטיע“, וואָס מען האָט די וואָך געברענגט פון ראַטנפאַרבאַנד אין אונדזער אָפּטיילונג. זי וועט שניידן, גווינטעוועץ, פיילן, שלייפן - אַלץ איינעם. פינף אונדזערע רעוואָלווערקעס וועט זי פאַרטרעטן, און איין מענטש, נישט מער ווי איין מענטש וועט זי באַדינען. עס איז מיטגעקומען מיט איר איינער, אַ סאָוויעטישער מענטש. אַ פּשוטער אַרבעטער, און וויפל וויסן ער פאַרמאָגט. ער רעדט מיט דיר וועגן די כעמישע באַשטאַנד-טיילן, מעכאַנישער אייגנשאַפט פון יעדן קוואַליטעט מעטאַל, אין וואָס פאַר אַ טעמפּעראַטור עס איז געגאָסן געוואָרן. הערסט? פאַר די עטלעכע טעג, וואָס ער איז מיט אונדז, האָבן מיר אים אַלע ליב באַקומען. ווען איך האָב דיין פעדער, באַשרייב איך די זאַך. עס לוינט צו שרייבן וועגן אַזעלכע מענטשן. און קאַטיע? עס איז אַ פריידיד צו קוקן אויף איר.

כ'האָב געפילט ווי כוואַליעס געצירטקייט שלאָגן מיר צום האַרצן. דאָס האָט אָנגעהאַלטן אויך דאָן, ווען מיר זיינען צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען. איבער דער שוואָך-באַלויכטענער גאַס איז געהאַנגען אַ טינטקאָליריקער הימל אָן שטערן. די לופט איז געווען הייס. בלויז צייטנווייז

האָט אַ שטיל ווינקל דורכגעציטערט צווישן די בלעטער פון די צעצווייג־טעביימער און לייכטער געמאַכט דאָס אָטעמען. איך האָב דער ערשטער אָנגעהויבן רעדן וועגן סוכאַרסקיס אויפטו, וועלכער וועט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַר דער פאַבריק.

ערגעץ אין דער הויך האָבן זיך געקוילערט שווערע דונערן. אַ ליאַדע מינוט קאָן אָנהויבן גיסן אַ רעגן. מיר האָבן פארשנעלערט די טריט. לעווינגער האָט מיך געפרעגט, צי כ׳קום אויף די פּאָליטיש אידעאָלאָגישע קורסן. ער האָט ווי אַרויסגעפילט מיין פאַרוואונדערונג איבער זיין פראַגע און גענומען רעדן וועגן דער ערשטער צייט אין דער פאַבריק. ס׳רוב מאַשינען זיינען געשטאַנען אין זשאַווער. די אַרבעט איז נישט געגאַנגען, אַלץ איז געפאַלן פון די הענט. די מענטשן ביי די מאַשינען האָבן כסדר געהאַט תרעומות, „מ׳פאַרדינט ווייניק”. ביסלעכווייז האָבן זיך גענומען אויסטיילן נייע מענטשן. עס זיינען אָרגאַניזירט געוואָרן קורסן פון מאַרקסיזם־לעניניזם. די גרונטיקע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע איז געוואָרן פון טאָג צו טאָג שטאַרקער. דער קאַמף פאַרן פּלאַן איז אַריין אין בלוט, איז געוואָרן אַ קאָלעקטיווע אַמביציע. מיר האָבן זיך באמת ליב געקריגן, ווי א קאָלעקטיוו, אַ משפחה.

כ׳האָב דערפילט, אַז מיר הויבן ווידער אָן גיין פאַמעלעכער. מיר זיינען נאָך אַלץ געווען אין דעם קנויל פון פאַרשאָטנטע גאַרטנדיקע געסלעך. פון אָפענע פענצטער, וואָס האָבן פריילעך אַרויסגעלויכטן צווישן די הויכע קאַשטענעס, האָבן זיך געהערט מוזיק טענער פון פאַטעפאָן און ראַדיאָ־אַפּאַראַטן. אַרום מיר זיינען אַרומגעפליגן אַזוי ווי שמעטערלינגען די קלינגענדיקע רייד פון לעווינגערן. ער האָט דערמאָנט נעמען פון אַרבעטער, פון אַזעלכע, וואָס כ האָב גוט געקענט און אַזעלכע, וואָס כ׳האָב איצט צום ערשטן מאָל וועגן זיי געהערט. מיט וויפל האַרץ זיי גיבן זיך אָפּ דער אַרבעט, צו פאַרגרעסערן די פּראָדוקטיוויקייט פון דער מאַשין. עס איז דעמלט אָנגעגאַנגען אַן אַרבעט פאַר קאַדרען. קאַדרען הייסט — זיין קול איז געוואָרן וואָס אַמאָל העכער, ווי ער וואָלט זיך געהויבן איבער אַן אומזעבאַרן לייטער פון עקשנותדיקער שטרעבונג — הייסט זאַמלען אַרום זיך וואָס מער מענטשן, אויסוואַרצלען פון זיי דאָס שלעכטס, וואָס די היטלעריסטן האָבן נאָך זיך איבערגעלאָזט. עס דרייען זיך נאָך אַרום אַזעלכע מיט דעם שלעכטס אין די ביינער. אָבער זיי זיינען שוין היינט ווייניק.

— ווייניק, אָבער געפערלעך. זיי טוען נאָך אָן גענוג צרות.

כ׳האָב זיך דערמאָנט די ווערעם, וועלכע האָבן די אייגענע קאָליר, וואָס די בלעטער פון בוים, אויף וועלכן זיי געפינען זיך, אַפילו די אָדערן האָבן די זעלבע פאַרם. זיי זיינען די געפעולעכסטע, ווייל מען קאָן זיי נישט דערקענען. כ׳האָב געוואָלט מאַכן אַ פאַרגלייך צווישן זיי און די שונאים פון אונדזער פאַבריק און האָב בשום אופן נישט גע־קאָנט דערמאָנען זיך דעם נאָמען פון דעם מין וואָרעם.

– געפערלעך, אמת. זיי זעען נישט די שיינקייט פון נייעם לעבן, בלינדע.

ער האָט געקוקט אין מיין זייט, אָבער כ׳האָב געוווּסט, אַז ער זעט מיך נישט. כ׳האָב געהאַט דעם איינדרוק, אַז ער זעט בכלל איצט גאָר־נישט. עס האָט אויסגעזען ווי אינעווייניק אין אים האָט זיך געעפנט אַ בוך און ער לייענט פון דאָרטן אַרויס די געשיכטע פון זיין אייגן לעבן, פון טויזנטער אַנדערע, מיט וועלכע ער איז געקראָכן אויף די מיסטן זוכן עפעס צו שטילן דעם הונגער אין די צייטן פון אַרבעטסלאָזי־קייט.

ער איז זייער פרי געבליבן אַ יתום און גלייך פאַרזוכט דעם טעם פון הונגער. אויך די דריי יאָר, וואָס ער איז געווען אַ לערן ייִנגל ביי אַ שלאָסער, האָט ער אונטער־געהונגערט. אין וואַרשע, קראָקע, לובלין, ווו ער פלעגט וואַנדערן זוכן אַרבעט, איז דער הונגער געוואָרן אַן אומאָפּטיילבאַרע זאַך פון זיין לעבן. אין לובלין האָט ער אַמאָל געזען אַ מאַמע מיט הונגעריקע קינדער אויף אַ שיועל פון אַ הויז. די קינדער האָבן נישט געוויינט. זיי זיינען שוין געווען האַלב פאַרחלשט. אין גאַס זיינען געגאַנגען מענטשן, רויק געשמועסט, געלאַכט. ענלעכע בילדער האָט ער שפּעטער געזען אומעטום. אָבער דאָס דאָזיקע בילד איז קיינמאָל פון אים נישט אָפּגעטראָטן. אַפילו דאַן, ווען ער האָט געקריגן אַרבעט. אויף אומ־לעגאַלע דעמאָנסטראַציעס, אין די קאַמפן אין שפּאַניע, שפּעטער אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך, איז אים אַלעמאָל געשטאַ־נען פאַר די אויגן דאָס בילד.

– היינט איז אין גאַנצן לאַנד נישט פאַראַן קיין איין הונגעריק קינד, קיין איין אַרבעטסלאָזער מענטש. פאַרשטייסט, וואָס פאַראַ גליק מיר האָבן דערלעבט? דאָס האָבן מיר אויסגעקעמפט, אויסגעבויט, און פאַראַן אַזעלכע, וואָס ווילן עס צעשטערן. די האָבן אין זייער לעבן קיין מאָל נישט געהונגערט, נישט געזען קיין הונגעריקע קינדער. דאָס זיינען בלינדע...

כ׳האָב אין אַלע אָדערן געפילט דאָס הייסע, טיף־מענטשלעכע, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון זיינע רייד. ביים געזעגענען זיך אין טראַמוויי, מיט וועלכן איך בין ווייטער פון אים געפאָרן, האָב איך געזאָגט, אַז כ׳פריי זיך, וואָס מיר האָבן זיך באַקענט. ער האָט געדריקט מיין האַנט אין זיינעביידע דלאָניעס, לאַנגע, טרוקענע און שטאַרקע, און גע־שמייכלט.

— פאַראַן נאָך אַ סך צו רעדן — ער האָט גלייך צוגעגעבן — און צו טאָן.

ווען כ׳בין אַהיימגעקומען איז מאַניע שוין געשלאָפן. אויפן טיש איז געווען אָנגעגרייט דאָס נאַכט־עסן, איבערגעדעקט מיט אַ קלאָר־ווייסער סערוועטקע. כ׳האָב עס געלאָזט אַזוי שטיין און גלייך זיך גענו־מען צום שרייבן. אויפן שרייב־טיש זיינען געלעגן נישט פאַרענדיקטע קאָרעספּאָנדענצן, וועלכע איך האָב לעצטנס פאַרנאַכלעסיקט צוליב דער דערציילונג. היינט בין איך באַרייכערט געוואָרן מיט אַזויפיל מאַטעריאַל, וואָס האָט זיך געבעטן איבערצושרייבן, דערגענצן די געשטאַלטן, וועלכע זיינען נאָך אַלץ געווען צעשוווּמען.

דער זייגער האָט געוויזן צוועלף.

עס וועט גאָרנישט אַרויסקומען דערפון — האָט אַ קול גענומען רעדן אין מיר מיט אַ נאָגנדיקער דייטלעכקייט, אַזש אַ שווייס האָט מיך באַגאָסן. כ׳האָב געמוזט אָוועקלייגן די פעדער.

— שרייב — האָט אַ צווייט קול, אַ שטאַרקס, געשריגן אין מיר.

ה]

אירקע איז אויף דער פאַבריק אָנגעגאַנגען אַלס וויל און סימפּאַטיש מיידל. מיט איר פרישקייט און חן האָט זי געצויגן אויף זיך אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט. נישט איינער האָט געזוכט איר נענטערע באַקאַנטשאַפט, אָבער זי איז געווען צו אַלעמען גלייך פריינדלעך. איינמאָל איז מיר אויסגעקומען צוצוזען אַזאַ בילד. דאָס איז געווען ביים סוף פון אַן ערשטער שיכט, די אַרבעטער זיינען זיך שוין צונויפגעקומען. זייער פרייַלעך איבערוופן זיך איז ווי דערטרונקען געוואָרן אין דעם פאַרטויבנדיקן גערויש פון די מאָטאָרן און מאַשינען. פלוצים איז צווישן די זיג-זאַגיקע רייען מאַשינען און טראַנסמיסיעס פאַרבייגעלאָפן אירקע. אַלעמענס בליקן זיינען איר נאָכגעלאָפן. זי האָט געטראָגן, ווי געוויינטלעך, איר ברוינזיידענע שירץ. דינע זון-שטראַלן זיינען דורך די הייכע געקעסטלטע פענצטער געפלויגן אויף איר אויפגערודערט פנים. אירע אויגן האָבן געפלאַמט. זי איז געבליבן שטיין צווישן די ניט-מאַשינען, וועלכע אָגורעק האָט באַדינט. עס איז געווען עפּעס כישופדיקס אין דעם, וואָס אויף איר דערשיינען האָבן זיך מיטאַמאָל פאַרהאַלטן די מאַשינען אינעם לינקן פליגל פון דער האַלע און באַלד האָט זיך אויך אין מיטן דער האַלע אָנגעהויבן איינצושטילן דער גערויש. כ׳האָב דייטלעך געהערט איר קול, וואָס איז געווען דורכגענומען מיט פריידיקער באַוווּנדערונג:

— ווי אַזוי האָט איר עס באַוויזן? אַזויפיל ניטן דורך איין שיכט. דאָס איז דאָך אַן אויסערגעוויינטלעכער רעקאָרד...

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג, ווי זי וואָלט וועלן צוגיין נענטער, גאָר נאָענט צו אָגורעקן. אין דעם מאָמענט האָט זי ווי דערפילט די שטילקייט אַרום איר. זי איז געבליבן שטיין מיט פאַרוווּנדערטע אויגן.

איבער איר פנים איז אַ ציטער אַדורך, ווי זי וואָלט זיך געגרייט אַרי־בערצושפרינגען אַ טיפן גרוב. דאָס האָט געדויערט נישט מער ווי איין מינוט. גלייך איז די האַלע ווידער פול געוואָרן מיטן גערויש פון מעכ־טיקע מאַשין־קולות.

ביים אַהיימגיין האָט מען פון אַלע זייטן געטשעפּעט מיט אַגורעקן:

– שיעור, שיעור זיך נישט פאַרליבט אין דיר...

– אַ האַרציק מיידל, די איריקע – האָט צו מיר איינמאָל געזאָגט לעווינגער, בעת איינעם פון די שמועסן, וועלכע כ׳האָב די לעצטע טעג געפירט מיט אים געניג אָפט – זי איז ווירקלעך געווען בייז אויף דיר. כמיעלאָווסקי האָט עס איר אַזוי אָנגעשטעלט. שטעל דיר פאָר, זי איז אַזוי אַריינגעטאָן אין דער אַרבעט, אַז זי איז גרייט די אויגן אויס־דראַפּן יעדן איינעם, וואָס רעדט אַ שלעכט וואָרט אויף דער פאַבריק. זי האָט זיך געלאָזט איינרעדן פון כמיעלאָווסקין, אַז דיר איז געגאַנגען אין אַרונטעררייסן דעם אויטאָריטעט פון דער אָנפירונג, אַז די, וואָס האָבן ערשט געענדיקט אַ קורס, האָבן שוין אַמביציעס אָנצופירן מיט דער פאַבריק. כ׳האָב איר קוים איבערצייגט, אַז כמיעלאָווסקי געהער צו די, וואָס מ׳דאַרף זיי קוקן אויף די פינגער.

איך האָב אָנגעהויבן אַנדערש קוקן אויף אַלעם, וואָס עס טוט זיך אַרום מיר. אָפט האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז כ׳קוק אויף דער פאַבריק מיט די אויגן פון לעווינגערן, וואָס קאָן די געשיכטע פון יעדער אָפּטיי־לונג, פון יעדער מאַשין. מיט פאַטשאָרעקן זיינען מיינע באַציונגען נאָך אַלץ געווען אָנגעצויגן. אויך קיריליוק גייט לעצטנס אַרום אַ פאַרנומענער. אָבער שטענדיק איז אויף זיין פנים דאָ דער אויסדרוק פון חברישקייט. ער גיט אַ שעלמישן שמייכל, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן:

– נו, זעסט, מען קאָן אויף דער שליפיערקע אויך איבערשטייגן די נאָרמע...

די ערשטע צוויי טעג איז קיריליוק כמעט ווי נישט אָפּגעטרעטן פון מיר. די אַרבעט, וועלכע איז מיר אין אָנהייב געגאַנגען שלימזלדיק, האָט, אונטער זיין אויפמערקזאַם אויג, גענומען גיין וואָס אַמאָל בעסער. איצט איז ער צופרידן, וואָס מען קאָן זיך שוין אויף מיר פולשטענדיק פאַרלאָזן, אָבער אַרויסווייזן די צופרידנקייט האָט ער נישט קיין צייט.

כמיעלאָווסקי איז פון דעמלט אָן צו מיין מאַשין נישט צוגעקומען. ווייזט אויס, קיריליוק האָט אים אינפאָרמירט, אַז כ׳אַרבעט אָן „בראַק״. כ׳ווייס נישט פונוואַנען לעווינגער האָט זיך עס דערוווסט. באַגריסנדיק

זיך מיט מיר אין קלוב, האָט ער מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פּלייצע און געזאָגט:

— אָ, דאָס געפעלט מיר. אַ שלייפער אָן איין פּראָצענט בראַק, דאָס קלינגט שטאַרק! מ׳דאַרף וועגן דעם אָנשרייבן אַ פּאָר ווערטער אין דער וואַנט צייטונג. באַלד וועל איך טאַקע אַ רעד טאָן מיט גלאַוואַצקין...

ער האָט זיך אויסגעדרייט צום דערנעבנדיקן טישל, וווּ צוויי אַר־בעטער אין העלע העמדער אָן מאַרינאַרקעס זיינען געווען פאַרנומען ביי אַ דאָמינאָ שפּיל.

— וואָלאָדקע, האָסט נישט געזען גלאַוואַצקין?

יענער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, געוואָלט עפּעס ענטפערן, און מיטאַמאָל אַרויסגעפּלאַצט מיט אַ געלעכטער, ווייזנדיק אויף דער טיר.

אין דער טיר איז געשטאַנען אָגורעק. זיין צעשויבערטער קאָפּ איז געווען אָנגעלענט אין דער וואַנט. פון הינטער דער צעקנעפּלטער מאַ־רינאַרקע האָט זיך אַרויסגעזען אַ שטיק העמד, אַריבערגעהאָנגען איבער די הויזן, מיט דער רעכטער האַנט האָט ער געפאָכעט אין דער לופטן, ווי ער זאָל צעטרייבן אַ געדיכטן נעפּל, און זיינע אָפענע אויגן האָבן געקוקט ווי אין אַ פינצטערן חלל אַריין.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף לעווינגערן. זיינע שוואַרצע ברעמען האָבן זיך צונויפגעצויגן. זיין שטאַרקע בולטע גאָמבע האָט אַ ציטער געטאָן. ער האָט זיך גלייך געלאָזט צו דער טיר, אָנגענומען אָגורעקס פאָכנדיקע האַנט און שאַרף, ווי צווישן די ציין, אַרויסגערעדט:

— ביסט שוין ווידער שיכור?

ער האָט אים געוואָלט אַוועקזעצן אויף אַ בענקל, אָבער אָגורעק איז מיטאַמאָל געוואָרן רעדעוודיק:

— וואָס האָסטו זיך צוגעטשעפּעט צו מיר? אַ לערער ביסטו מיר געוואָרן. אַ הייליקער, כאַ־כאַ־כאַ, און דו, הייליקער, טרינקסט נישט? האַ, אַ הייליקער ביסטו?...

לעווינגער האָט אויף אים אויפמערקזאַם געקוקט, זיך פאַרטראַכט און שטיל געזאָגט צו אים:

— אָגורעק, דו מוזט אַהיימגיין זיך איבערשלאָפן.

אַנשטאָט אָן ענטפער האָט אָגורעק מיטאַמאָל אָנגעהויבן זינגען מיט אַ כריפּלע קול.

אין זאַל האָט פּלוצלינג זיך באַוויזן אָגורעקס פרוי. אירע גרויסע שוואַרצע אויגן זיינען געווען פייכט. זי האָט זיך גלייך געוואָנדן צו

לעווינגערן. איר קול האָט זיך קוים דורכגעקריגן דורך איר פאַר־שטיקטער קעל:

— העלפט מיר צו אים אַהיימפירן.

אַגורעק האָט זיך אַוועקגעזעצט און מיט ביידע הענט זיך אָנגע־כאַפּט פאַרן טיש. די פרוי האָט זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט. זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו שטיין גלייך, אָבער אירע פּלייצעס האָבן געציטערט.

אַגורעקס הענט און פּנים האָבן מיטאַמאָל פאַרלוירן זייער קראַמפּ־האַפטיקייט. ער האָט זיך צוגעבויגן צו לעווינגערן.

— זי פאַרמוטשעט מיך מיט איר וויינען, אָבער כ׳האָב זי ליב — האָט ער געזעדט מיט אַ שנעל פאַרכריפּעט קול — פרעג איר, וואָס וויל זי פון מיר? כ׳האָב זי דאָך שטאַרק ליב...

לעווינגער האָט זיך צוגעזעצט צו אים.

— דו האָסט צוויי שיינע קינדערלעך, וואָס וויינען איצט אין שטוב, זיי וואַרטן אויף דיר. און דער פּלאַן? מאָרגן טאָרסטו נישט פאַרשפּע־טיקן צו דער אַרבעט...

אַגורעק האָט זיך איצט, אַן איינגעקורטשעטער, ווי אַ פאַרוווּנדע־טער, געלאָזט פירן פון לעווינגערן. כ׳האָב געוואָלט מיטגיין, נאָר לעווינ־גער האָט צו מיר געווונקען, כ׳זאָל בלייבן.

אין קלוב איז דער גערויש געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער און לע־בעדיקער. מושינסקי, דער אַגיטאַטאָר פון דער גיסעריי האָט זיך געקאַכט, דער דאָזיקער פאַל מיט אַגורעקן דאַרף ווערן אַרומגערעדט אויף אַ ספּעצ־יעל גערופענער פאַרזאַמלונג. עלטערע אַרבעטער האָבן שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפן דאָס שיכורן און זיינען גליקלעך. און אַגורעק, וויפל מען רעדט נישט אַריין אין אים, און ער קאָן זיך נישט אָפּגעווינען.

— מע דאַרף אים זאָגן — האָט זיך אָנגערופן דער אַרבעטער אין ווייסן העמד, נישט אויפהייבנדיק דעם קאָפּ פונעם דאָמינאָ־שפּיל — אַז אויב ער וועט נישט אויפהערן צו שיכורן, וועט ער באַטראַכט ווערן ווי אַ פ־עמדער עלעמענט. זיין שיכורן וועט אים ווירקלעך פאַרטרייבן אין אָפּגרונט. זעט, פון זיין ווייב איז שוין געבליבן אַ העלפט.

פון איינעם פון די דערנעבנדיקע צימערן האָבן זיך געלאָזט הערן אָפּגעריסענע מאַנדאָלין־קלאַנגען. די מיטגלידער פון מאַנדאָלין־אָרקעסטער זיינען זיך צונויפגעקומען ביסלעכווייז, מיט אַן אויסדרוק פון פאַרנומענ־

קייט. זיי האָבן זיך נישט פאַרהאַלטן אין גרויסן זאַל, נאָר גלייך אַריין אינעם דערנעבנדיקן צימער.

לעווינגער איז נאָך אַלץ נישט געווען. כ׳האָב שוין געוואָלט אַוועק־גיין. מיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דעם נייעם נומער וואַנט־צייטונג, וועלכער איז פונקט אין דער קרום געווען פאַרגאָסן מיט אַ בלענדנדיק שטיק זון. עס איז דאָרט געווען אַ נאָטיץ וועגן סוכאַר־סקיס אויפטו און אַ צייכענונג פון דעם צוגאַב־אינסטרומענט מיט די מעסערס.

דער נומער איז געווען אַן אינטערעסאַנטער, אַ סך באַטיילִיקטע. מיר איז געפעלן די קריטיק איבער דעם פאַבריק־ראַט פאַרן מאַנגל אין צוזאַמענאַרבעט מיטן קאָמיטעט פון אַרבעט־פאַרמעסט. די קריטיק איז געווען געשריבן אין אַ חברישן טאָן, קלאָר און לאָגיש. כ׳האָב געפרווט פאַרגלייכן מיט מיין אופן פון שרייבן.

— איר האָט נישט באַמערקט, לעווינגער איז דאָ געווען?

נעבן מיר איז געשטאַנען אירקע. זי האָט געשמייכלט מיט איר גע־ווינטלעכן רויקן און זיכערן שמייכל.

כ׳קאָן זיך נישט פאָרשטעלן דעם אויסדרוק פון מיין פנים אין דער מינוט. ער האָט געמוזט זיין זייער קאָמיש. דער שמייכל אויף אירע ליפּן איז געוואָרן נאָך ברייטער, שיעור נישט איבערגעגאַנגען אין געלעכטער.

— איר זייט בייז אויף מיר? כ׳וויס. לעווינגער האָט מיר געזאָגט, כ׳בין באמת אַ נאַרישע. נאָר ווען איר ווייסט, ווי איך נעם זיך לעצטנס אָן פאַר אייך... ווייסט איר וואָס, לאָמיר אַביסל אַראָפּגיין.

כהאָב איר דערציילט, אַז לעווינגער איז דאָ געווען און איז אַוועק מיט דעם שיכורן אָגורעק, שוין אַ לענגערע צייט, און ער איז נאָך נישטאָ צוריק. אירקע איז געווען צופרידן. העלאַ, אָגורעקס ווייב, איז אירקעס אַ חבר׳טע.

— כ׳האָב אים שוין אַמאָל געוואָלט בעטן, ער זאָל אַהינגיין צו אָגורעקן, איבעררעדן מיט אים. ער קאָן איבערצייגן, לעווינגער. ער טרעפט אין האַרצן אַריין. העלאַ ליידט, זי שעמט זיך. מ׳קאָן אים זיכער אויסהיילן. אָט אַזאַ שיכור, ווי עס איז געווען דער אַלטער מייסטער בראָברילאָ. שוין ס׳צווייטע יאָר, ווי ער האָט אויפגעהערט צו טרינקען. ווי גוט ער אַרבעט היינט.

מיר האָבן זיך געפונען ביים אריינגאַנג צום גאָרטן, פינוואַנען עס איז געגאַנגען אַ ריח פון קאַרשן און בלומען. אַ ברייטער רויך האָט זיך

געשלענגלט צום הימל. אינעווייניק אין גאָרטן האָט סטאַשע, די אַלטע גערטנערין, פאַרברענט די שמוציקע פּאַפּירן און ציימונגען פון איינגע־וויקלטע עסנוואַרג, וואָס די אַרבעטער פלעגן איבערלאָזן.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט. דוכט זיך, מיר האָבן ביידע דאָס זעלבע געקלערט, צי אַריינגיין אין גאָרטן, צי בעסער זיך דורכשפּאַצירן ביים ברעג פון טייך. אירקע האָט נישט איבערגעריסן אירע פּ־יערדיקע רייד.

— אַמאָל, אין די קאַפּיטאַליסטישע צייטן האָט שיכּורן געהייסן „פאַרטרינקען די צרות“. כראַבּרילאָ האָט אונדז אַנומלט געזאָגט: „איך האָב פאַר דער מלחמה געהאַלטן אין איין טרינקען, ווייל כ'האָב שטענ־דיק געפילט, ווי עס ברענט אין מיר עפּעס אַ ווייטיק, אָבער דער בראַנפן האָט נישט געלאָשן און האָט קיין רגע פרייד נישט געגעבן“. כ'געדענק, ווי ער פלעגט אַרומגיין מיט אַ פאַרמאַטערט פּנים, רייבן די שלייפן מיט די הענט. פאַר די אויגן איז אים שטענדיק געשטאַנען דאָס געזול. מ'דאַרף אָגורעקן מער אַריינציען אין אַרבעט־געוועט.

כ'בין געווען צופרידן, וואָס זי האָט ענדלעך פאַרטשעפּעט אין אַר־בעט־פאַרמעסט. איך האָב זיך אָנגערופן:

— ביי אונדז זיינען נאָך פאַראַן אַ סך אַרבעטער, וואָס קענען נישט זייער אייגענעם פּלאַן, און נישט יעדע מאַשין באַקומט איר פּלאַן באַזונ־דער. נעמט למשל, מיין שליפיערקע...

אין דער מינוט האָט אירקע די ערשטע דערזען לעווינגערן. נאָך איידער ער האָט באַוויזן צוצוקומען נאָענט און אַרויסצורעדן אַ וואָרט, האָט זי געטאָן אַ שטראַל אַרויס:

— מיר וואַרטן שוין אַזוי לאַנג אויף דיר, נאַטאַן.

זי איז איינגאַנצן געוואָרן ווי אַ זוניק פלאַטערל. איך האָב גלייך באַמערקט, אַז אויך לעווינגער האָט זיך ווי געענדערט, אָבער גלייך האָט זיך זיין פּנים ווידער פאַרכמורעט.

— לייען — האָט ער מיר דערלאַנגט אַ פלוג־בלעטל, וואָס ער האָט געהאַלטן איינגעוויקלט, ווי אַ רערל — כ'האָב עס געפונען ביי אָגורעקן אויפן הויף.

כ'האָב גענומען לייענען, הויך, פּאַוואָליע. עס איז געווען אַ העק־טאָגראַפישער דרוק, אויף גראָב פּאַפּיר. עס האָט זיך דאָרט גערעדט וועגן סאַבּאָטאַזש, ווי אַזוי מען דאַרף קאַליע מאַכן די מאַשין, אַז די אָנפירונג זאָל נישט קאָנען אויפוויזן די שולד.

— דערלויבט — האָט מיר אירקע איבערגעריסן דאָס לייענען. זי איז אין דער מינוט ענלעך געווען צו אַ יונגן יעגער-הונט אויף די שפּורן פון אַ חיה. אַ מינוט האָט זי דאָס געלבלעכע שטיקל פּאַפּיר באַטראַכט פון אַלע זייטן און דאַן עס מיט כעס געצומען רייסן אויף פּיצלעך.

— עך, ווען איך וואָלט געכאַפּט אַזאַ איינעם... — האָט זי זיך געוואָרגן מיט די אייגענע רייד. לעווינגער האָט ביסלעכווייז צוריקגעווינען דאָס גלייכגעוויכט.

— מיר האָבן שוין עפּעס געפּערלעכערס באַזיגט. עס וועט זיי גאָרנישט העלפן. מיר בויען סיי-ווי סיי אײַן פאַבריק נאָך דער אַנדערער. מאָרגן לאָזן מיר אין גאַנג די נייע סאָוויעטישע מאַשין.

פון קלוב זיינען אַהער דערגאַנגען מוזיק קלאַנגען. דער אָרקעסטער האָט געשפּילט אַן אומבאַקאַנטע שטורמישע מעלאָדיע. פון טייך האָט געבלאָזן אַ קיל ווינטל. מיר האָבן זיך דערנענטערט צום ברעג. די כוואַליעס, גלאַנציק גרינע, האָבן זיך לייכט געקאַטשעט פּ.רויס. צוויי פישער זיינען איבער די קני געשטאַנען אין וואַסער מיט לאַנגע בויגעוודיקע ווענדקעס אין די הענט.

— ווען מיר האָבן אַצינד אַ שיפל, וואָלט עס צונוץ געקומען. אויפן וואַסער איז איצט אַ פאַרגעניגן.

אירקע האָט עס געזאָגט סתם אַזוי, און, ווי זי וואָלט גלייך פאַרגעסן דערין, האָט זי שוין געזוכט מיט די אויגן אַן אָרט, וווּ אַוועקצוזעצן זיך, נאָר דאָ האָט זיך צו אונדז אויסגעדרייט מיטן פּנים איינער פון די פישער, אַ יונגער אין קורצע הייזלעך. ער האָט פריילעך אַ קוק געטאָן אויף אונדז.

— וואָס, איר ווילט זיך דורכשיפן? נאָך דער בריק, אַ הינדערט מעטער, שטייט דאָרט מיין שיפל. פאַראַן דאָרט אַ בלאָ טעוועלע מיט אַן אויפשריפט „זאַגורסקי”. איר קאָנט עס נעמען.

— לאָז געמאַך, אירקע! — לעווינגער האָט זי געצומען אונטערן אָרעם. — אין אַ שעה אַרום האָבן מיר אַ זיצונג פון פאַבריק ראַט, האָסט פאַרגעסן?

ווידער האָב איך געזען ווי לעווינגער ענדערט זיך אונטער אירקעס ווייכן בליק און אומרואיקן פלאַטער. ווען מיר זיינען געזעסן אין שיפל און זיך געטראָגן קעגן שטראָם, איז שוין געווען קיל. אין דער הייך, איבער אונדזערע קעפּ, איז די זון נאָך געווען אַ צעגליטע. עס האָט זיך

שוין אָבער געפילט דער אָנקומענדיקער פאַרנאַכט. די רודערס אין מיינע הענט האָבן ריטמיש געקלאַפּט איבערן וואַסער, וואָס האָט זיך געמיניעט אין דער פאַרנאַכטיקער גאָלדקייט. אירקע איז געזעסן צווישן אונדז ביידע, מיטן פּנים מער אויסגעדרייט צו לעווינגערן. בעת אונדזער שיפל האָט זיך דורכגעטראָגן פאַרביי די רויט-ציגלדיקע פאַבריק-בנינים, האָבן די אַרבעטער, וואָס האָבן זיך געפונען אויפן ברעג, געפאָכעט צו אונדז מיט די הענט. אירקעס פּנים איז געווען צעפלאַמט, לויטער, גלייך די זון וואָלט זיך הינטער איר הויט אָנגעצונדן.

— זעט, ווי אונדזער פאַבריק שפּיגלט זיך אין וואַסער.

עס האָט ווירקלעך אויסגעזען, אַז אויפן וואַסער הוידען זיך די גלייכדאַכיקע בנינים פון אונדזער פאַבריק. עס האָט אונדז נאָכגעיאָגט דער פרייל עכער גערויש פון די מאָטאָרן. דערנאָך האָט זיך אַזוי ווי אַ גרינער וואַסערפאַל אַ טראָג געטאָן אַנטקעגן די גערטנער מיט נידעריקע פרוכטן-ביימער. אַ געוויסע צייט זיינען מיר געפאָרן שווייגנדיק. דער ערשטער האָט אָנגעהויבן צו רעדן לעווינגער. ער האָט אומזיסט געפּרוּווט אויסבאַהאַלטן זיין געריירטקייט, וועלכע האָט זיך אַרויסגעפילט פון די ווייצן וועגן ראָמאַנטישע מיידלעך, וואָס האָבן ליב פאַרחלומטע פאַרנאַכטן. אירקע האָט אים אַרויסגעהאָלפן, פאַרפירנדיק מיט אים אַ שמועס וועגן דעם, וואָס איך האָב פריער געזאָגט, אַז אַ סך אַרבעטער קענען נישט זייער פּלאַן. עס וואָלט גוט געווען צו דערפירן בהדרגהדיק דעם פּלאַן פאַר יעדער מאַשין באַזונדער. אין אַלע אָפּטיילונגען וועט יעדע מאַשין האָבן אַ טאָוול, אויף וועלכן עס וועט ווערן פאַרשריבן דער אַרבעט-פּלאַן, וויפל די מאַשין קאָן אַרויסגעבן אין אַ שעה. אויף דעם זעלבן טאָוול וועט זיין פאַרשריבן די אויסגעפירטע פּראָדוקציע... דאָס וועט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג פאַרן געווער.

זי האָט גערעדט רואיק, באַטראַכט. אָבער אָן אָפּשטעל. לעווינגער האָט איר פון צייט צו צייט געפּרוּווט איבערשלאָגן מיט אַן איראָנישער באַמערקונג, אָבער אירקע האָט זיך נישט געלאָזט אָפּנאַרן. זי האָט געוווּסט, אַז ער נעמט עס אויף ערנסט, אַז ער הערט און אָבסערווירט זי. גאַנץ געמיטלעך האָט זי פאַרשאַרט די צעכוואַליעטע האָר אונטער די אויערן אַרונטער. זאָל, הייסט עס, לעווינגער זען איר שמייכלענדיק פּנים, פריי, דרייסט. מיט כמיעלאָווסקין וועט זי אינגאַנצן נישט רעדן דערוועגן. זי וועט עס פאָרשלאָגן וויעליכאָוויטשן דעם פּאַרטיי-סעקרעטאַר. ער וועט עס שנעל דורכפירן. זי איז איצט געווען אינגאַנצן אויס-

געדרייט מיטן פנים צו לעווינגערן. כ׳האָב בלויז געזען איר פיין געטאָקטע פלייצע און די ווייכע מיידלשע טאַליע, וועלכע האָט זיך אַרויסגעשיילט פון איר לייכט אַרומגענומענעם העלן קליידל מיט רויטע אַרבעסלעך. כ׳האָב אויך געזען אַ כוואַליע קאָרנבלאָנדע האָר אין דער לופט. ביי יעדן מאָל אויסבייגן זיך מיט די רודערס, האָב איך געזען, ווי לעווינגער קוקט אויף איר מיט פאַרנעפּלטע אויגן. ווי שיין זי איז — האָב איך געטראַכט — ווי אָנגענעם עס איז צו דיסקוטירן מיט איר און פילן די אויפרודערנדיקע ווירקונג פון איר פרישער און געזונטער לאָגיק. אָבער כ׳האָב זיך מיט מיין געדאַנק נישט געוואָלט טיילן. כ׳האָב געפילט די צאַרטע הייסקייט, וואָס שטייט צווישן זיי ביידן. כ׳האָב זי דערשפּירט נאָך אַ סך פריער, איידער כ׳האָב זיך קלאָר געמאַכט, אַז זיי האָבן זיך ליב.

יב

אין עטלעכע טעג אַרום, קומענדיק צו דער אַרבעט, האָב איך גלייך באַמערקט, ווי בײַם סאַמע אַרײַנגאַנג אין דער האַלע איז געשטאַנען אַ גרויסער הילצערנער טאָוול מיט ציפערן. צוויי ליניעס, אַ טונקלבלויע און אַ רויטע, האָבן זיך געצויגן אַרויף פאַרבײַ די ציפערן און אָנגעצייכנט דעם געוועט בײַם רעאַליזירן דעם פּלאַן פאַרן הײַנטיקן חודש.

„אירקעס שטיקל אַרבעט" – האָב איך אַ טראַכט געטאָן, און דערפילט אין זיך די פרייד, ווי פון אַן אייגענעם נצחון. בײַ יעדן וואַרשטאַט, אין דער זײַט, איז געווען צוגעפעסטיקט אַ לענגלעך טעוועלע פון שוואַרצן האָלץ מיט די זעלבע ווייסע ליניעס פאַר רובריקן און ציפערן. אַ סך אַרבעטער האָבן די ציפערן גלייך פאַרגעדענקט אויף אויסנווייניק. גלייך ווי אירקע האָט מיטן ווייסן קרייד אויפגעצייכנט די ציפערן, האָט זיי קיריליוק אויפמערקזאַם דורכגעלייענט און שפּעטער אויף אויסנווייניק איבערגעחזרט פאַר די אַרבעטער. ער האָט, מכּתמא, באַמערקט ווי איך וויל פאַרצייכענען די ציפערן פון גרויסן טאָוול בײַ זיך אין נאָטיץ־בוך, איז ער גלייך ווי אויסגעוואַקסן נעבן מיר.

– אַזעלכע זאַכן, חבר זיגמונט, דאַרף מען געדענקן אויף אויסנווייניק. עס דאַרף שטיין לעבעדיק פאַר די אויגן. איר, אַלס קאָרעספּאָנדענט, דאַרפט עס צום בעסטן וויסן, ציפערן דאַרף מען קאָנען לייענען.

אפשר האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער האָט אָנגענומען אַ צו שאַרפן טאָן. זײַן שכל איז מיטאַמאָל געוואָרן שטילער, וואַרעמער:

– פאַראַן ציפערן, וואָס לייענען זיך ווי פּאָעזיע. זיי ווירקן ווי אַן עלעקטרישער שטראָם און וועקן די ענערגיע... זיי פאַרגעדענקען זיך פון זיך אַליין.

ער האָט זיך אומזיסט פאַרענטפערט. כ'האָב אים אָן דעם אויך גוט פאַרשטאַנען. איבעריקנס, אַלע האָבן אים געהאַלטן פאַר אַ ווילן יאַט. אַפילו די עלטערע מייסטער, מיט וועלכע ער פלעגט אָפט דיסקוטירן וועגן רעליגיע און קאַטשטיאַל, זײַנען אויף אים קיין מאָל נישט בייז געווען פאַר זײַנע אַפּיקורסישע רייד. ער פלעגט דערציילן, אַז דער גרעסטער שונא זײַנער איז געווען דער גלח אין שטעטל. ווען ער האָט אַלס יונגער בחור אויפגעהערט צו גיין אין קאַטשטיאַל, נישט מתוודה זײַן זיך, פלעגט ער, באַגעגענענדיק זיך מיט דער אַלטער מוטער זײַנער, דונערן: „ער וואַקסט אַ באַלשעוויק". און די מוטער האָט זיך באַמיט צו נייגן זיך פאַר אים וואָס העפלעכער, כדי צו לינדערן זײַן כּעס. זי האָט אים אָבער קיינמאָל נישט געקושט אין דער האַנט, ווי דאָס פלעגן כּון אַנדערע. זי פלעגט בלויז קוקן אויף אים מיט אַזויפיל געבעט אין די אויגן, ער זאָל חלילה קיין שלעכטס נישט טאָן איר אייניציקן שפּייזער. עס האָט אָבער נישט געהאָלפן. די שנאה פון גלח איז געוואַקסן. דערצו האָט זיך נאָך פאַרגרעסערט די צאָל יונגוואַרג, וואָס האָט אויפגעהערט צו גיין אין קאַטשטיאַל. דער גלח האָט דערין געזען קיריליוקס האַנט, און קיריליוק האָט אין אַ שיינעם העלן טאָג פאַרלוירן זײַן אַרבעט אין דעם גראַבן וואַקסט שלאָסער-וואַרשטאַט.

— דאָ אין שטעטל — האָט ער אים נאָכגעשריגען בײַם אַוועקגיין — וועסטו קיין אַרבעט נישט באַקומען אין ערגעץ. אַ בעזבאָזשניק ביסטו.

קיריליוק האָט נישט געקאָנט דערציילן אין איין אָטעם. עס איז בײַ אים אַרויסגעקומען אָפּגעריסן, אָבער געניג בילדעריש. איך האָב זיך פאַרגעשטעלט די קוזניע, אין וועלכער קיריליוק האָט שפּעטער באַקומען אַרבעט, און וועלכע איז געשטאַנען אויפן ברעג פון אַ נישט טיפער נאַר בלאָטיקער אָזשערע. די אָזשערע האָט געעטעמט אויפן גאַנצן שטעטל מיט אַ פאַרפוילטן אָטעם, אָנגעשיקט אויף די מענטשן וואָלקנס קאָמאַרן. קיריליוקס באַלעבאָס, אַ קאָוואַל, וואָס פלעגט אַ סך שיכּורן, איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ צעקראַצטער ביז בלוט, אַ בייזער, להכעיס דעם גלח, האָט ער קיריליוקן צוגענומען צו דער אַרבעט בײַ זיך. ער האָט אים גלייך געזאָגט:

— אויף קיין עסן צו דער זעט וועסטו בײַ מיר סײַ ווי סײַ נישט פאַרדינען, אָבער פגרן פון הונגער וועסטו אויך נישט.

קיריליוק האָט דעמלט געפילט, אַז דאָס לעבן זײַנס אין דעם דאָזיקן שטעטל איז אַ צופעליקס, אַז עס רעכנט זיך אייגנטלעך

נישט פאַר קיין לעבן, נאָר גיכער ווי אַ צוגרייטונג. דאָס אמתע, דאָס וויכטיקע לעבן איז ערגעץ אַנדערש. מ'האָט דערוועגן געהערט און געלייענט אויף די געהיימע פאַרזאַמלונגען, וועלכע פלעגן פאָרקומען יעדעס מאָל ערגעץ אַנדערש. דער לערער פון שטעטל פלעגט האַלטן פאַרלעזונגען וועגן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד, וועגן ריזיקע פאַבריקן, ווו אַרבעטער זיינען אַליין די באַלעבאַטים. טיילמאָל האָט דער לערער באַניצט אַזעלכע ווערטער, וועלכע קיריליוק האָט זיי צום ערשטן מאָל געהערט. אָבער בכלל האָט ער אַלץ פאַרשטאַנען. דער לערער האָט אַרויסגעוויזן אַ סך געדולד ביים לערנען אים לייענען און שרייבן, ביים העלפן באַקומען שפּעטער פאַרבאָטענע ביכער וועגן דעם נייעם לעבן כן, אַרבעטער און פויער אין דעם לאַנד פון סאָציאַליזם.

אין פאַבריק איז קיריליוק געווען איינער פון די ערשטע. ער פלעגט אַרבעטן פאַר דריי. אומעטום, ווו די אַרבעט איז שלעכט געגאַנגען, איז ער געווען, געלע־נט, געהאָלפן, טענהנדיק מיט באַדויערן, אַז אַ גרויסע טייל אַרבעטער פאַרשטייט נאָך נישט די וויכטיקייט פון דער אַרבעט. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי זענען איצט אַליין די באַלעבאַטים פון דער פאַבריק, האָבן זיי אויסגעפירט נישט מער ווי פינף און אַכציק פּראָצענט פונעם פּלאַן. טיילמאָל, דורכשפּאַצירנדיק זיך צווישן די מאַשינען, האָט קיריליוק געהערט, ווי די אַרבעטער האָבן אונטערגעברומט אומצופרידענע און געקוקט מיט אומצוטרוי אויף דער אָנפירערשאַפט. ער האָט שטאַרק געליטן פון דעם און געטראַכט, וואָס ער האָט צו טאָן. אין שטאָטישן פאַרטיי־קאָמיטעט זיינען אַלע געווען פאַרנומען מיט אויפשטעלן די ריזיקע וואַגאָנען־פאַבריק, און אין די קלענערע פאַבריקן האָט מען פון די פאַרטיי־חברים, וואָס האָבן דאָרט געאַרבעט, געפאָדערט פולע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דעמאָלט איז אונטערגעקומען לעווינגער.

— די מענטשן ביי אונז ווילן אַרבעטן — האָט לעווינגער געזאָגט אויף דער עקזעקוטיוו־באַראַטונג — עס טרעפט זיך זעלטן, אַז עמעץ זאָל זיך פאַרשפּעטיקן אָן אַ געהעריקער באַרעכטיקונג. די שטערונגען דאַרף מען זוכן ערגעץ אַנדערש... קודם־כל אין דער הינטערשטעליקייט פון די אינזשינירן און פון די אָנגעשטעלטע פון דער ווירטשאַפט־אָפּטיילונג...

פון דעמאָלט אָן איז שוין אַ סך אויפגעטאָן געוואָרן אין דער פאַבריק. דער אַרבעט־פאָרמעסט נעמט אַרום כמעט יעדן איינציקן אַרבעטער.

דער פּלאַן ווערט כּסדר איבערגעשטיגן און דאָך טרעפן זיך נאָך געבוג שטערונגען.

קיריליוק, אויסערלעך אַ רויקער, אַן ערנסטער, האָט ערגעץ טיף אין דער נשמה זיך שטענדיק געיאָגט נאָך עפּעס.

צו דער אַרבעט אין פאַבריק אַריין איז ער שטענדיק געגאַנגען דורך פאַרשידענע הינטערוועגן, דורך חרובע הייף, כּדי צו פאַרקירצן זיך דעם וועג, כּדי וואָס שנעלער זיין אין פאַבריק, ביי די מאַשינען. שטענדיק מיט אַ שעה פריער.

ער האָט זיך שטענדיק געאיילט. עפּעס האָט אים געיאָגט. אויך דאָס מאָל, ווען ער האָט מיר געהאַלטן אינמיטן דערציילן וועגן דעם רעטעניש מיט דער קאַליע-געוואָרענער פּרעזערקע, אויף וועלכער קענדזשאַל האָט אַזוי שיין איבערגעשטיגן די נייע נאָרמע, האָט ער מיטאַמאָל אָפּגעהאַקט, אַ פיר געטאָן די האַנט איבערן שטערן און געזאָגט: כ׳מוז אַ קוק טאָן, וואָס עס טוט זיך אין דער אינסטאַלאַציע-אָפּטיילונג. ער האָט אַוועקגעאיילט ערגעץ צווישן די פאַבריק-בנינים, פונוואַנען עס איז געגאַנגען דער טומל פון אַנלאָדן אויף אויטאָס שווערע מאַשין-טיילן. אין מיינע אויערן זיינען אַלץ געשטאַנען זיינע לעצטע ווערטער:

— די שונאים קריכן פון דער הויט, זעענדיק ווי מיר וואַקסן. מיר זיינען שטאַרקער פון זיי. וועסט זען ווי מיר וועלן איבערשטייגן דעם פּלאַן.

פון פאַרנאַכטיקן הימל איז איבערן רוישיקן פאַבריק-הויף געגאַנגען אַ צאַרטע וואַרעמקייט. איך האָב דערפילט קיריליוקס גרויסן גלויבן, אַנטקעגן וועלכן עס פאַרשווינדן אַלע שטרויכלונגען, און איך בין אים געווען דאַנקבאַר.

עס איז געווען אָקאָרשט נאָכן איבעררייס, ווען אין דער האַלע האָט זיך באַוויזן דער דירעקטאָר. ער איז געווען אַן אַ מאַרינאַרקע, נישט קיין הויכער, אַ פעסטער, מיט גרויסע געדיכטע ברעמען, וואָס האָבן צוגעגעבן זיין פּנים פון אַ פּופּציקיאַריקן דעם אויסדרוק פון עקשנות. מיט אים זיינען מיטגעגאַנגען צוויי אינזשינירן. זיי האָבן זיך געשטופּט צווישן די מאַשינען און קאָנסטרוקציעס, געמאָסטן, פאַרשריבן, געצייכנט. ווען קיריליוק איז אָנגעקומען האָט דער דירעקטאָר אַ זאָג געטאָן:

— מיר פאַרגרעסערן די שנעלקייט פון די מאָטאָרן.

דער דירעקטאָר האָט אַרויסגעזאָגט די ווערטער מיט יענעם טאָן, וואָס דערלאָזט נישט קיין שום אָפּרעגעניש. די אינזשינירן, וועלכע

האָבן זיך איצט געפּאָרעט בײַ די טראַנסמיסיעס פון מײַן מאַשין, האָבן אויף אַ סעקונדע אויפגעהויבן זייערע פאַרשאַרפטע פּנימער און זיי שנעל אַראָפּגעלאָזט. קיריליוק האָט אָפּאַנירט:

— עס איז צו האַסטיק. מען דאַרף האָבן אַ פּאָר טעג אויף צוצו-גרייטן די מאַשינען.

— אין דריי טעג אַרום דערוואַרט איך די ערשטע רעזולטאַטן — האָט דער דירעקטאָר געענטפערט, ווי ער וואָלט נישט געהערט. אין זײַן קול איז געווען מער באַפעל ווי ווילן איבערצוציגן — איר זייט געווען אויף דער נעכטיקער באַראַטונג און איר אָריענטירט זיך אויסגעצייכנט אין וואָס עס גייט.

גלײַך ווי דער דירעקטאָר מיט די אינזשינירן זײַנען אַרויסגעגאַנ-גען, האָט קיריליוק אַרײַנגערופן צו זיך אין אַרבעט-קאַבינעט פּידלאַקן, דעם פּאַרטייאישן אַגיטאַטאָר פון אונדזער אָפּטיילונג, און סאָלאַזשן פון פאַבריק-ראַט. דער יונגער טאָקער קאָלינסקי, וועמענס וואַרשטאַט איז געשטאַנען קעגנאיבער מיר, האָט הויך אויסגערופן:

— דער באַראָמעטער, חברים, ווײַזט אויף שטורעם... מען וועט זיך דאַרפן אונטערגאַרטלען, אַ יאַג-טאָן, אַז פונקען זאָלן פליִען.

מײַן בליק האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט זײַנע אויגן. זיי זײַנען געווען גרויסע, העלע און געהאַט אַן אויסערגעוויינטלעך לעבעדיקן גלאַנץ. בעת איך האָב אין עטלעכע וואָכן אַרום געשריבן אין מײַן נאָ-טיץ וועגן דער באַגייסטערונג פון די טאָקער מיט דעם פאַרשנעלערטן מעטאָד פון שניידן מעטאַל, זײַנען געשטאַנען פאַר מיר זײַנע גרויסע העלע אויגן, אין וועלכע עס איז געווען אַזויפיל פריידיקע דער-וואַרטונג.

עס איז צוגעגאַנגען זייער שנעל. קיריליוק מיט פּידלאַקן זײַנען געגאַנגען פון מאַשין צו מאַשין, צוגעוויזן, געלערנט. כ'האָב געהאַלטן אינמיטן שמירן מיט דעם אײַלער די מאַשין, ווי פּידלאַק איז געבליבן שטיין נעבן מיר.

— ווײַז נאָר אַהער דעם אײַלער!

ער האָט מיר כמעט ווי אַרויסגעריסן דעם אײַלער פון דער האַנט און אָנגעהויבן אַליין שמירן. דער אײַלער איז פּשוט געפלויגן. פּידלאַק האָט זיך ווירקלעך גוט אָריענטירט אין די אינעווייניקסטע מעכאַניזמען פון דער מאַשין און געוווּסט, ווו מען דאַרף לענגער האַלטן דעם

איילער מיט דער פעטער פליסיקייט, און ווי עס זיינען געווען גענוג נאָר עטלעכע טראָפּנס.

— די טאָקערס — האָט פידלאַק געזאָגט, בעת ער האָט מיר צו־ריקגעגעבן דעם איילער — וועלן אינגיכן איבערגיין אויף דעם פּאַר־שנעלערטן מעטאָד. מיט די פרעזערקעס וועט עס זיין אַביסל שווערער. ווי מיינסטו?

— טשעקאַווע, וואָס פאַר אַ טערמין עס הייסט ביי דיר — אינגיכן? ווי גיך וועלן עס באַווייזן די טאָקער?

כ'האָב געפילט, אַז כ'האָב צו שאַרף גערעדט. געדאַרפט אים אַרויסווייזן מער וואַרעמקייט. אפשר איז עס געווען די בייזקייט אויף זיך אַליין, וואָס איז געקומען פון דעם געדאַנק, אַז כ'וועל מיט מיין פרעזער־מאַשין נישט קאָנען אָנטיילנעמען אין דעם קאַמף. פידלאַק האָט אָפּגעוואַרט אַ ווײַלע ביז כ'האָב פאַרענדיקט דאָס פרעזעווען די טייל און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן טאָן, זייער פריינדלעך, מיר גערעדט זיך באַ־קענען מיט דעם נייעם מעטאָד. דער עיקר, פאַרשטיין דעם זין פון פאַרשנעלערטן שניידן. ווייטער וועט אַלץ זיין אין אָרדענונג. נישט אַלעמאָל איז עס אַ מעגלעכע זאַך. עס ווענדט זיך אַ סך אין דער שטאַרקייט פון מאָטאָר. אין פּלאַן איז דאָ אַ קאַפּיטאַלער רעמאָנט פון אַ סך מאַ־שינען. מיט מיינער וויסט ער נאָך נישט. אים ווילט זיך, כ'זאָל די מאַ־שין לערנען שכל, נישט טוישנדיק דעם מאָטאָר...

כ'האָב געקוקט אויף אים מיט חשד, נישט געהאַט די זיכערקייט, אַז ער איז אויפריכטיק. די ווערטער זיינען ביי אים אַרויסגעקומען קאַל־טע, טרוקענע. בלויז דער בליק אין זיינע אויגן און דער שמייכל אין די ווינקלען פון די ליפּן זיינען געווען וואַרעמע, חברישע. ער האָט צוגעגעבן:

— און איך בין זיכער, אַז אונדז וועט געלונגען דורכצופירן דעם נייעם מעטאָד.

איך האָב געשוויגן. כ'האָב זיך געמוזט איינהאַלטן נישט אַרויסצו־זאָגן מיינע ספקות. אמת, כ'האָב שוין די לעצטע טעג איבערגעשטיגן די נאָרמע, אָבער כ'האָב געוווסט, אַז דאָס קומט מיר אָן מיט דער גרעסטער אָנשטרענגונג. כ'האָב נאָך אַלץ געהאַט דאָס געפיל, אַז כ'אַרבעט נישט ביי מ י י ן מאַשין, און געוווסט, אַז כ'בין נישט גערעכט.

פידלאַק האָט זיך נישט געאיילט. ביי זיין מאַשין האָט זיך איצט געפּאָרעט דער מעכאַניקער, עס האָט נישט אויסגעזען, ער זאָל אַזוי

שנעל פאַרטיק ווערן. מיר האָט זיך אפילו געדוכט, אַז פידלאַקן ציט עס אַהין צו דער צעשרויפטער מאַשין מיט די אָפּגעדרייטע טיילן און טיילעכלעך, ביי וועלכע דער מעכאַניקער האָט זיך געפּאָרעט, ווי אַ כירורג אין דעם אָפענעם איינגעווייד פון אַן אָפּערירטן חולה. ער איז אָבער נישט אַהינגעגאַנגען. מאָדנע, אים אַרט נישט, וואָס איך נעם נישט אַוועק דעם קאָפּ פון דער מאַשין. ער רעדט אַלץ וועגן דעם נייעם מעטאָד. ליידער וועט נאָך לאַנג דויערן ביז אַלע מאַשינען וועלן קאָנען אַרבעטן לויט דעם סיסטעם. דערווייל גייט עס אין פולקאָוויטשעס מאַשין. זי איז צומבעסטן צוגעפּאַסט. אָבער מען דאַרף זיך איינשטעלן, אַז אַלע מאַשינען זאָלן סיסטעמאַטיש איבערגיין אויף דעם מעטאָד. די ענדערונג וועט דאָך זיין פון אַ געוואַלטיקער באַדייטונג פאַרן לאַנד. אונדזער פאַבריק וועט קאָנען אַרויסגעבן צוויי מאָל אַזויפיל פּראָדוקציע ווי ביז איצט.

זיין קול איז צו מיר דערגאַנגען וואָס אַמאָל קלאָרער. ווי עס טרעפט ביים רעדן דורכן טעלעפאָן, אַלע זייטיקע גערוישן פאַרשווינדן, בלויז דאָס קול, וואָס קומט פון ערגעץ אַן אַנדערער גאַס, צי פון אַן אַנדערער שטאָט, ווערט אַלץ דייטלעכער. נישט איבעררייסנדיק די אַרבעט און אָבסערווירנדיק דעם גאַנג פון דער מאַשין, האָב איך דאָך געזען גוט געזען פידלאַקס ערלעך פּנים און בין געוואָרן אַלץ מער אַריינגעצויגן אין דעם, וואָס ער האָט גערעדט. דער גערויש און טומל פון די מאַשינען האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ פילפאַכיק פאַרשנעלערטן און מעכטיקן גערויש. כ'האָב שוין געזען פאַר זיך מיין מאַשין, אַן איבערגעשטעלטע אויף דעם פאַרשנעלערטן מעטאָד.

עס האָט מיך ווי אויפגעוועקט אַ פאַרדעכטיק ברומען פון דעם גרויסן וואַלץ. מיטאַמאָל האָט עס זיך פאַרשטאַרקט, ווי עס וואָלט אים אָנגעכאַפּט אַ מוראדיקער קראַמף. דער לעדערנער פּאַס איז אַראָפּגעשפּרונגען און אַ באַפרייטע האָט זיך די מאַשין אַוועקגעלאָזט אַ גאַנג, גרינג ווי אַ פעדערל. אין דער פאַרנעפּלטקייט, וואָס איז מיר געבליבן שטיין פאַר די אויגן האָט די גאַנצע האַלע זיך גענומען דרייען אין ווילדן קאַראַהאָד. אַ פאַרלוירענער האָב איך געכאַפּט אַ שמאַטע און געפּרוווט צודריקן דאָס גלאַנציקע רעדל, אָבער אין דער מינוט האָט פידלאַק מיט אַ שנעלער באַוועגונג אָפּגעשטעלט די מאַשין, פון ערגעץ געכאַפּט אַ דראָנג און מיט איין שלעפּ אָפּגעטשעפּעט דאָס אויבערשטע ראָד פון דער טראַנסמיסיע. כ'האָב אים געוואָלט צוהעלפן אַרויפציען דעם פּאַס, אָבער כ'האָב בשום אופן נישט געקאָנט באַווייזן נאָכלויפן ד,

שנעלקייט פון זיינע באַוועגונגען. באַלד האָט ער אויך דאָס אויבערשטע ראָד צוריק פאַרטשעפּעט צו דער טראַנסמיסיע און די מאַשין איז אַוועק אַ גאַנג.

עס האָט נישט געדויערט קיין מינוט און די מאַשין האָט ווידער אַרויסגעלאָזט אַן אויפשוידערנדיקן קוויטש און דער פּאַס איז ווידער אַראָפּגעשפּרונגען.

איך האָב אין יענער מינוט נישט געזען קיינעם פון די פנימער, וואָס זיינען זיך צונויפגעלאָפן אויף דעם שוידערלעכן קוויטש. קיריליוק, האָט מיר שפּעטער דערציילט, אַז ער האָט מיט כוח געמוזט מיך אַוועקנעמען פון דער מאַשין, כדי זען, וואָס דאָרט איז געשען. כ׳האָב נישט געהערט פידלאַקס און סוכאַרסקיס באַרויקן מיך. מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳איז געוואָרן מוראדיק שטיל. און די שטילקייט האָט עפּעס אומהיימלעך געדראָט. אויף מיר האָבן געקוקט כמיעלאָווסקיס אָפּשפּאָטנדיקע אויגן. זיין אַש־קאָליריק פּנים איז געווען גלאַט אָפּראַזירט. דאָס האָט נאָך שאַרפער געמאַכט די כיטרע קנייטשן און די שפּורן פון אַמאָליקער געשטופּלטקייט. אַ פלאַם שטאַרקע שנאה האָט אַ יאָג געטאָן אויף מיר פון זיינע ווערטער:

— המם... דיר געפעלט טאַקע נישט צו אַרבעטן אויף דער פּרעזערקע... געוויינטלעכער סאַבאָטאַזש...

די שטעכעניש אין ברוסט האָט מיך צוריקגעבראַנגט צום באַוווסטזיין. כ׳האָב דערזען נעבן זיך פידלאַקן. כ׳האָב אים דערפילט נאָענט, זייער נאָענט. אָט האָט ער געטאָן אַ שפּרייז פאָרויס, ווי ער וואָלט מיך פאַרשטעלן פאַר אַ קלאַפּ, און איך האָב קלאָר דערהערט זיין פעסט, ענערגיש קול:

— דאָס איז מיין שולד, פּאַניע כמיעלאָווסקי. כ׳האָב שלעכט פאַרלייגט די טראַנסמיסיע. דער צענטראַלער צילינדער האָט געפּלאַצט.

כמיעלאָווסקי האָט אַ לענגערע ווײַלע געקעמפט מיט דעם אויסדרוק פון אַנטוישונג אויף זיין פּנים. פון גרויס כעס האָט ער פאַרקוועטשט דאָס לינקע אויג און מיטן רעכטן, וואָס האָט געשפּריצט מיט שנאה, האָט ער פריער אָפּגעמאָסטן פידלאַקן, דערנאָך מיך און מיטאַמאָל זיך אויסגעדרייט, אַוועקגעגאַנגען שווער, פּאַוואָליע.

אַזוי גייט אַוועק אַ פאַרברעכער, וואָס האָט נישט דערגרייכט דאָס, צוליב וואָס ער איז געקומען.

ז

עס איז געווען פאַר מיר אין דער דאָזיקער פאַבריק די ערשטע גרויסע באַריכט-פאַרזאַמלונג, וועלכע עס האָט גערופן דער קאָמיטעט פאַר אַרבעט-פאַרמעסט. עס זיינען געקומען די אַרבעטער פון אַלע אָפּטיילונגען, די יונגע פון דער פאַך-שול, די טראַנספּאָרט-אַרבעטער, אפילו די מאָדעלירער, מיט די שמאָלע הענט און לאַנגע דורכזיכטיקע פינגער.

דער טאָג איז געווען אַ שיינער, אַ הייסער. דורך די ברייט-צעעפנטע פענצטער פון קלוב האָבן אַריינגעשיינט לויטערע שטיקער הימל. פריילעכע, גאָלדענע פלעקן האָבן זיך שיף אַוועקגעלייגט איבער דער רויט-דעקאָרירטער בינע, איבער די זיצנדיקע אין פרעזידיום.

דאָרט איז אויך געזעסן לעווינגער.

ווען אונדזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט האָט ער אַ שמייכל געטאָן, זיינע אויגן האָבן זיך לייכט פאַרמרוזשעט. עס איז אפשר געווען בלויז אַ שוך קעגן די זון-שטראַלן. דאָס האָט פונדעסטוועגן צוגעגעבן זיין בראָנזן פּנים אַן אויסדרוק פון שפּילעוודיקייט. דעם אויסדרוק האָב איך ביי אים געזען בעת ער פלעגט דערציילן וועגן זיינע איבערלעבענישן אין די צייטן פון דער מלחמה, אויפן פראָנט. גלייכצייטיק האָבן זיך אים אין די ווינקלען פון מויל פאַרטיפט די עקשנותדיקע קנייטשן.

נישט אַלע פון די זיצנדיקע אין פרעזידיום האָב איך געקענט. ביים סאַמע עק — מסתמא כדי צו קאָנען פרייער זיך באַוועגן, — איז געזעסן אירקע און מיט אַן ערנסט קאָנצענטרירט פּנים זיך צוגעהערט צום באַריכט-רעפעראַט. רעכטס פון איר האָט איינער כסדר עפּעס פאַרצייכנט אין אַ נאָטיץ-ביכל. זיין פּנים איז מיר געווען קענטיק, נאָר איך האָב זיך בשום אופן נישט געקענט דערמאָנען, ווו איך האָב אים געזען.

דעם רעפּעראַט האָט געלייענט קאָרשון, דער פּאָרזיצער פונעם פּאַרמעסט-קאָמיטעט. ער האָט געהאַט העלע, כמעט ווייסע האָר, גרויע אויגן און גערעדט מיט אַן ענערגיש אָנטשלאָסן קול. שפּעטער האָט ער אָוועקגעלייגט די פּאַפּירן, פון וועלכע ער האָט אַרויסגעלייענט דעם באַריכט, און אויסנווייניק גערעדט וועגן די נייע מעטאָדן פון אַרבעט, וואָס זיינען אויסגענוצט געוואָרן אין דעם פּאַרמעסט. ווען ער האָט דערמאָנט לעווינגערס נאָמען, האָט זיך פון אַ סך רייען דערהערט אַ פּאַטשערײ פון הענט.

שפּעטער האָבן טייל קריטיקירט דעם קאָמיטעט. מ'האָט ווייניק צוגעהאָלפן ביים העכערן די קוואַליפיקאַציעס. עס שלעפּט זיך צו לאַנג דאָס איבערשטעלן די מאַשינען אויפן סיסטעם פון שנעלן שניידן.

דערנאָך האָט גערעדט קירילוק. ער האָט אויך דערמאָנט וועגן די פרישע טאָקער, וואָס פּראַקטיצירן אין אונדזער אָפּטיילונג. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט-אָט דערמאָנט ער מיין נאָמען און איך האָב געפילט ווי דאָס בלוט שלאָגט מיר אין פּנים. ווען ער האָט געענדיקט רעדן און מיין נאָמען קיין איין מאָל נישט דערמאָנט, האָב איך געהאַט דאָס געפיל, ווי כ'וואָלט זיך אַליין געכאַפּט ביי אַ נאַרישקייט.

די דיסקוסיע האָט זיך אַנטוויקלט וואָס אַמאָל הייסער. ביי מיר האָבן זיך געעפנט די אויגן אויף אַ סך פעלערן, וואָס זייער סיבה האָב איך זיך ס'רוב נישט געקאָנט קלאָר מאַכן, צי איז עס נאַכלעסיקייט, צי ביי־זוויליקייט. פאַרוואָס האָט מען פידלאַקן נישט געלאָזט פאָרן קיין שטשינאַווע, ווו מען האָט געקאָנט באַקומען דעם מעשענעם אָפּפאַל, אין וועלכן די צווייטע אָפּטיילונג האָט זיך אַזוי שטאַרק געניטיקט? איך האָב זיך עס געסטאַרעט אָראָפּצולייענען פון וויעליטשקאָוויטשעס פּנים. ער האָט געהאַלטן דעם קאָפּ אָנגעשפּאַרט אויף דער דלאָניע. ווען ער האָט אים אויפגעהויבן איז זיין פּנים געווען ווי אומבאַוועגלעך. בלויז דער בליק האָט אויסגעדריקט שטרענגקייט, אַזאַ וואָס קומט פון איבערפלוס פון מאַ־ראַלישער ענערגיע.

בשעת מאַטווין האָט אָנגעהויבן צו רעדן האָט וויעליטשקאָוויטש נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים. איך האָב מאַטווינען געקענט נאָר פון זען אין קלוב, אַ שפּילנדיקן אין שאַך. ער האָט געאַרבעט אין דער גיסעריי. אַלע האָבן געוווּסט, אַז ער אַרבעט איבער אַ קאָנטראָל־אַפּאַ־ראַט, וואָס זאָל נישט דורכלאָזן קיין פעלערהאַפטיקן מעטאַל. ברענער וואָס האָט געוווּסט פון יעדן אויפטו, פון יעדן פּראָיעקט, אויף וואָס

פאַר אַן אָפּטיילונג עס זאָל נישט זיין, האָט מיר דערציילט, אַז דאָס דאַרף זיין אַזאַ דעפעקטאָסקאָפּ, וואָס ווייזט די אינצווייניקסטע גע־שפּאָלטנקייט, די לײדיקע אָנגעבלאָזנקייט אינעם אָפּגוס. דער אַפּאַראַט איז ביי דער ערשטער פּראָבע דורכגעפאַלן, אָבער מאַטווין האָט נישט רעזיגנירט.

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, דאָס אַלע זיינען איצט זיכער, אַז ער וועט רעדן וועגן זיין נייעם אַפּאַראַט, אָבער ער האָט גלייך אָנגעהויבן פון די פּראָצענטער פון די אויסגעפּירטע פּלענער אין די פאַרשידענע אָפּטיילונגען. ער האָט מיטאַמאָל אַ פרעג געטאָן:

— פאַרוואָס איז נישט גערעדט געוואָרן וועגן די פעלערן, וואָס זיינען באַגאַנגען געוואָרן אין דער ערשטער און צווייטער דעקאַדע? פונוואַנען האָבן מיר די זיכערקייט, אַז יענע פעלערן וועלן זיך נישט איבערחזרן?

זיין שטים, וועלכע איז אין אָנהויב געווען געדעמפּט, איז געוואָרן וואָס אַמאָל לעבעדיקער, העכער. מען האָט זיך אויפמערקזאַם צוגעהערט. פּלוצים האָט אין מיר עפּעס אויפגעציטערט. מאַטווין האָט דערמאָנט מיין נאָמען, די נאָטיץ וועגן אָפּהיטן די ריטמישקייט אין דער אַרבעט. די לופט אַרום מיר איז געוואָרן נעפּלדיק. כ'בין געקומען צו זיך ערשט דעמאָלט ווען איך האָב זיך איבערצייגט, אַז קיינער קוקט נישט אויף מיר, נישט פון רעכטס, נישט פון לינקס, כ'האָב זיך מיט מיין בליק איינגעגעסן אין מאַטווינס ברייטן פּנים, וואָס איז איצט געווען טונקל־רויט, גלייך ווי ס'גאַנצע בלוט וואָלט אַהין אָנגעלאָפן. פון זיינע רייד, שטרענגע, אמתדיקע, האָט אַזאַ מאָדנע פרישקייט געאָטעמט איבערן זאַל. ער האָט געגנבֿ געוווּסט נישט בלויז וואָס עס טוט זיך אין גיסעריי, נאָר אויך אין דער טאָקעריי, אין דער מאָנטירערײ, וועגן די אַלומיניום־טיילן, וואָס זיינען ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן אין מאַגאַזין. כ'האָב זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און יעדע מינוט געכאַפּט אַ בליק צום אינזשיניער כמיעלאָווסקין, וועלכער האָט זיך געדרייט אויפן בענקל, ווי ער וואָלט אים געוואָלט איבעררייסן.

קיינער האָט אים נישט איבערגעריסן. ערשט ווען ער האָט גע־ענדיקט האָבן זיך פון די הינטערשטע רייען געהערט מורמלערייען:

— ער האָט רעכט...

— ער האָט מוט... ווו איז געווען די אָנפירערשאַפט? ס'דאַרף זיין אַ שטענדיקע רעווידיר־קאָמיסיע איבער די מאַגאַזינען...

כ׳האָב דערפילט אַ פרייד, ווי כ׳וואָלט דערלייזט געוואָרן פון אַ שווערער משא, וואָס כ׳האָב אַ סך טעג געטראָגן אויף זיך. די פרייד האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט. אַ וואָרט האָט גענומען פּאַטשאָרעק און גלייך אָנגעפּאַלן אויף מאָטווינען, אַז אַזאַ אופן פון קריטיקירן האָט פּאַר אַ ציל אַרונטערצורייסן דעם צוטרוי צו דער אָנפירערשאַפט. עס דעמאָביליזירט דעם קאָלעקטיוו... אונדזערע אויגן האָבן זיך צוזאַמענגע־טראָפן אומגעריכט און כ׳האָב געהאַט דאָס געפיל, ווי אין אַ טייך, ווען דער פוס טרעפט פּלוצים אָן אויף עפּעס גלאָטיקס, גליטשיקס. ער האָט זיך אַ מינוט וועגן עפּעס פאַרטראַכט און דערנאָך מיט ברייטע באַוועגונגען דערקלערט, אַז מען טאָר זיך נישט לאָזן סוגערירן פון אַ נאָטיץ אין דער צייטונג, אָנגעשריבן פון אַ מענטש, וואָס אַרבעט קוים עטלעכע חדשים אין דער פאַבריק.

דער וואַרעמער קרייז אַרום האַרץ איז געוואָרן ענגער, פאַרמאַכט זיך, געדריקט. וואָס וויל ער פון מיר? מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פון פּרעזידיום קוקט מען אויף מיר, אַלעמענס אויגן זיינען געווען קאַלטע, אָן אויסדרוק.

מיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף וויעליטשקאָוויטשן, און אין מיר האָבן זיך אָנגערופן זיינע ווערטער אויף דער באַראַטונג מיט כמיעלאָווסקין. עס איז געגאַנגען פון זיי אַ באַלעבנדיקער כּוח. פּאַטשאָרעק האָט נאָך אַלץ גערעדט, אָבער איך האָב זיך מיט זיינע ווערטער מער נישט שטאַרק איבערגענומען. „בלינדע“ — האָט עס אין מיר געזידט קעגן די עטלעכע, וואָס האָבן אויטאָמאַטיש געפּאַטשט מיט די הענט, ווען ער האָט געענדיקט רעדן; כ׳בין דאַנקבאַר געווען לעווינגערן פאַר דער דאָזיקער באַצייכענונג.

קירילויק, וועלכער איז איצט געזעסן אין אַ ריי פאַר מיר, האָט געהויבן מיט זיינע עטוואָס צו הויכע פּלייצעס און, אויסדרייענדיק זיך צו מיר, געזאָגט גענוג הויך:

— ער פאַהאַקט די ציין, דער נאַרישער פּאָמידאָר, ער ווייסט אַליין אויך, אַז ס׳איז נישט אמת. די ווירטשאַפט אין מאַגאַזין שטערט דעם פּלאַן... ס׳גלוסט זיך ברעכן פון אַזעלכע רייד...

די דיסקוסיע האָט זיך פאַרצויגן. פון די איבעריקע האָט יעדער איינער גערעדט וועגן די זאָרגן אין דער אייגענער אָפּטיילונג. עס איז שוין געווען שפּעט. פון דער שטראַלנדיקער ליכטיקייט, וואָס האָט פרי־ער געפּלייצט דורך די אָפענע פענצטער זיינען געבליבן איינצלנע גאָל־

דענע פיצלעך, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף קעפּ: העלע, טונקעלע און גרויע, אויף אויפגעשפּיצטע אויערן, און אויגן, האַרט־שטאָלענע און הייס־גלאַנציקע. אין דער בלויער פאַרנאַכטקייט האָבן די רייד, וואָס זיינען געגאַנגען פון דער בינע, געקלינגען לויטערער, וואַרעמער.

אויף דער בינע איז איצט געשטאַנען גוואָזשינסקי פון דער מאָנ־טירעריי. כ׳פלעג אים אָפט זען מיט דעם פּרעציזן פראַנצויזישן שליסל, וועלכן ער האָט באַקומען פון אַ סאָוויעטישן מעכאַניקער בעת זיין באַזוך אין אונדזער פאַבריק.

— ווענסט זיין פינף־און־צוואַנציק יאָר שלאָסער — פלעגט ער טענהן — וועסטו פאַרשטיין די ווערט פון דעם אינסטרומענט... עך, די סאָוויעטישע — דאָס זיינען מעכאַניקער! מיט אַזעלכע קאָן מען מאַכן דריי נאָרמעס אַ טאָג.

איינמאָל איז אים דער דאָזיקער שליסל פאַרלוירן־געגאַנגען. ער איז ממש ווילד געוואָרן און פאַרדעכטיקט אָגורעקן, וועלכער האָט אָפט געשיכּורט. שפּעטער, ווען ער האָט זיך אָפּגעפונען, איז גוואָזשינסקי אַרומגעגאַנגען אַ בלאַסער, געליטן פאַרוואָס ער האָט אָגורעקן אומזיסט חושד געווען.

— זיי מוחל — האָט ער זיך געבעטן ביי אים — כ׳נעם אויף זיך וואָס פאַר אַ שטראָף דו וועסט אַליין וועלן.

ער האָט גערעדט מיט אַ נידעריק און וואַרעם קול:

— דער חבר ריאַבקין, דער סאָוויעטישער מעכאַניקער, האָט מיר געעפנט די אויגן. מיין בריגאַדע גיט היינט אַרויס מיט דרייסיק פּראָצענט מער ווי פריער. מער פּאָפּולאַריזירן די סאָוויעטישע מעטאָדן אין דער מעטאַלורגיע. אָט מיט וואָס עס דאַרף זיך פאַרנעמען דער פאַרמעסט־קאָמיטעט.

אינעווייניק אין אים האָט עפּעס געציטערט. כ׳האָב אים פאַרשטאַנען.

קאָרשון האָט געלייענט די רשימה פון די פרעמירטע בריגאַדעס, אויסגעצייכנטע אינעם פאַרמעסט. עס איז געווען שטיל אַ ווייַלע. ס׳האָט זיך געהערט דאָס זשומען פון די פליגן אַרום די נאַרוואָס אָנגעצונדענע לעמפּ. באַלד האָבן זיך אויפגעהויבן הילכיקע פּאַטשערייען.

ווען ער האָט געענדיקט איז מיטאַמאָל אַ געמורמל דורך איבערן זאַל. דער געמורמל איז געוואָרן אַלץ העכער און דייטלעכער: לעווינ־גער... לעווינגער...

עמעצנס אַ העל דרייסט קול האָט פון מיטן זאַל אויסגערופן:

— פאַרוואָס איז לעווינגער נישט פּרעמירט געוואָרן?

אין קאָפּ ביי מיר האָבן זיך צעהודזשעט מאָדנע געדאַנקען. ווי דורך אַ נעפּל האָב איך געזען לעווינגערס פּנים מיט דער שפּילעוודיקייט, וואָס איז געקומען דורך די פאַרמרוזשעטע אויגן. מיר איז גלייך קלאָר געוואָרן, אַז פאַר אים איז עס בכלל נישט געווען קיין איבעראַשונג דאָס נישט געפינען זיך צווישן די פּרעמירטע.

ווי פון דער העלער הויט איז פאָרן רעדנער־פּולט אויסגעוואַקסן כמיעלאָווסקי. זיין קאַלטער בליק האָט אַרויסרופנדיק אַרומגענומען דעם זאַל. ער האָט אָנגעהויבן רעדן וועגן פּידלאַקס בריגאַדע, וועלכע איז איצט פּרעמירט געוואָרן און האָט פאַריקע וואָך דורכגעלאָזט עטלעכע בראַקן. זיין שפּראַך האָט געגלאַנצט מיט אַ שאַרף־אונטערגעשטראָכענער גראַמאַטיקאַלישקייט, ווי מיט דעם בליקן גלאַנץ פון אַ פּריש־לאַקירטער טיר, וואָס וואָרנט מיט איר נישט באַרירלעכקייט. ער האָט אָפּט פאַרהאַלטן זיך, געוואַרט אויף אַפּלאָדיסמענטן, וועלכע האָבן זיך אָפּגערופן שוואַכע, פון דער ערשטער ריי. דערווייל איז ער געשטאַנען מיט אַן אָפן מויל, גלייך ווי ס'וואָלט אים עפּעס אַריין אינעווייניק נישט צום אַראָפּשלינגען.

דער עולם האָט זיך צוביסלעך אָנגעהויבן לאַנגווייליקן. אין אַנדערן עק זאַל האָט זיך צעוואַרעמט אַ שטילע דיסקוסיע, וועלכע האָט שיעור נישט אָנגעהויבן איבערגיין אין אַ קריגעריי.

— שטילער דאָרט — האָט הויך אין זאַל אַריין געמלדן קאָרשון, וועלכער האָט אַליין אויך אויסגעזען נישט צו זיין צופרידן מיט כמיעלאָווסקיס רייד — ביטע, קומט אַהער און נעמט אַ וואָרט.

— לעווינגערס בריגאַדע — איז כמיעלאָווסקי פאַוואָליע, קעציש איבערגעגאַנגען צום פאַרטיידיקן די רשימה פון די פּרעמיעס — האָט פאַר דער צייט נישט באַוויזן צו אַנטוויקלען די קוואַליפיקאַציעס. לעווינגער אַליין האָט אַ גרינגשעצנדיקע באַציונג צום פּראָבלעם פון קאַדרען...

לעווינגער איז געזעסן אומבאַוועגלעך, מיט פאַרלייגטע אָרעמס און כמיעלאָווסקין אָפּגעמאָסטן מיט אַ בליק, פון וועלכן עס האָט געקאָכט ווערן הייס. אָבער כמיעלאָווסקי האָט אים נישט געזען און ווייטער אין אַ גלאַטיקער אויסשפּראַך באַמיט זיך שוואַכער צו מאַכן דעם דערפאָלג, וואָס לעווינגער האָט ביז איצט געהאַט.

כ'האָב געקוקט אויף וויעליכאָוויטשן. אַרום מויל האָט ער איצט געהאַט אַ נערוועזן קנייטש. די ברעמען אויף זיין געפּאַלדעוועטן שטערן

האָבן זיך אויפגעהויבן. ער האָט שנעל אָנגעשריבן עפּעס אויף אַ שטיקל פּאַפּיר און עס אונטערגערוקט דעם פּאָרזיצער, וועלכער האָט אים גע-ענטפערט מיט אַ פריינדלעכן שאָקל מיטן קאָפּ. ווען כמיעלאָווסקי האָט אין עטלעכע מינוט אַרום פאַרענדיקט רעדן, האָט וויעליטשקאָוויטש באַקומען דאָס וואָרט.

וויעליכאָוויטשעס באַוויזן זיך פאַרן פּולט האָט צוריקגעברענגט די שטילקייט. מענטשן, וועלכע האָבן פריער פאַרלאָזט די ערשטע רייען, האָבן איצט זיך אומגעקערט נענטער צו דער בינע. שוין ביי זיינע ער-שטע ווערטער האָט זיך דערפילט אַ שפּאַנונג אין גאַנצן זאַל. דער ברי-גאַדיר פידלאַק האָט אויף אים געקוקט מיט אַן אָפן מויל, ווי ער וואָלט קיין איין וואָרט נישט געוואָלט דורכלאָזן.

ער האָט געשילדערט ווי די פאַבריק האָט אויסגעזען אין אָנהייב, ווי מען האָט געררייניקט דעם איינגעגעסענעם זשאַווער פון די מאַשינען, ווי מען האָט צוזאַמענגעשטעלט טיילן, ווי מ'האָט געלערנט יונגע אויף די טאָקער-מאַשינען, אין דער גיסעריי. שפּעטער, דער קאַמף מיט סאַבאָ-טאַזש, מיט אָפּגעלאָזנקייט און נישט-סאָציאַליסטישער באַציונג צו דער אַרבעט.

יעדער האָט געוווסט, אַז ער דערציילט עס נישט סתּם אַזוי, ער צילט צו עפּעס. אויף אַלעמענס פּנימער האָט זיך געמאָלן די נייגערי-קייט. אין אַ געוויסן מאָמענט האָט ער אַ פרעג געטאָן:

— ווער איז געווען פון אייך אויפן פראָנט?

עס האָבן זיך אָנגערופן איינער נאָכן אַנדערן, פידלאַק, סוכאַרסקי, גוואַזשינסקי, קירילויק א. אַ. וויעליכאָוויטש האָט געשמייכלט, ווי ער וואָלט געפילט, אַז דאָס וועט אים פאַרלייכטערן די אויפגאַבע. מ'וועט אים בעסער פאַרשטיין.

— איר דערמאָנט זיך, חברים, ווי עס האָט אויסגעזען אויפן פראָנט. אין אָנהייב טראַכט מען נאָר וועגן אייגענעם בלינדאַזש, אייגענער אָקאָ-פּע. וואָס בעסער זי צו פאַרהיטן פון אַ באָמבע, פון אַ שראַפּנעל. וועגן דעם פראָנט אין דער גאַנצער ברייט הויבט מען זיך ערשט אָן אָפּגעבן אַ חשבון אין סאַמע קאַמף, אין אָנגריף. איר האָט נישט איינמאָל געזען אין אַזאַ מאָמענט, ווי דער פּראָסטער זעלנער זעט און שאַצט אָפּ די לאַגע אין פאַרנעם פון דער גאַנצער אַרמיי, די דאָזיקע זעלנער זיינען די בעסטע. אמת? מיט אַזעלכע איז לייכטער בייצוקומען דעם שונא.

ער האָט זיך ווידער אומגעקערט צו דער פאַבריק, צו די דעראָבעטונגען. ער האָט אָנגערופן נעמען פון די, וואָס האָבן געפּרוווט שטערן, און פון די, וואָס האָבן פאַרשטאַנען זייער אַרבעט אין פאַרנעם פון דער גאַנצער פאַבריק. דעם לעצטן חודש באַשטייט לעווינגערס בריגאַדע פון בלויז נייע מענטשן. די אַלטע, וועלכע האָבן זיך אונטער לעווינגערס אָנפירונג אויסגעלערנט אַרבעטן, האָט די פּאַרטיי געשיקט אין אַנדערע פאַבריקן, זיי זאָלן לערנען אַנדערע. אינזשיניער כמיעלאָווסקי ווייסט עס אויסגעצייכנט. פאַרוואָס האָט ער עס נישט דערציילט? דאַקעגן ווייסט ער אפשר נישט, אַז לעווינגער האָט זיך אַליין אַרויסגעזאָגט קעגן דער פאַרדינטער פּרעמיע צוליב דעם, וואָס ער איז ערשט מיט צוויי חדשים צוריק פּרעמירט געוואָרן...

אויף אַלעמענס פּנימער איז געווען צו זען, אַז די ווערטער האָבן געטראָפן אין פּינטל. עס זיינען דאָ געווען מענטשן, וואָס האָבן דאָס אַלץ דורכגעמאַכט, דאָס אויפשטעלן נייע מאַשינען, נייע האַלעס, דעם קולטור-קלוב, די ביבליאָטעק. וויעליכאָוויטש האָט גערעדט לייכט, מיט קורצע זאַצן. יעדער זאַץ, יעדעס וואָרט איז געווען ווי אַ צייכענונג מיט בליי, האָט געשאַפן אַ לעבעדיק בילד. ער האָט ווי אַ גוטער רעדנער אויפגעהויבן זיין שטים וואָס אַמאָל העכער:

— די פעלערן אין דער אַרבעט, וואָס זיינען דורכן חבר מאַטווין פאַרגעוואָרפן געוואָרן כמיעלאָווסקין, כמיעלאָווסקיס קעגנשטעלן זיך אויף דער פריערדיקער פאַרזאַמלונג די נייע נאָרמעס אויף דער שליפיערקע, און איצט דאָס באַהאַלטן דעם דערפאָלג פון אונדזער בעסטער בריגאַדע — דאָס אַלץ האָט אַן ענגן צוזאַמענהאַנג... ער גיט אונדז דערמיט געצוונגענדיקע באַווייזן, אַז ער איז נישט פעיק אָנצופירן מיט דער אָפּטיילונג אין אונדזער פאַבריק.

זיין קול האָט איצט געקלונגען שאַרף, איבערצייגנדיק און פול מיט האַס. די לופט אין זאַל איז געווען אַ צעגליטע. ווען ער האָט געענדיקט האָט דער גאַנצער זאַל לאַנג, לאַנג אַפּלאָדירט.

— איצט וועט עס נעמען אַ סוף צו כמיעלאָווסקין — האָב איך געהערט עמעצנס שטים הינטער מיר.

„ענדלעך, ענדלעך וועט זיך עס ענדיקן מיט דעם כמיעלאָווסקין״— האָט עס אין מיר אָפּגעקלונגען ווי אַן עכאָ.

ח

מיט אַ גרויסער פרייד אין האַרצן האָב איך זיך געלאָזט גיין אַהיים.

אַהיימקומענדיק האָב איך זיך ווידער גענומען צום שרייבן. כ'האָב ביסלעכווייז אָנגעהויבן געפונען דעם אייגנטלעכן סטיל פאַר מיין דערציילונג. אַנומלט האָט מיך מאַניע אויפמערקזאַם געמאַכט, אַז כ'ברענג אַריין צופיל פובליציסטיק. אַביסל האָט זי רעכט. די סיבה, האָט זיך מיר געדאַכט, איז די, וואָס איך וויז די מענטשן בלויז אין דער פאַבריק און כמעט ווי אינגאַנצן נישט אין ״יער פריוואַטן לעבן אינדערהיים. פון דער אַנדערער זייט, קומט עס אויך זיכער פון דער ליידנשאַפט, מיט וועלכער די מענטשן אין פאַבריק רעדן.

— דו זעסט בלויז לצווינגערס גוטע זייטן — האָט מיר פאָרגעוואָרפן מאַניע, וועלכע איז מיט יעדן טאָג אַלץ מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַקציע פון מיין דערציילונג — אַ מענטש האָט דאָך אויך פאַרשיידענע שוואַכקייטן.

אפשר איז זי גערעכט. מיר אָבער איז געגאַנגען אינעם אַריינפילן זיך אַלץ טיפער אין דער שיינקייט פונעם נייעם לעבן. אַלץ אַרום מיר איז אַזוי רירנדיק שיין. די אַרבעט, די מענטשן, די חברישקייט.

מאַניע איז געזעסן אויף דער סאָפע און שטיל איינגעחזרט איר ראָל אין דעם איינאַקטער, וואָס דאַרף שוין אין אַ קורצער צייט אַרום אויסגעפירט ווערן דורך דעם דראַמקרייז פון איר קאָאָפעראַטיוו, איר פנים איז געווען קלאָר, עטוואָס גערויטלט. כ'האָב געקענט דעם אינהאַלט פונעם איינאַקטער, געשאַפן דורך אַן אַרבעטער, אַ מיטגליד פון זייער דראַמקרייז. עס האָט זיך דאָרט געהאַנדלט וועגן יוגנטלעכע, וואָס

נעמען אויף זיך די איניציאַטיוו פון אַ לאַנג-כוואַליעדיקן אַרבעט-פאַר מעסט, פירן איין אַ נייעם דריילינג-סיסטעם. צווישן די, וואָס שטערן געפינט זיך איינע, אַ יונגע אַרבעטערין, וועלכע האָט זיך אַריינגענומען אין קאָפּ, אַז דער נייער סיסטעם וועט פאַרקלענערן די פאַרדינסטן. זי איז אַ מוטער פון אַן אַנדערהאַלבן יאָריק קינד.

דער מחבר האָט עס, מסתמא, גענומען פונעם לעבן אין קאָאָפּע-ראַטיוו. כאָטש דער קאָאָפּעראַטיוו איז געווען געגוג צעוואַקסן, אַ פאַבריק אַ גאַנצע, איז אָבער די אַטמאָספער אין אים נאָך נישט געווען אינגאַנצן אַזאַ ווי ביי אונדז אין פאַבריק. אפשר ווייל דער קאָלעקטיוו איז אַ קלע-נערער האָט זיך דעריבער גיכער אַרויסגעוויזן דער איינצלנער, וועמען עס איז נאָך אַלץ שווער אָנגעקומען אויפצונעמען דאָס נייע. מאַניע האָט געשפילט די ראָל פון דער אַרבעטערין, וועלכע שטעלט זיך אַנטקעגן דעם נייעם סיסטעם. איר באַוועגלעך פנים האָט אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ מאַסקע פון נאַיווער שרעק פאַר דער ענדערונג אין דער אַרבעט.

איבערגעבויגן איבערן ווייסן בייגעלע פאַפיר, פאַרטראַכט איבער אַ פאַסיק וואָרט, איז צו מיר אין דער געפרעסטער שטילקייט דערגאַנגען מאַניעס שעפטשען: „לאָזט מיך אָפּ. זאָל יעדער טאָן ווי ער פאַר-שטייט. שוין צוויי יאָר ווי איך אַרבעט אַזוי, און שטייג איבער אָפּט די נאָרמע. כ'דאַרף נישט האָבן קיין נייע מעטאָדן...“

דאָס שטילע פליסטערן, כדי מיר נישט צו שטערן, איז געווען אי רירנדיק, אי קאָמיש. כ'האָב זיך אויסגעדרייט מיטן פנים צו מאַניען. אונ-דזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זי האָט די ערשטע אַרויסגעפלאַצט אין אַ פריילעך, פול געלעכטער.

— ווייסט, ווער עס האָט דאָס ביי אונדז געזאָגט? די הויכע סער-וועטקאַ, דעם פריזיערס ווייב. זי האָט זיך דעמלט צעקריגט אויך מיטן מאַן. מיר איז שווער נאָכצומאַכן איר נאַרישעוואַטע פנים...

די פאַלדן פון מאַניעס ברוינע האָר זיינען געלעגן אויף איר קאָפּ, ווי כוואַליעס אויף אַ רויקן טייך. איר געטרייער בליק האָט זיך אָנגע-האָנגען אין מיר:

— ווי מיינסטו, זיגמונט? דאַרף איך זי שפּילן אַלס נאַרישע, וואָס זעט אין דעם נייעם סיסטעם אַן אַטענטאַט אויף איר קעשענע? צי ווי איינע, וואָס געפינט זיך אונטערן איינפלוס פון שונאים?

פאַטשאָרעק... דער דאָזיקער רירעוודיקער, אייביק-נערוועזער טאָ-קער, האָט זיך מיטאַמאָל אָוועקגעשטעלט פאַר מיר אין זיין גאַנצער צע-

כראַסטעטקייט. כ׳האָב שטענדיק געזען אויף זיך זיין בייזן בליק, זיין אָפן פאַרטיידיקן כמיעלאָווסקין, און דאָך האָב איך אין אים קיינמאָל נישט געזען קיין שונא פון אונדזער פאַבריק.

— שפּיל זי ווי אַ בלינדע, אַ גייסטיק-בלינדע, אַזאַ, וואָס קוקט און זעט נישט, וואָס איז נישט פילבאַר אויף שיינס און דערהויבנס. נו, ווי אַ מ:יבער אויף מוזיק...

עס האָט זיך מיר מיטאַמאָל דערמאָנט די אויף אַן אמת טויבע פּיאַנטעק, וואָס אַרבעט ביי אונדז אויף דער בויערער-מאַשין. איר ענטוזיאַם פאַרן איינפירן נייע נאָרמעס האָט אַלעמען מיטגעריסן. מיר האָט זיך אין דער מינוט אויסגעוויזן, אַז נאָר אין אַזאַ גרויסער פאַבריק, צווישן אַזעלכע ריזיקע מאַשינען און בויער פון שטאָל און אייזן, קאָן מען האָבן דאָס געפיל פון אַן אַנטיילנעמער, פון אַ לעבעדיקן טייל אין דעם אומגעהויערן פּראָדוקציע-פּראָצעס. כאָטש ביי מאַניען אין קאָאָפּעראַטיוו איז פאַראַן גענוג פאַבריקטומל און מאַשינען-גערויש, איז עס אָבער פאָרט נישט דאָס. כ׳האָב דערפילט אַ בענקעניש צו געפינען זיך איצט אין דער פאַבריק, צווישן די מאָטאָרן, טראַנסמיסיעס, צווישן הודזשענדיקע מאַשינען.

אַ שאָד, וואָס מאַניע אַרבעט נישט מיט מיר צוזאַמען, זעט נישט דעם מיטרייסנדיקן טעמפּ.

מאַניעס ווייטערדיקע רייד וועגן זייער דראַמקרייז, וועגן דעם אַרבעט-געוועט, האָבן מיך אַרויסגעריסן פון מיין פאַרטראַכטקייט.

— אונדזער יוגנט-בריגאַדע ביי גראַבער קאָנפעקציע האָט איצט ביים פערטן עטאַפּ פון פאַרמעסט באַקומען די איבערגאַנג-פאָן. מיר האָבן אָפּגעגעבן אַ שבועה מער נישט אַרויסלאָזן די פאָן פון די הענט... צוואַ איז דורכן דאָקטאָר באַפרייט געוואָרן פון דער אַרבעט, אָבער זי איז געקומען.

אין דעם מאָמענט איז פאַר מיר קלאָר געוואָרן, אַז מאַניע איז פאַרליבט אין איר קאָאָפּעראַטיוו פונקט ווי איך אין דער פאַבריק.

כ׳האָב מיטאַמאָל דערפילט איר האַנט אויף מיין אַקסל.

— ווי האַלטסטו מיט דער דערציילונג?

איר טאָן איז געווען אָנגעזאַפּט מיט געטריישאַפט. כ׳האָב שנעל אויפגעזוכט דעם אָנהייב פון דעם לעצטן קאַפּיטל: לעווינגער און אירקע.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

...אין זאַל רוישט. לעווינגער איז פאַרטאָן אין זיין מאַשין מיט דער פאַרגרעסערטער שנעלקייט. זי גייט גוט, די מאַשין, און ער ווערט שיעור נישט משוגע פון פרייד. ווען אירקע גייט פאַרביי, כאַפּט ער זי אָן פאַרן אָרעם און שאָקלט מיט איר: זעסט ווי ער ברומט, דער בער. געזיכערטע צוויי הונדערט און פופציק פּראַצענט. די פלאַמען, וואָס שלאָגן פון זיין פּנים, שפּיגלען זיך אין דעם טונקעלן גאָלד פון אירע צעכוואַליעטע האָר. זיין גאַנצער קערפּער איז ווי אין פיבער, ער דרייט מיט די הענט ווי מיט אַ קאָרבע, ווי ער וואָלט געפּרוווט נאָך פאַרגרעסערן די שנעלקייט.

אירקעס בליקן פלאַמען שטיל, ווי אונטער רויך.

— היינט האָבן מיר אַ פרייע מינוט. לאָמיר גיין אין טעאַטער. עס שפּילט „צוויי בריגאַדעס“.

לעווינגער שמייכלט מיט די ליפּן. אין אים אָבער לאַכט עס אויפן קול... דער מאָטאָר איז געלאָזט אויף די שנעלסטע רונדן. לויטן הויכן רוישיקן טאָן פונעם רונד-וואַל אָבסערווירט לעווינגער, צי דער מאָטאָר פאַרלירט גאָרנישט פון זיין שנעלקייט. ס׳איז גאָרנישט דער מאָטאָר. עס טרייבט די אויפגעוואַכטע ענערגיע פון גאַנצן קאָלעקטיוו. מיטן אימפּעט קומט אויך אַ מיטרייסנדיקע פרייד, וואָס ריזלט פון האַרץ אין די אויגן און צוריק אין האַרץ, אין די הענט.

— נו זאָג — הענגען נאָך אויף אים אירקעס אויגן, פולע מיט גֶעבעט און אַנטציקונג.

— זיכער וועלן מיר גיין. כ׳וועל וואַרטן אויף דיר, ווען וועסט ענדיקן די אַרבעט. אפשר וועלן מיר נאָך היינט זיך דורכשפּאַן אויפן טייך.

לעווינגערן האָט זיך געדאַכט, אַז עס שיינט אַ ליכטיקע זון. אָבער אינדרויסן איז דער הימל פאַרצויגן געווען מיט גרויע כמאַרעס.

נישט געקוקט אויפן גאָס-רעגן וואַרט ער פיר אַזייגער אויף אירקען. ער איז אָנגעטאָן אין אַ העלן רעגן מאַנטל. נישט בײַ דער פאַבריק וואַרט ער. דאָרט קאָן לעווינגער נישט שטיין און וואַרטן. דאָרט וועט אים באַלד אַרומכאַפּן דער טומל און אים גלייך אַריינציען אין זיך. עס זעט אויס, ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיך אַליין צו געטרויען. דעם היינטיקן אָוונט וויל ער פאַרברענגען מיט אירקען, ווען זי קומט ברענגט זי מיט זיך ליכטיקייט און פרייד.

ווּ איז זי, אירקע? וואָס ווייערט עס אַזוי לאַנג? אָ? זי גייט, אירקע!

ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען פוּנוואַנען ער ווייסט, אַז זי גייט, ער האָט זי דאָך נישט געזען. נאָר מיט אַלע חושים האָט ער דערפילט, אַז זי גייט אַהער. ער איז שנעל אַרויס פון טויער, ווּ ער האָט זיך באַהאַלטן פאַרן רעגן און האָט זי גלייך דערזען.

— איר — קע!

פון וויַיטן האָט אירקע געפאָכעט צו אים מיט דער האַנט. דורך אירע ווייסע ציין האָט געשטראָמט לוימער געלעכטער:

— נאַטאַן, עך, האָסטו אויפגערודערט די פאַבריק. די פּאַרטיי האָט דאָך גערופן אַ ספּעציעלע מאַסוווקע וועגן דעם הייַנטיקן נצחון. מ'האָט דיך אַרומגעזוכט און דו ביסט ווי אין וואַסער אַריין...

לעווינגער האָט זיך אָפּגעשטעלט. זיין פּנים האָט זיך פאַרטונקלט.

— המם... געדאַרפט זיין אויף דער מאַסוווקע, פּאָפּולאַריזירן צווישן די חברים דעם נייעם מעטאָד. מאָרגן וואָלטן שוין אפשר אַנדערע אויך נאָכגעטאָן. עך, אַ היזק. דער סעקרעטאַר איז נאָך דאָ? אפשר צו-ריקגיין?

אַ רגע האָט זיך אויך אירקע פאַרטראַכט. באַלד אָבער האָט זי זיך צעלאַכט: עס איז שוין באַשטימט געוואָרן צו רופן איבערמאָרגן אַ צונויפ-טרעף מיט אַלע בריגאַדירן. לעווינגערס פּנים האָט זיך אויסגעלייטערט. די פרייד האָט זיך צוריקגעקערט, צעגאָסן זיך איבערן האַרץ, און זיינע פינגער האָבן מיט דאַנקבאַרקייט געגלעט איר האַנט.

אין שטאָטישן פּאַרק איז אין דער שעה זעלטן עמעץ דורכגעגאַנ-גען. דער רעגן האָט שוין געהאַט אויפגעהערט, אָבער די כמאַרעס האָבן נאָך געווירן איבערן טונקל-גרויען הימל. לעווינגער מיט אירקען זיינען געזעסן אין דער זייטיקער בערעזעווער אַלייע.

— נאַטאַן טייערער!

— וווּנדערלעך מיידל, ווי לאַנג איך האָב געוואַרט אויף דיר!

אין די פאַרשידענע לענדער, וועלכע ער איז אויסגעפאָרן, האָט ער וועגן איר געטראַכט, כאָטש ער האָט נישט געוווּסט, ווי זי זעט אויס און ווּ זי געפינט זיך. ווען ער האָט פאַרלאָזט פּוילן און זיך אַרויסגע-לאָזט אויף דער וועלט, האָט ער שוין פאַר די אויגן געזען דאָס איצטי-

קע לעבן, די פאַבריק, וועלכע געהער צו אַלעמען, דאָס שיינע, ערלעכע אַרבעטער-מיידל, וואָס הייסט אירקע, און אָטעמט אויף אים מיט וואַרעמקייט, מיט גליק.

— אירקע, מיר וועלן קיינמאָל נישט אַוועקגיין פון אונדזער פאַבריק מיר... מיר וועלן שטענדיק זיין צוזאַמען.

ער האָט עס אַרויסגעשעפּטשעט און געפילט, אַז ס'איז פאַראַן גרויס גליק אויף דער וועלט...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

ווען כ'האָב געענדיקט, האָט מאַניע מיט געטריישאַפט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים און שטיל געזאָגט:

פאַרוואָס האָסטו מיר קיינמאָל נישט דערציילט וועגן דעם מיידל?

מאַניעס שטילע ווערטער, די פלעמלעך אין אירע אויגן האָבן מיך אינגאַנצן אויפגעהייטערט. אַ ציטער פון לאַנג-דערוואַרטער, אויפגעוואַכטער פרייד האָט אין מיר געקוואַלן.

כ'האָב געפילט אויף זיך איר בליק. אין אים איז געווען אַזאַ שטילע וואַרעמקייט, וואָס האָט שטאַרק געלויכטן אַרום.

ט

ביים אַריינגאַנג אין פאַבריק נעבן דעם פּאַרטיער־הייזל איז געהאָנגען אַ גרויסע גלעזערנע גאַבלאָטקע. היינט זיינען דאָרט אַרויסגעקלעפּט נייע פאָטאָסן פון די, וואָס צייכענען זיך אויס אין אַרבעט־פאַרמעסט לכבוד דעם צוויי־און־צוואנציקסטן יולי, דעם יאָרטאָג פון פוילנס באַפרייונג. אין סאַמע מיטן הענגט לעווינגערס פאָטאָגראַפיע. מען האָט אים פאָטאָגראַפירט ביי דער אַרבעט. זיין לינקע האַנט ליגט אויף דעם איבערשטן רעדל פון דער מאַשין. זיין פּנים דריקט אויס איינגעהאַלטענע פרייד און פעסטקייט.

— עך, איז דאָרט הייס ביי זיי. שוויס גיסט זיך ווי וואַסער — האָט זיך אָנגערופן צו מיר וויסאָקי, וועלכער איז נעבן מיר געשטאַנען אַ פאַרקוקטער אין די פאָטאָגראַפיעס — נעכטן בין איך דאָרט געווען, איבער אַ שעה זיך צוגעקוקט ווי זי אַרבעט, לעווינגערס בריגאַדע.

אין דער האַלע, וווּ לעווינגער האָט געאַרבעט, האָט איין וואַנט זיך געגרענעצט מיט דער גיסעריי. עס איז דעריבער געווען דאָרט שטאַרק הייס, און מען האָט שוין לאַנג באַדאַרפט איבערטוישן די ווענטילאַטאָרן אויף גרעסערע.

— ווייסט, וואָס ס'איז מיר איינגעפאַלן — רופט זיך ווידער אָן וויסאָקי — אויסצופאַרטיקן פאַר לעווינגערס בריגאַדע אַ גרויסן עלעקטרישן ווענטילאַטאָר. עס וועט זיין ביי מיר אַ צוגאָב־התחייבות צום צוויי־און־צוואָנציקסטן...

— גיב אַהער די האַנט — איז אויסגעוואַקסן נעבן אונדז סוכאַרסקי — נעם מיך צו פאַר אַ שותף. כ'בין דאָך עפּעס אַן אַלטער עלעקטראָמאָנטער. ס'וועט גיין שנעלער. לעווינגער האָט זיך פאַרדינט דערויף.

ס'איז דורכגעלאָפן אין מיר אַ כוואַליע פון געריירטקייט. כ'וואָלט גערן צוגעשטאַנען צו זיי, נאָר די לעצטע טעג בין איך פאַרנומען גאַנצע שעהן נאָך דער אַרבעט. מען האָט מיך אויסגעקליבן אַלס פאָרשטייער פון אונדזער אָפּטיילונג צום פאַבריק-ראַט. חוץ דעם האָב איך באַשלאָסן צו גיין אויף א צוגרייטונג-קורס, כּדי צו דעריאָגן די פאַרלוירענע צייט און באַלייגן מאַטורע-עקזאַמענס.

ביים מיטאָג-איבעררייס זיינען מיר זיך צונויפגעקומען אינעם ווינקל נעבן ווײסאָקיס מאַשין.

אַ באַקוועם אָרט, דאָס דאָזיקע ווינקל, ווו עס שטייט ווײסאָ-קיס מאַשין. די לעצטע טעג איז עס באַקאַנט אין דער גאַנצער פאַבריק. עס געפינט זיך פונקט אין דעם ראָג, פונוואַנען מען זעט דעם גאַנצן זאַל. צוליב דער טיר, וואָס גייט אַריין פונדאַנען אין דער צווייטער האַלע, שטייען דאָ ווייניק מאַשינען. די מייסטער און שלאָגלער, וואָס קומען פון אַנדערע פאַבריקן זיך לערנען לעווינגערס נייעם מעטאָד, קומען אויך אַהער זען דעם נייעם אופן פון ווײסאָקיס איינטיילן די אַרבעט צווישן דער בריגאַדע. נעכטן איז דאָ געווען דער זשורנאַליסט מיט דעם פאָטאָ-גראַפיר-אַפּאַראַט און געזאָלט מאַכן ווײסאָקין אַן אויפנאַמע. ווײסאָקי איז נישט געווען. עס איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון שטאָטישן נאַציאָנאַל-ראַט, ווו ווײסאָקי איז דורך אונדזער פאַבריק אויסגעוויילט געוואָרן אַלס מיטגליד.

דער זשורנאַליסט האָט שוין געהאַלטן ביים געזעגענען זיך, ווען ער האָט מיך מיטאַמאָל — ווי ער וואָלט זיך אָן עפּעס זייער וויכטיקס דערמאָנט — אַ פרעג-געטאָן:

— איר דרוקט לעצטנס גאָרנישט ביי אונדז?

ער האָט, מסתמא, באַמערקט די ענדערונג אין מיין פּנים. ער האָט אַ דורכדרינגלעכן קוק געטאָן אויף מיר און שטיל געפרעגט:

— איר האָט, דאַכט זיך, געהאַט אַ דערציילונג? איר האָט זי גע-געבן לאַסקין?

— יאָ, כ'האָב זי שוין צוריק אָפּגענומען. דאָס מאַטעריאַל פון אונדזער פאַבריק-לעבן פּאַסט זיך נישט פאַר קיין ליטעראַטור...

דער זשורנאַליסט האָט זיך צעלאַכט, אויסגעצויגן זיך און טיף, קרעפטיק, אָפּגעזיפצט. ער האָט געזאָגט:

— דאָס זיינען אַלץ שטותים, גיט מיר די דערציילונג, עס איז אינ-טערעסאַנט דורכצולייענען.

כ'האָב אים צוגעזאָגט צו ברענגען. ער האָט אַרויסגערופן אַ חבריש געפיל צו זיך. אַ שטילע האָפענונג האָט אין מיר אַ שמייכל-געטאָן.

פון אָנהייב אָן איז היינט די אַרבעט געווען אַזאַ צעווינגענע. די מאַשין האָט זיך ביי קיינעם נישט אָפּגעשטעלט. ביים איבעררייס איז זיך די גאַנצע בריגאַדע צונויפגעקומען און אַרומגערעדט די ביז-איצטיקע רעזולטאַטן פונעם יולי-פּאַרמעסט. וויסאָקי איז געווען צופרידן. פון זיין שמייכל האָט ביי אונדז אַלע אַ שטילע וואַרעמקייט אָנגעהויבן שלאָגן אין האַרץ.

— מיר קאָנען, מיין איך, נעמען אויף זיך צוגאָב-התחייבותן, אויספירן די פריערדיקע התחייבותן מיט צען טעג פאַרן טערמין און נאָך דריי לערן-יינגלעך צוגרייטן צום צווייט-און-צוואַנציקסטן ווי זעלבסט-שטענדיקע אַרבעטער. זאָלן זיי זען, וואָס די דריטע אָפּטיילונג קאָן. זאָל לעצווינגערס חברה נישט מיינען, אַז זי איז די איינציקע...

זיין קול איז געווען האַרט, פעסט, כאָטש דאָס פּנים איז געווען צעשמייכלט. נאָך די לעצטע ווערטער האָט ער זיך אָנגעבויגן צו מיר, אַ מרושע געטאָן מיטן לינקן אויג און שטיל געזאָגט:

— דער ווענטילאַטאָר וועט זיין אַ צוגאָב. עך, וועלן זיי שפּרינגען.

וויסאָקי האָט גלייך אָנגעשריבן די באַשלוסן אויף עטלעכע בייגעלעך פּאַפּיר פון זיין נאָטיץ-ביכל און פאַרענדיקט מיט אַ רוף צו אַלע אַנדערע אָפּטיילונגען נאָכצוטאָן דעם ביישפּיל. מיר האָבן אונטער-געשריבן.

ווען דער איבעררייס האָט זיך געענדיקט, האָט זיך נעבן וויסאָקיס מאַשין באַוויזן וויעליטשקאָוויטש.

— נו, וואָס, וויסאָקי, דורכגעפירט?

וויסאָקיס לאַכנדיקע אויגן ענטפערן מער ווי ווערטער. וויעליטשקאָוויטש בויגט זיך צו נענטער צו זיין צעהיצטן פּנים:

— פאַר דיר זאָרג איך זיך ווייניק, אָבער מיט די נייע. דו האָסט דאָך אַזויפיל נייע, נישט קוואַליפיצירטע.

— ס'שאַדט נישט. מיר וועלן זיי אויסלערנען, מען וועט זיי אַרויפ-ציען.

טיר און טויער זיינען געווען אָפן. די ווענטילאַטאָרן האָבן גע-אַרבעט. די היץ איז אַלץ געווען גרויס. כ'האָב געקוקט אויף דעם

ווייכן שטאָלענעם שניצעכץ, וואָס האָט זיך ווי זילבערנע שטערנדלעך געשיט פון אונטער די מעסערס, און נישט געפילט קיין שום מיד-קייט.

איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און זיך באַגעגנט מיט וויעלי-כאָוויטשעס אויגן, וועלכע זיינען אַנגעשטעלט געווען אויף מיר מיט אַ וואַרעם-חברישן אויסדרוק.

— עס גייט גוט, האַ? און קירילוק האַלט אין איין ציטערן איבער די מאַשינען. ער רייסט זיך צוריק צום מייסטערווען... מ׳וועט דאַרפן לעווינגערן אַוועקשטעלן אַלס לייטער פון דער אָפטיילונג. דער פּאַסיק-סטער מענטש, ווי מיינסטו? בעסער פון כמיעלאָווסקין וועט ער געוויס זיין. מיט אים וועט נאָך זיין אַן אַרבעט ביז ער וועט באַשטיין.

איך בין גאָרנישט בכוח מיר פאָרצושטעלן דעם אויסדרוק פון מיין פּנים אין דער מינוט.

— מען דאַרף עס אים שטעלן אַלס פּאַרטייאישע אויפגאַבע. ער האָט נישט קיין רעכט זיך אָפּצוזאָגן.

און געפילט האָב איך ווי אַן אומגעריכטע פרייד צעפּליצט זיך אין מיר. מסתמא האָט עס וויעליכאָוויטש אויך באַמערקט, ביי אים זיינען די אויגן געוואָרן קלענער, אַנגעקוואָלן מיט צופרידנקייט.

— יאָ, כ׳מיין אַלע וועלן זיין צופרידן דערפון, מ׳דאַרף רופן אַ פּאַרטיי-באַראַטונג.

נאָך דעם זעלבן טאָג, ווען כ׳האָב אירקען באַגעגנט אין קולטור-קלוב, האָב איך עס איר דערציילט. אַרום איר האָט עס געטומלט. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אויפסניי דעקאָרירן דעם קלוב. יעדער האָט געזאָגט זיין מיינונג. כ׳האָב עס בכיוון דערציילט הויך, אַלע זאָלן הערן. זי האָט עס אויסגעהערט שווייגנדיק. אירע קליינע ברוינע הענט מיט די לענגלעכע פינגער האָבן זיך געפּאַרעט מיט אַ שטיקעלע רויטס פון דער דעקאָראַציע. אַגורעק, וועלכן כ׳האָב פון יענעם טאָג אָן שוין קיין איינמאָל נישט געזען קיין שיכּורן, איז איצט געשטאַנען נעבן אירקען מיט אַ גאַנץ טעצל פאַרשידנקאָליריקע פּאַרבן. זיין פּנים האָט אויפגעפלאַמט מיט אַ לעבעדיקער רויטקייט און ברייט פאַנאַנדערעפּע-נענדיק די אויגן האָט ער אַ זאָג געטאָן!

— אָהאָ! עס איז אַ פּרעכטיקער איינפאַל.

— אָט דאָס הייסט אַרבעט! — האָט אין זעלבן טאָן באַשטעטיקט דער זעטעמפּאָוויעץ פעליקס.

— אַזוי פֿאַרשטיי איך — האָט זיך אָנגערופֿן דרזשאַס מיט זיין דונערנדיקן קול — בלויז אייגענע דאַרפֿן אָנפֿירן מיט אונדזער פֿאַבריק.

בלויז אירקע האָט געשוויגן. אין איר שווייגן, אין איר פֿאַרלוירנ-קייט האָב איך געזען, און אפֿשר מער געפֿילט ווי געזען, אַז ביי איר האָט זיך עפּעס איבערגעריסן, זי האָט זיך ווי איינגעקורטשעט. איר בליק האָט, דוכט זיך, געזוכט אַן אָרט, וווּ זיך אַוועקצוזעצן. מיר איז געוואָרן פֿיינלעך.

אַ היבשע ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן די פֿאַרלוירנקייט. נאָר אירקע האָט זיך ווי תּמיד שנעל געפֿונען. זי האָט אַ לאַך געטאָן, און לאַכנדיק אונטערגעהויבן מיט איר פֿיין הענטל מיין אַראָפּגעלאָזטע גאָמבע, גע-קוקט מיר אַ מאָמענט גלייך אין די אויגן און אַ זאָג געטאָן:

— נאַרישקייטן! כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס איבערגעבן מיר היינט דעם פּאָרזיץ פֿון פֿאַבריק-ראַט האָט עפּעס אַ שייכות מיט דעם...

— וועלן מיר, הייסט עס, אַרבעטן צוזאַמען.

ביי די שאַך-טישלעך האָט מען, ווייזט אויס, געמוזט דערהערן די ידיעה וועגן לעווינגערן. עס האָט זיך דאָרט אויפֿגעהויבן אַ פֿריילעך גערודער. דער מאָנטער גאַלינסקי, וועלכער פּלעגט זיך בייזערן, ווען מיר האָבן נישט באַוויזן אים צוצושטעלן די עבאָניט-מוטרעס: „דער פּלאַן, פּלאַן... אַ רוח אין אייערע הענט...“ — ער איז איצט צוגעקומען צו מיר מיט אַן אַנדער פּנים אינגאַנצן, און אייליק אַ פֿרעג געטאָן:

— ס׳איז אמת, זיגמונט? לעווינגער קומט צו אונדז אין דער דריטער אָפּטיילונג?

ווען איך האָב עס אים באַשטעטיקט, האָט ער מיר אַ קלאַפּ געטאָן איבערן אָרעם.

— דאָס מוז מען באַגיסן.

דער טומל האָט זיך פֿאַרשטאַרקט. ס׳האָבן זיך דערהערט אָן אַ שיעור נייע קולות, וואָס האָבן פֿריילעך פֿאַרהילכט דעם זאַל. די באַ-זונדערע שטימען זיינען ווי פֿאַרהילכט געוואָרן אינעם אַלגעמיינעם גע-פּילדער און לעבעדיקן טומל.

כ׳האָב זיך מיט הנאה איינגעהערט אין דעם גערויש. מיר איז אָנ-גענעם געווען, וואָס עס באַשטעטיקט זיך וויעליכאָוויטשעס געדאַנק, אַז אַלע וועלן צופֿרידן זיין מיט לעווינגערס איבערנעמען די אָנפֿירונג מיט דער אָפּטיילונג.

ביי איינעם פון די שאַך-טישלעך איז געזעסן מאַטווין, אַ גיסער און אַ מיטגליד פון פאַבריק-ראַט. נישט אַראָפּנעמענדיק דעם בליק פון די פיגורן האָט ער גערעדט צום מיטשפּילער, זיינעם, צום טעכניק פּטאַשיצקי:

— אין איך זאָג דיר, אַז מען דאַרף זיך נאָך איבערקלערן, צי מיר האָבן אַ רעכט צוצונעמען אַזאַ גוטן בריגאַדיר פון דער פּראָדוקציע. ווער וועט אים פאַרטרעטן?..

— אַנטשולדיק — האָט אים פּטאַשיצקי אויפן אָרט איבערגעריסן — לויט מיין מיינונג וואָלט עס געווען די גרעסטע עוולה צו שטעלן זיך אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט. אַ גוטער אַרבעטער, אַן ערשטקלאַסיקער בריגאַדיר — דאַרפן מיר זיין צופרידן, וואָס ער האָט די געלעגנהייט צו אַוואַנסירן... כ׳בעט דיך זייער, פּרווו מיך נישט איבערצייגן, כ׳אַרבעט דאָ לענגער פון דיר, און דער פּלאַן לאָזט מיך פונקט אַזוי נישט רוען ווי דיך. כ׳שטעל מיר נישט פאָר קיין בעסערן אָנפירער מיט דער דריטער אָפּטיילונג ווי לעווינגער.

— און די בריגאַדע? — האָט מאַטווין אַלץ נישט אויפגעהויבן די אויגן. דאָס קול איז ביי אים געגאַנגען פון דער נאָז.

ביי פּטאַשיצקין האָבן זיך די באַקן אָנגעצונדן.

— וואָס פאַרדרייסטו דעם קאָפּ מיט דער בריגאַדע? געפונען אַ שטערונג. און וויסאָקיס בריגאַדע דאַרף נישט לעווינגערן מיט זיין אייגענעם מעטאָד?... אָט, ביסטו געבליבן אַן דער מלכה... אויף דיר וווּנדערט מיך, און אַז דו וועסט אַוועקגיין, וועט דיין בריגאַדע ערגער אַרבעטן? אמת, ניין? נו... וואָס קלערסטו אַזוי לאַנג? לאָמיר פאַרענדיקן די פּאַרטיע...

— דו איילסט זיך צו דער ווינדע?

דער מעכאַניקער פּטאַשיצקי האָט געקנייטש די ברעמען.

— יאָ, ס׳גייט שווער מיט מיין איצטיקער התחייבות... אָבער צום טערמין וועל איך זי אויספירן... כ׳זאָל אפילו דאַרפן אַ גאַנצן חודש רע-זיגנירן פון אַ שאָך...

גאָלדענע הענט האָט ער, דער פּטאַשיצקי. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט אונטערנעמען צו פאַריכטן די ווינדע. דער מעכאַניזם איז געווען צעהאַקט. עס האָט אויסגעזען צו זיין אַן אַרבעט אויף לאַנגע חדשים. אַזוי ווי פּטאַשיצקי האָט זיך נאָר געמאָלדן, זיינען גלייך אויך די איבע-

ריקע מעכאַניקער געקומען און געווען גרייט צו העלפן, פטאַשיצקי האָט זיך צוגעקליבן בלויז געראַנגלען אין ברענערן און זיך אונטערגענומען פּאַרטיק צו מאַכן די אַרבעט אין משך פון אַ חודש.

ברענער, כאָטש ער איז שוין געווען אַ ראַציאָנאַליזאַטאָר, האָט אים פטאַשיצקי נאָך אַלץ טראַקטירט ווי אַ לערן־יינגל. געפלעגט מיט אים בלייבן נאָך דער אַרבעט און אים צווייזן, לערנען די אייגנשאַפטן פון יעדער מאַשין. ברענער האָט מיר שוין לאַנג וועגן פטאַשיצקין דער־ציילט, אַז ער האָט אַ בליק פון אַ זייגערמאַכער און הענט פון אַ מוזי־קער, דאַרע, געשיקטע און אַנכאַפּנדיקע. זיי פלעגן ווי מאַגנעטיזירט ווערן פון דעם שטיקל מעטאַל, און דער מעטאַל פון זיי. אויף אים האָט מען געזאָגט, אַז די מאַשינען האָבן אים ליב. זיי אַנטדעקן פאַר אים זייערע אייגנשאַפטן, אַזעלכע, וואָס זיינען פאַר אַנדערע אַ סוד. ברענער האָט אים ליב געהאַט. „מען קאָן זיך ביי אים שטענדיק לערנען", האָט ער געזאָגט און געדולדיק פאַרשריבן פטאַשיצקיס געדאַנקען אין דעם העפט, וואָס ער פלעגט שטענדיק טראָגן מיט זיך.

אין עטלעכע טעג אַרום, ווען עס איז פאָרגעקומען די פּאַרטייאישע באַראַטונג וועגן באַשטימען לעווינגערן אַלס אָנפירער מיט דער דריטער אָפּטיילונג, איז פטאַשיצקי אַרויס מיט אַ פייערדיקער רעדע. לעווינגערס אַנטקעגנשטעלן זיך האָט ער אָנגערופן איבערגעטריבענע באַשיידנקייט, פּחדנות, און געזאָגט: אַז דאָס דערציען קאַדרען האָט אויך אַ שייכות צו זיך אַליין. יעדער דאַרף אין זיך אָפּהיטן אַ גרייטקייט צום אַוואַנסירן, דאַרף זיך לערנען אָרגאַניזירן און אָנפירן מיט אַרבעט. לעווינגער האָט אַלע אייגנשאַפטן דערצו. אָפּזאָגן זיך הייסט נישט וועלן אויספירן קיין פּאַרטייאישע אויפגאַבע.

ביי די דאָזיקע ווערטער איז אין קאַבינעט געוואָרן זייער שטיל. אַלעמענס אויגן האָבן געקוקט אויף לעווינגערן. אין דעם לענגלעכן צי־מער איז מיטאַמאָל ווי ענג געוואָרן. לעווינגערס בליק איז געוואָרן פאַר־טראַכטער, טיפער אין זיך. פטאַשיצקי האָט נאָך גערעדט וועגן די צוויי נייע טאָקער־מאַשינען, וואָס דאַרפן דעם חודש צוגעגרייט ווערן צום פאַרשנעלערטן סיסטעם. אָבער די לופט איז נאָך אַלץ געווען אַ געדיכטע, אַ געשפּאַנטע. אַלע האָבן געקענט לעווינגערס עקשנותדיקע דעצידירט־קייט און מורא געהאַט פאַר די פאָלגן.

ערשט, ווען לעווינגער האָט גענומען אַ וואָרט צו אַ קורצער דער־קלערונג און דער דינער שמייכל אויף זיין פּנים איז געווען שטיל און

וואָרעם, האָבן אַלע לייכטער אָפּגעאָטעמט. עס איז געגאַנגען פון אים, פון זיינע רייד, נאָכגיביקייט און דעצידירטקייט אינאיינעם. אַ מאָ-לער, אַ סקולפּטאָר, וואָס וויל שאַפן דאָס בילד פון אַ שלאָגלער, וואָלט אין איצטיקן מאָמענט אין לעווינגערן געפינען דעם בעסטן מאָדעל. דער בלויער קאָמבינעזאָן, פאַרקנעפּלט ביז צום האַלדז, האָט נאָך טונקעלער געמאַכט די ברוינקייט פון זיין געשניצטן ‧פּנים מיטן עטוואָס בלאַסן בולטן שטערן און פאַרפּרעסטע ליפּן. אין זיין נאָכגעבן איז געווען נישט ווייניקער עקשנות ווי אינעם פריערדיקן אַנטקעגנשטעלן זיך — ער וועט איבערנעמען די דריטע אָפּטיילונג! קיריליוק מוז אים אָבער צוזאָגן צו-העלפן אין אַלעם. קודם-כל אויפהייבן די קוואַליפיקאַציעס פון די ערשט-אויסגעלערנטע. דאַן, איבערשטעלן אַ צוויי טאָקאַרקעס אויפן שנעלן שנייד-סיסטעם, און...

— מיר וועלן יאַקאָש דורכקומען — האָט קיריליוק נישט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך די פרייד, וואָס מען לאָזט אים צוריק צו זיינע מאַשינען.

אַהיימקומענדיק אין אָוונט האָב איך אָנגעשריבן און אַוועקגעשיקט אין צייטונג אַ נאָטיץ וועגן דעם אַוואַנס פון לעווינגערן און וועגן דער צופרידנקייט, מיט וועלכער די אַרבעטער האָבן עס אויפגענומען.

עס זיינען ווידער אַוועק עטלעכע טעג. די דערציילונג האָב איך אַוועקגעגעבן דעם זשורנאַליסט. ער האָט צוגעזאָגט צו קומען אין פאַ-בריק מיר געבן ענטפער. ביי יעדן באַזוך פון אַ פרעמדן אין אונדזער האַלע האָט מיר געגעבן אַ טיאַכקע אין האַרצן, אָבער דעם זשורנאַליסט האָט מען נאָך אַלץ נישט געזען.

איך בין מיט יעדן טאָג אַלץ מער אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט פון פאַבריק-ראַט. מיט לעווינגערן האָב איך זיך איצט ווייניקער געטראָפן ווי פריער. ער האָט זיך פאַרמאַכט ביי זיך אין קאַבינעט און אויפגענומען נאָר די, וואָס האָבן באַאַרבעט דאָס מאַטעריאַל פאַר איבער-שטעלן די מאַשינען אויפן פאַרשנעלערטן שנייד-סיסטעם. מיט יעדן אַנדערן ענין האָט ער געשיקט צו קיריליוקן.

אַרויסגייענדיק אַמאָל צוזאַמען מיט אירקען פון אַ זיצונג, האָט זי אָנגעשטעלט אויף מיר אירע פאַרשנדיקע אויגן.

— איר האָט אָנגעשריבן אַ דערציילונג וועגן אונדזער פאַבריק?

איך בין געוואָרן צערודערט און געפרעגט פון וואַנען זי ווייסט. איך האָב איר נישט געקוקט אין פּנים אַריין, נאָר געפילט, אַז זי שמייכלט שעלמיש. זי האָט דערציילט, אַז ביי וויעליכאָוויטשן אין קאַבינעט האָט זי היינט געטראָפן אַ זשורנאַליסט מיט אַ פאָטאָגראַפישן אַפּאַראַט. זיי האָבן גערעדט וועגן מיין דערציילונג, אַז כ'בין געווען מיט איר אין דער רעדאַקציע.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז אירקע פאַרשוויגט בכיוון דאָס נישט וועלן אָפּדרוקן מיין דערציילונג. זי האָט מיך געפרעגט צי איך האָב אַ קאָפּיע. זי וואָלט גערן דורכגעלייענט און דיסקוטירט מיט מיר.

כ'האָב זיך אַ מינוט געוואַקלט.

— איר זייט דאָרט איינע פון די הויפּט-העלדינס...

זי האָט זיך צעלאַכט.

— איך? וואָס איז וועגן מיר פאַראַן צו שרייבן?

כ'האָב זיך פאַרטראַכט, ווי אַזוי דאָס אויפצוקלערן איר, און שנעל איינגעזען, אַז כ'בין בשום-אופן נישט בכוח דאָס צו טאָן. גוט, וואָס פון צווייטן הויף איז אָנגעקומען ברענער, אַ פּאַרסאַפּעטער, אַ פאַרשמאַכטער. די הענט זיינען אים שווער אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט זיך באַמיט צו שמייכלען, נאָר דער שמייכל איז געווען אַזאַ דינער, אַזאַ בלאַסער. אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געגרייט אויסצושטרעקן צו אונדז די האַנט אין געבעט...

— געדצוּלין איז היינט נישט געקומען צו דער אַרבעט. אין צווייטן איז אוממעגלעך עפּעס אויפצוטאָן ביי דער ווינדע.

כ'האָב געפילט אויף זיך אירקעס בליק פול מיט ווייכער מאָנונג. ווען כ'האָב זיך אָנגערופן, אַז כ'בין פריי און וואָלט זיי געקאָנט צוהעלפן, האָט זי וואַרעם אויפגעלויכטן:

— כ'האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז איר וועט אַזוי טאָן... פּטאַשיצקי וועט זיין צופרידן.

פּטאַשיצקי איז ווירקלעך געווען צופרידן. כ'האָב אים געטראָפן אין וואַרשטאַט מיט אַן אויסגעצויגן און גרוי פּנים. זיינע אויגן האָבן אויף

מיר געקוקט קיילעכדיקע, נאַכטיקע. ערשט ווען ברענער האָט הויך געזאָגט, אַז כ׳בין געקומען פאַרטרעטן געדרצוזלינען, האָט ער, אויפשפרינגענדיק, אויסגערופן:

— בעסער דאַרף מען נישט...

און די פרייד, וואָס האָט זיך צעזינגען אין אים, האָט אַזוי אָנגעהאַלטן ביז שפּעט אין אָוונט. ווען מיר האָבן פאַרענדיקט די אַרבעט.

י

די אויטאָס, אין וועלכע מיר זיינען געפאָרן אויף דעם זונטיק־אויספלוג איבער דער שיינער נידערשלעזישער לאַנדשאַפט, זיינען געפלויגן איבערן אַספאַלטירטן שאָסיי צווישן ברייטע פעלדער און באַוואַלדערטע בערגלעך. אויפן בלויען הימל האָבן זיך געיאָגט נאָך אונדז לייכטע זילבערנע וואָלקנדלעך. אַרום האָבן געבליט פרוכטן־ביימער. די מאַשינען, פול־געפאַקטע מיט צעזינגענע מענטשן, האָבן זיך געריסן אַנטקעגן דער זון און אַלע ווײַלע פאַרלאָפן איינער דעם אַנדערן דעם וועג פאָרויס.

היינט איז זונטיק. רו, יום־טוב. דער יום־טוב איז נאָך גרעסער צוליב דער שיינענדיקער זון און די צוויי גרויסע קאַסטנס ביכער, וואָס מיר פירן פאַר די פויערים אין דעם דאָרף, מיט וועלכן מיר זיינען בסדר אין פאַרבינדונג. די ליכטיקייט איז אַזאַ העלע און בלענדנדיקע, ווי דאָס גליק אויף די פנימער פון לעווינגערן מיט אירקען, וועלכע האַלטן זיך פעסט ביי די הענט.

מאַניע, מיט איר בלויען קאָסטיום און ויידענע זאָקן, האָט אַנטקעגן אונדז, אין די בלויזע צעשפּילעטע העמדער, אויסגעזען אַביסל צו עלעגאַנט. זי האָט עס געפילט.

— כ׳האָב זיך היינט צופיל אויסגעפוצט,

אין אָנהייב איז זי געווען אויף מיר אַ ביסל אָנגעצויגן, פאַרוואָס איך האָב איר געהייסן אָנטאָן דעם קאָסטיום. אירקע האָט עס אַוודאי באַמערקט. זי האָט געטאָן אַלץ, כדי זי צו צעשטרייען.

ווי נאָר עמעץ האָט אַ ברום געטאָן אַ מעלאָדיע, אַפילו אַ טאָן פון אַ מעלאָדיע, האָט אים אירקע אונטערגעכאַפּט און אָנגעשטעלט איר

בליק אויף מאַניען, וועלכע האָט זיך גלייך געלאָזט אַריינציען, פונקט ווי אַנדערע. יעדע פּאָר מינוט האָט זיך אַ ניי ליד צעטראָגן פון די פאָרנדיקע אויטאָס ווייט, ווייט אַרום.

אין אויטאָ ביי אונדז איז געווען ענג. נישט פּאָר אַלע האָט גע־סטאַיעט אָרט צו זיצן. די יינגערע זיינען געשטאַנען, זיך געהאַלטן איינער אָן דעם אַנדערן מיט די הענט אויף די אַקסל. אין אַ ווינקל איז געזעסן פּאַטשאָרעק. ער איז געווען אַליין, געהאַלטן אין האַנט אַ צייטונג. ער האָט געפּרווט מיטזינגען. אָבער די אָנגעכמורעטקייט האָט אים אַרויסגעקוקט פון די אויגן. וויסאָקי האָט אים געפּרווט אויפצוהייטערן:

— אַז ביסט אַזאַ גוטער שלאָסער, טאָ זאָג־זשע, ווי אַזוי מאַכט מען אַ רערל?

פּאַטשאָרעק האָט געשוויגן און מיט פאַרטונקלטע אויגן געזוכט אויף וויסאָקיס פּנים דעם זין פון דער פראַגע. וויסאָקי האָט איצט געלאַכט:

— אויך מיר אַ שלאָסער... ווייסט נישט, מ'נעמט אַ לאַנג און שמאָל לעכל, מ'באַקלעפּט עס מיט אייזן און שוין — אַ פאַרטיק רערל...

פּאַטשאָרעק האָט אַ קורצן לאַך געטאָן און ווידער אַנטשוויגן גע־וואָרן, ווי ער וואָלט פאַרדייעט עפּעס אַ טונקעלן געדאַנק. צו לעווינ־גערן האָט ער יאָ געפּרווט עטלעכע מאָל זיך אָנרופן, נאָר לעווינגער האָט אים ווי נישט באַמערקט. אפשר איז ער געווען אַזוי פאַרנומען מיט אירקען, און אפשר האָט ער געדענקט, אַז פּאַטשאָרעק איז געווען כמיע־לאָווסקיס אָנהענגער.

דער אויטאָ איז איצט געפאָרן אויף אַ שמאָלן, געדרייטן באַרג־וועג. די שאָפערן האָבן זיך אויך דאָ געפּרווט איבעריאָגן. עמעצנס אַ האַנט, מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס איז פּאַטשאָרעקס, האָט זיך שרעקעוודיק אָנגעהאַלטן אין מיר.

עס האָט זיך געהערט אַ ווייבערישער געשריי. די מאַשין האָט זיך אַ ריס געטאָן באַרג־אַרויף און אונדז שיעור נישט אַרויסגעשאָקלט. בלויז אירקע האָט נישט געשריגן. ביי יעדער געפערלעכער קונץ, וואָס דער שאָפער האָט דורכגעפירט, האָט זי אויפגעשטראַלט. מאַניע איז געוואָרן אָנגעשטעקט פון איר. זיי זיינען גלייך געוואָרן דער צענטער פון גאַנצן שפּרודלדיקן עולם אין אויטאָ.

מיר זיינען אַראָפּ פונעם באַרג און געפאָרן איבערן הויפּט־שאָסיי, ווו די לאַנדשאַפט האָט זיך צעוויקלט ווי אַ פעכער. באַלד זיינען מיר אַריין

אין אַ זייטיקן וועג, אַן ערגערן, אַ שאַרף-שטיינערדיקן. דער אויטאָ האָט זיך געטרייסלט אָן אויפהער. אינעם געפּלעכט פון גאָלד, בלוי און גרינס האָט זיך מיטאַמאָל באַוויזן אַ פּאַלאַץ. ער איז געווען אַרומגעצוימט מיט רויטלעכע דינינקע מויערן. פון אינעווייניק האָבן זיך געזען קליינע ווי-לי״ע-אַרטיקע בנינים. די דעכער פון רויטע ציגלנע טאָוולען האָבן אויס-געזען ווי קאָלירטע פיש-שיפּן. הויכע טאָפּאָלן מיט צוזאַמענגענומענע צווייגן, ווי בוקעטן בלומען, האָבן זיך אַרויסגערוקט אין דער ערשטער ריי. אין אַלע פענצטער זיינען געווען קאָליריקע בלומען.

— ווי שיין דאָ איז! — האָט אירקע אויסגערופן.

— דאָ איז אַמאָל געווען דער פּאַלאַץ פונעם באַראָן, צו וועלכן עס האָט געהערט די גאַנצע געגנט. היינט איז דאָ א שול פאַר קינדער.

דאָס האָט געזאָגט דער מאָנטער גאַלינסקי. ער געהערט צו דער פאַרבינדונג-עקיפּע מיטן דאָרף. ער קען דאָס דאָרף נישט ווייניקער ווי די פאַבריק. אַלע פויערים געהערן דאָ צום קאָאָפּעראַטיוו.

די אויטאָס האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין סאַמע מיטן דאָרף, נעבן אַ געמויערט שטאָקיק הויז. איבער דער גאַנצער ברייט פונעם טויער איז געווען אָן אויפשריפט: קולטור-הויז.

עס איז געווען פאַרזאַמלט כמעט דאָס גאַנצע דאָרף, אַלע זיינען געווען אָנגעטאָן יום-טובדיק. פאַר די אויגן האָבן געבלענדט קאָלירטע פאַטשיילעס, רויטע שלייפלעך, ברוינע פריילעכע פנימער. אין דער בלענדנדיקער לופט איז געשטאַנען אַ טומל, אַ מענטשלעך געזשומעריי.

אונדזער עולם האָט זיך געטאָן אַ שאָט אַרויס פון די אויטאָס און גלייך זיך אויסגעמישט מיט די דאָרפס-מענטשן.

אירקע מיט לעווינגערן זיינען ערגעץ פאַרשוווּנדן. צו מיר מיט מאַניען איז צוגעקומען אַ שוואַרצבּרעמעדיקער פויער מיט יונגע פאַר-רויטלטע באַקן און אונדז פאַרבעטן אָנצוקוקן די שטאַל. „איר וועט זען — האָט ער, אַ צעשמייכלטער, געזאָגט — וואָס פאַר אַ קי מיר האָבן. דערנאָך וועט איר זען די מאַשינען.״ מאַניע האָט אויפגעשטראַלט און זיך געריסן צו גיין אין דער ריכטונג, וווּ דער פויער האָט געוויזן מיט דער האַנט. אַ שטיק געטומל האָט זיך טאַקע ווי אָפּגעריסן פון דעם געזשומעריי און זיך גענומען דערווייטערן אין יענער ריכטונג. איך האָב געזוכט מיט די אויגן אירקען. זי האָט געדאַרפט אָנפירן מיט דער היינ-טיקער שמחה. די קאַסטנס מיט די ביכער זיינען נאָך אַלץ געשטאַנען אויף דער מאַשין.

אינגיכן איז אָנגעקומען אירקע. זי איז געגאַנגען אין באַגלייטונג פון אַ מיטלוווקסיקן מענטש, מיט אַ געקרייזלטער שוואַרצער טשופּרינע. זיינע אויגן האָבן געקוקט אויף אונדז מיט אַ גליקלעך פייערל. אירקע האָט אים פאָרגעשטעלט פאַר אונדז, זאָגנדיק, אַז ער איז דער פּאָרזיצער פון היגן קאָאָפּעראַטיוו. הויך, אַז אַלע אַרומיקע זאָלן הערן, האָט זי אויסגערופן:

— חברים, אין אַ שעה אַרום פאַרזאַמלען מיר זיך אַלע אין קולטור-הויז.

אינעווייניק, אינעם קולטור-הויז, איז נאָך אַלץ אָנגעגאַנגען אַ טומל-דיקע אַרבעט. יונגוואַרג האָט דעקאָרירט, געמאַכט די לעצטע צוגרייטונ-גען. דער מיט די געקרייזלטע האָר האָט צוגערופן אַ יונגן בחור, מיט אַ רויטן קראַוואַט. ער האָט אים עפּעס געזאָגט וועגן די קאַסטנס בי-כער. באַלד זיינען עטלעכע יונגען, אַ מאַן זיבן, אַכט, געווען אויף די אויטאָס און מיט פריילעכע געשרייען גענומען אַראָפּדערלאַנגען די קאַסטנס. עמעץ האָט אָפּגערוקט אַ לויז-געוואָרן ברעט, אַרויסגענומען אַ ביכל און גענומען בלעטערן. עטלעכע קעפּ האָבן זיך מיטאַמאָל אויס-געשטרעקט צו אים. איינער מיט אַ מאַנגאָליש פּנים האָט זיך אָנגערופן:

— „די יונגע גוואַרדיע“, אָהאָ, פאַראַן אַזאַ פילם אויך... פאַדייעוו, אַ סאָוויעטישער שרייבער.

ווען דער פּאָרזיצער האָט זיך אומגעקערט, האָבן שוין עטלעכע ביכער געוואַנדערט פון האַנט צו האַנט. דער פּאָרזיצער האָט זיך צעשריגן:

— ווער האָט אייך געגעבן רעכט אויפצורייסן דעם קאַסטן? זעט-עמפּאָוצעס זייט איר? לאָבוזעס זייט איר... וולאַדעק, דו וועסט ביי מיר זיין פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די ביכער.

— קיינער האָט נישט אויפגעריסן — האָט דער זעלבער וולאַדעק נערוועז געענטפערט — עס איז אַליין אַרויסגעפאַלן. האָט נישט קיין מורא. קיין איין בוך וועט נישט פעלן.

איבערן גאַנצן וועג איז דער פּאָרזיצער געווען באַרעדעוודיק. זעכצן קי האָבן זיך היי-יאָר געקעלבט. ביי אַ צוועלף משפחות פון נאָענטן דאָרף האָבן זיך איבערגעצויגן אַהער. מ'האָט געמוזט רעמאָנטירן עטלעכע הייזער. דער שפּייכלער איז צו קליין פאַר אַלע פּראָדוקטן. דאָס קאָרן-

פעלד האָט זיך אַ הויב־געטאָן צו אַ היפּשער הויך, אַ מענטש וועט זיך שוין באַלד נישט אַרויסזען. ער פלאַנירט [איצט אויסצובּרייטערן און פאַרגרעסערן די עופות־אָפּטיילונג. כאָטש ביז טויזנט אַזעלכע געקליבענע גוטע „לייגערקעס".

און די זון שטייט אין מיטן הימל אַ ריזן־גרויסע. אינערגעץ — טראַכט איך — איז נישטאָ אַזויפיל זון ווי דאָ.

מאַניע האָט ערגעץ אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די בלויע מאַרינאַרקע. אין דער בלויזער ווייסער בלוזקע גייט זי איצט געאָרעמט צווישן צוויי דאָרפישע מיידלעך, ווי איינע פון זיי, אויסגעפּוצטע, פרישע, ווי יונגע ביימלעך נאָך אַ באַטאָגיק רעגנדל.

— איר לעבט זיך דאָ גוט — זאָגט עמעץ צו די לאַכנדיקע מיידלעך.

— נישקשה. ס'איז פריילעך. אַן אייגענער כאָר. אַן אָרקעסטער וועט אויך זיין.

פּלוצים גיט איינע פון די מיידלעך אַ רוף אויס:

— און אונדזערע קינדערס טייך האָט איר נישט געזען?

— די קינדערס טייך?

— יאָ, די קינדערס. קומט אַ קוק טאָן.

דאָס בלאָנדע מיידל, וואָס האָט דאָס געזאָגט, האָט אויסגעזען מיט אירע צעלאָזטע צעפּ און אַרויפגעשאַרטע הענט, ווי זי וואָלט ערשט געקומען פון פעלד, ווו זי האָט געבונדן היי, און אָט וועט זי באַלד גיין מעלקן די קי. אינדערזאמתן איז זי די לערערין פון צווייטן קלאַס. ווען זי איז מיט צוויי יאָר צוריק אָנגעקומען אין שול אַריין אַלס לערערין, איז דער באַסיין אויפן הויף געווען אינגאַנצן אויסגעטרוקנט. עס האָבן זיך געוואַלגערט אין אים אַלטע שטיקער פאַרפוילטע מעבל, אייזנוואַרג. ערשט זי האָט מיט דער הילף פון אירע שילער אים געבּראַכט אין אָרדענונג, אַריינגעלאָזט פישעלעך. דאָס וואַסער איז דאָ שטענדיק פריש.

אַ לעבעדיק מיידל, די לערערין. זי האָט אַ שיינע בויגיקע פיגור און קאָן נישט איינשטיין אויף קיין אָרט. עס איז געווען, ס'זאָל ווער אַ ברום טאָן עפּעס אַ מעלאָדיע, און זי, אָט אַזוי אינמיטן גאַנג, טאַנצט שוין. עס זעט אויס, ווי די פרייד, וואָס זי קאָן נישט דערעדן, דער־טאַנצט זי. און פרייען פרייט זי זיך מיט אַלעם. מיט אונדזער קומען, מיט דער זון, מיט די נייע ביכער, מיט אונדזער באַוווּנדערן דעם באַ־

סיין מיט די קאַליריקע פישעלעך. זי האָט פון ערגעץ געברענגט פולע טאַרבעלעך מיט קרישקעלעך צו וואַרפן אין באַסיין. די פישעלעך יאָגן זיך נאָך זיי. עמעץ האָט אַנגעבונדן אַ שטיקל פלייש אויף אַ שטריקל און אַראָפּגעלאָזט עס אין באַסיין. איינס נאָכן [אַנדערן קומען אַרויף די פישעלעך, גיבן אַ צי פון דעם שטיקל פלייש, אַ כאַפּ אַ קרישקעלע און פאַרשווינדן אין דער טיף.

די שעה איז שנעל אַוועק.

צוריק זיינען מיר געגאַנגען דורך פעלדער . אַרום זיינען געוואַקסן פעלד-בלומען. ביי דער זייט פון וועג — קאַרשן-ביימער. מיר האָבן געריסן פאַר די מיידלעך קאַרשן, גרויסע, געלע, זיסע ווי צוקער.

— אָט דאָס איז אונדזער ווייץ — האָט אַ בלוי-אויגיקער פויער גע-וויזן אויף די ברייטע זאַנגיקע פעלדער, וואָס האָבן דערמאָנט אין אַ ים.

פאָרנט פון אונדז האָט מען געזונגען אַ יוגנט-ליד, לעבעדיק, מיט-רייסנדיק. לעווינגער האָט זיך אָנגערופן:

— א ו נ ד ז ע ר ע פ ע ל ד ע ר... קלינגט עס נישט שענער ווי מ ײ ן פ ע ל ד?

אויף דער שוועל פון אַ שמאָל-שטאָקיק הייזל איז געזעסן אַן עלטערער פויער, מיט אַראָפּהענגענדיקע גרויע וואָנסעס. ער האָט גע-רויכערט אַ ציגיינערישע לולקע, די גרויס פון אַ פויסט, און אַרויסגע-לאָזט קנוילן רויך אין דער זוניקער לופט. ער איז צוגעגאַנגען צו אונדז און געפרעגט, ווי עס געפעלט אונדז דאָס דאָרף, ס'הייסט דער קאָאָפּע-ראַטיוו, די צוויי נייע שפּייז-געוועלבער, די אַפּטייק, מיט די בלויע שילדן. פון אונדזער באַוווּנדערן האָבן די קנייטשן אויף זיין בראָנזן פּנים אויפגעלויכטן מיט אַ שמייכל:

— אייערע יינגלעך האָבן אונדז אַ סך צוגעהאָלפן.

עס איז אַרויסגעקומען אַ בלוי-אויגיקער יונג מיט עטלעכע אַלטע צייטונגען אין האַנט. זיינע ווערטער זיינען געווען געוואָנדן צו לעווינגערן:

— זעט, ווי מען שרייבט וועגן אונדזער קאָאָפּעראַטיוו.

דער אַלטער, מסתמא דער פאָטער זיינער, האָט אויפן קנעכל פון זיין רייך אָפּגעפּוצטן האַרטן שטיוול אויסגעטרייסלט דאָס אַש פון דער לולקע און געזאָגט:

— זאָלן זיי לייענען. יאָ, יאָ. אָבער פאַרוואָס בעטסטו נישט אַריין אין שטוב?

עס איז שוין געווען שפּעט. אויף לעווינגערס פּנים האָט זיך געמאָלן פאַרלעגנהייט. ער האָט אָבער, ווייזט אויס, נישט געהאַט קיין האַרץ אָפּצוזאָגן. „נאָר אויף עטלעכע מינוט", האָט ער געזאָגט. מאַניע, אירקע און די לערערין, זיינען אַוועק צום קולטור-הויז. מיט אונדז איז געבליבן בלויז פּטאַשיצקי און גאַלינסקי, וועלכער האָט זיך דאָ געפילט היימיש און איז מיט אַלע געווען אויף „דו".

אין שטוב איז געווען שטיל און ריין צוגערוימט. דורך די אָפענע פענצטער האָט זיך געפילט דער אַראָמאַט פון צייטיקע עפּל, אויסגעמישט מיטן ריח פון בלעטער און בלומען. דער יונג האָט צעשפּרייט איבערן טיש די צייטונגען, ווי טישטעכער, און אויסגלייכנדיק מיט דער דלאָניע די ערטער, וווּ עס זיינען געווען געדרוקט די אַרטיקלען וועגן קאָאָפּעראַטיוו, האָט ער געזאָגט:

— ביטע זייער, לייענט!

עס זיינען דאָרט געווען פאָטאָגראַפיעס פון פויערים-שלאָגלער. דער יונגער איז אויך דאָרט געווען. עס האָט זיך דאָרט גערעדט וועגן דער ליבשאַפט פון די פויערים צו זייער קאָאָפּעראַטיוו, וועגן די שוועריקייטן, וואָס זיי האָבן געדאַרפט אין אָנהייב באַזיגן, און וועגן די אויפטוען, די נייע קאָלעקטיווע איינריכטונגען. עס האָט זיך געפילט, אַז דער, וואָס האָט די אַרטיקלען געשריבן, האָט לאַנג פאַרברענגט אינעם דאָרף און איז גוט באַקאַנט מיט די באַדינגונגען, אין וועלכע דער קאָאָפּעראַטיוו איז זיך צעוואַקסן.

לעווינגער האָט געזאָגט:

— אינטערעסאַנט. און ביי אונדז האָט מען די אַרטיקלען פאַרזען. מען דאַרף עס לייענען קאָלעקטיוו.

גייענדיק צום קולטור-הויז. האָט פּטאַשיצקי געהאַט פאַרחלומטע אויגן. בייסנדיק אַ נאָגל האָט ער ווי צו זיך אַליין גערעדט:

— זע נאָר, וויפל אַרבעט מען דאַרף נאָך דאָ אַוועקלייגן. ביי אונדז מיינט מען, שיקסט אַרויס עטלעכע מעכאַניקער, שלאָסער, און גענוג. דאָ קומען דאָך פאַר גרויסע זאַכן און מיר האָבן אפילו אויף קיין פּופּציק פּראָצענט נישט געהאַט קיין אַנונג. מ'רעדט דאָך כמעט נישט דערפון.

— און די היגע פויערים, — האָט זיך גאַלינסקי אָנגערופן — מיינסטו, אַז זיי ווייסן, וואָס ס'טוט זיך ביי אונדז? פונוואַנען? פון דעם, וואָס מיר

דערציילן זיי אמאָל? ס'איז נישט דאָס, וואָס די אויגן זעען. מ'דאַרף זיי איינלאַדן צו אונדז.

פטאַשיצקי האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער אין דער מינוט איז אויפן וועג מיט גרויס גערודער אָנגעלאָפן אַ מאָטאָציקל. גלייך האָט זיך געהערט אַן אויסגעשריי הינטער אונדזערע פּלייצעס:

— העי, לעווינגער! כ'זוך דאָך אייך אַרום שוין אַ האַלבע שעה.

— אַדאַמאָוויטש! — האָבן לעווינגער און פטאַשיצקי אויסגעשריגן, צולויפנדיק צו דעם פאַרשטויבטן יונגנמאַן מיטן פאָטאָגראַפיר-אַפּאַראַט, פאַרוואָרפן איבערן אַקסל. בלויז איך בין געבליבן שטיין מיט בליי אין די פיס. כ'האָב גלייך דערקענט דעם זשורנאַליסט, וואָס האָט פון מיר גענומען מיין דערציילונג. אין דעם פריילעכן טומל, וואָס האָט זיך אַרום אים געשאַפן, האָט געדויערט עטלעכע מינוט ביז ער האָט מיך באַמערקט. ביים באַגריסן זיך, האָט ער אַ לענגערע ווײַלע געהאַלטן מיין האַנט אין זיינער, דורכגענומען מיך מיט זיינע קלוג-שמייכלענדיקע אויגן און געזאָגט:

— אייער דערציילונג האָב איך געלייענט, חבר. מ'וועט נאָך אַ שמועס טאָן וועגן איר.

כ'בין געשטאַנען אָן לשון. אפשר איז מיר נאָך קיינמאָל אַזוי גוט נישט געווען. כ'האָב געהערט ווי מיין האַרץ זינגט, און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט זיך.

אינעם גרויסן זאַל פון קולטור-הויז איז דער טומל געשטאַנען איבער אַלעמענס קעפּ, ווי אַ פאַרע. כ'האָב געוואָלט וואָס שנעלער געפינען מאַניען און איר דערציילן וועגן מיין גליק. מאַניע איז צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע מיידלעך פון אונדזער פאַבריק, פון דאָרף, געזעסן אין די מיטל-סטע רייען. די בענקלעך זיינען געווען צערוקט, און די מענער האָבן זיך געדרייט אַרום די צעשטראַלטע מיידלעך, ווי פליגעלעך אַרום אַ פלאַם. דערזעענדיק מיך, האָט מאַניע צו מיר געווונקען, אַז זי האָט פאַר מיר אַן אָרט.

לעווינגער מיט דעם זשורנאַליסט זיינען אַוועק הינטער די קוליסן, ווו אירקע האָט אַוודאי געפירט דאָס רעדל. פטאַשיצקי האָט געזאָגט, אַז מ'דאַרף זיך אָפּזוכן אַ באַקוועם אָרט אין די ערשטע רייען. דאָך איז ער אויסגעקומען נעבן מיר. די מיידלעך האָבן פאַר אים געמאַכט אַן אָרט.

— ווי כ'זע זענט איר דאָ דאָס ערשטע מאָל — האָט די לערערין אויסגעזוכט צו זיין צופרידן פון דעם, וואָס פטאַשיצקי האָט זיך נעבן איר אַוועקגעזעצט.

— פאַרוואָס זענט איר אַזוי זיכער? — האָט פטאַשיצקי זי אָנגעקוקט אַ פאַרוויטלטער.

— פשוט דערפאַר ווייל כ'זע אייך דאָס ערשטע מאָל — האָט זי זיך צעלאַכט. פון אירע ווייסע ציין האָט געשלאָגן אַ וואַרעמקייט — כ'קען כמעט אַלע, וואָס קומען דאָ אַהער. אָט דער גאַלינסקי איז אַ ווונ-לער יונג. ער האָט אונדז נאָך פאַראַיאָרן געהאָלפן איינאָרדענען די קוזשניע, כ'זאָג אייך, אַ פאַבריק, אַן אייגענע שווייס-מאַשין, אַ שלייף-מאַשין. איר זייט אויך אַ מאָנטער?

פטאַשיצקי האָט זיך אין דער מינוט ווי געפילט שולדיק, וואָס ער איז נישט קיין מאָנטער און איז דאָ אין דעם דאָרף צום ערשטן מאָל. אויף זיין פנים איז געווען אַ פאַרלעגענער שמייכל. די לערערין האָט מיט דרך-ארץ זיך צוגעהערט צו זיינע רייד וועגן זיין פלאַן נאָך מער צוהעלפן דעם קאָאָפּעראַטיוו, אים פולשטענדיק מעכאַניזירן, אויסשולן ביי זיי אייגענע מעכאַניקער. אין אים איז געווען עפּעס שטרענגס און אמת-דיקס. דאָך זיינען זיינע ווערטער, ווי דער גאַנצער רעש אין זאַל, צו מיר דערגאַנגען ווי געזאַנג.

דער פאָרהאַנג אויף דער בינע האָט זיך געעפנט. פאַרן רעדנער-פולט, באַצויגן מיטן רויטן געוואַנט, איז געשטאַנען דער פאָרזיצער, אין זאַל איז געוואָרן גאָר שטיל. דעם פאָרזיצערס קול, וואָס איז אין אָנהייב געווען הייזעריקלעך, האָט זיך אַלץ מער צעוואַרעמט, אָפּגעקלונגען מיט ליידנשאַפט, יוגנטלעך.

אירקעס בלאָנדע זיידענע האָר האָבן זיך אומרויק געכוואַליעט. כאָטש אין זאַל איז די לופט געשטאַנען, אַ הייסע, אָן באַוועגונג. נאָר אפשר איז דאָס געווען דער הייסער אָטעם פון באַגייסטערטן עולם, וואָס האָט זיי געמאַכט אַזוי פלאַטערן.

זי האָט גערעדט וועגן דעם כוח פון קאָלעקטיווער אַרבעט, וועגן דער סאָציאַליסטישער אידעע, וואָס פאַרברידערט און פאַראייניקט מענטשן פון שטאָט און דאָרף. זי האָט דערציילט וועגן סוכאַרסקיס ראַציאָנאַלי-זאַציע, וועגן די נייע נאָרמעס און וועגן פאַרשנעלערונג-סיסטעם ביים שניידן מעטאַל. אירע פשוטע רייד זיינען פאַר אַלעמען געווען פאַר-שטענדלעך. אַלע האָבן געשפּאַנטע אויסגעהערט.

אַ בחור מיט אַ ווייס העמד און רויטן קראַוואַט האָט געמאָלדן דעם אָנהייב פון אַרטיסטישן טייל.

צוערשט איז אַרויסגעטרעטן דער כאָר פונעם קאָאָפּעראַטיוו. דער־נאָך האָבן אונדזערע פון פאַבריק געזונגען סאָלאָ. לעווינגער האָט רעציטירט אַ ליד. עס האָט פאַרכאַפּט די שטורמישע אינטאָנאַציע פון זיין שטים. דער פלאַם, וואָס האָט פאַרנומען זיין גאַנץ פּנים, האָט ווי אָנגעצונדן און געלויכטן אין אַלעמענס אויגן.

נאָך לעווינגערס ענדיקן איז אַ מינוט געווען ליידיק אויף דער בינע. דער זעלבער בחור מיטן ווייסן העמד און רויטן קראַוואַט איז אַרויסגעקומען און צוגערוקט דעם רעדנער-פּולט נענטער צום ראַנד. „אַ רעדע” איז דורכגעלאָפן אַ געמורמל, אין וועלכן עס איז געווען לייכטע אַנטוישונג. באַלד איז דורך אַ שעפּטש:

— אַדאַמאָוויטש!

— דאָס איז ער! — האָב איך שטיל געזאָגט צו מאַניען — דער זשור־נאַליסט. ער איז געגאַנגען אַ גלייכער, מיט דעם בלאָנדן קאָפּ ווייך־צעשויבערטע האָר. אַ פּאַסמע, אַ קאַפּריזנע, האָט זיך אים געוויקלט איבערן שטערן. זיין מאַט-אָליוו פּנים האָט געשמייכלט צום אויפגעלעבטן זאַל. ער האָט זיך אָפּגעשטעלט ביים געלענדער און מיט אַ קול, וואָס איז געוווינט צו רעדן הויך, געזאָגט:

— כ׳וועל אייך, חברים, לייענען אַ פראַגמענט פון אַ דערציילונג, געשריבן דורכן יונגן טאָקער זיגמונט דאַווידאָוויטש פונעם לעבן אין דער פאַבריק.

עס איז געווען ווי עפּעס שטאַרק בלענדנדיקס וואָלט פּלוצים אַ בליץ געטאָן אין זאַל. דאָך בין איך געבליבן זיצן מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן נישט געקוקט נישט אויף אַדאַמאָוויטשן, נישט אויף קיינעם פון זאַל, נאָר געבליבן הענגען אויף דער דעקאָרירטער בינע און גאָר־נישט געזען. אינעווייניק אין מיר איז אַלץ געוואָרן שטייף, אָנגעצויגן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ביי דער מינדעסטער באַוועגונג קאָן מיט מיר געשען עפּעס זייער קאָמישס.

אין זאַל איז געווען אויסערגעוויינלעך שטיל. אַלע האָבן זיך איינ־געהערט אין דעם, וואָס אַדאַמאָוויטש האָט געלייענט. ביסלעכווייז האָט אין מיר עפּעס אָנגעהויבן ווייכער ווערן, דער זאַל איז געווען פול מיט מיינע ווערטער און מיט די לעבעדיקע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך מיר

אַזוי איינגעבאַקן אין האַרצן. כ'האָב זיך מיט אַלע נערוון געגומען איינ־הערן אין דעם געלייענטן.

ווייזט אויס, אַז די מענטשן פון דער פאַבריק האָבן דערקענט אין יעדן העלד וועגן וועמען עס רעדט זיך, כאָטש עס זיינען געווען געענדערט די נעמען. אַלע ווײַלע איז אַ דינער שעפּטש פון אַן אויטענטישן נאָמען געבליבן הענגען אין דער לופט. לעווינגער איז אַרויסגעקומען פון הינ־טער די קוליסן און געבליבן שטיין ביי דער וואַנט, עטלעכע טריט פון דער בינע, און נישט אַראָפּגעלאָזט דעם בליק פון אַדאַמאָוויטשן. ער האָט קוים באַמערקבאַר געמרוזשעט מיט די אויגן.

דורך די אָפענע פענצטער, אַן שטאָרן, האָבן זיך געגאָסן שטראָ־מען זון. אומעטום און אויף אַלעמענס פּנימער איז געווען זון. כ'בין גע־ווען ווי שיכור און דורשטיק געטרונקען די העלע ליכטיקייט אויף די פּנימער.

וואָס פאַר אַ כוח האָט עס מיך געצוווּנגען אויסצודרייען דאָס פּנים אויף לינקס, ווו עס איז געזעסן פּאַטשאַרעק? אויפן שטערן איז אים אויסגעוואַקסן אַ בלוי אָדערל. ער איז געווען בלאַס, געהאַט גרויסע פאַרוווּנדערטע אויגן און אינגאַנצן האָט ער אויסגעזען, ווי עמעץ אַ שטאַרקערער האָט אים געגעבן אַ קלאַפּ און ער ווייסט נישט פאַר־וואָס. נעבן אים איז געזעסן וויסאָצקי אינגאַנצן אַ פאַרטועגער אין אַדאַמאָוויטשעס לייענען. זיינע ליפּן זיינען געווען צעצויגן אין אַ שמייכל, און זיינע אויגן, ווי דורכזיכטיק זילבער, זיינען געווען אָנ־געגאָסן מיט ווייכקייט, פון וועלכער עס ווערט וואַרעם.

מיט דער זעלבער ווייכקייט אין די אויגן איז ער שפּעטער, ווען אַדאַמאָוויטש האָט געענדיקט לייענען, צוגעקומען צו מיר און מיט אַ פול מויל געלעכטער געזאָגט:

— עך, האָסטו אונדז באַמאַלעוועט.

ערשט איצט נאָכן ענדיקן לייענען האָב איך באַמערקט פּטאַשיצקיס געענדערט פּנים מיט די ציטערדיקע נאָזלעכער. דאָס קול איז עפּעס אַרויסגעקומען מאָדנע שטיל און וואַרעם צעצויגן:

— זיגמונט, דו מוזט אונדז לייענען אינגאַנצן, אויף אַ ספּעציעלן אָוונט.

די לערערין נעבן אים האָט געהאַט פאַרטראַכטע אויגן.

— איז אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען פאַראַן עפּעס וועגן אונדזער קאָאָפּעראַטיוו?

— אירע אויגן זיינען נישט אָפּגעטרעטן פון מיין פּנים. כ׳האָב זיך דערמאָנט וויעליכאָוויטשעס ווערטער: „פאַראַן אַזעלכע וויכטיקע טעמעס, וועלכע וועלן פאַרנאַכלעסיקט...״ כ׳האָב געוואָלט זאָגן, אַז כ׳וועל זיכער עפּעס אָנשרייבן וועגן דאָרף. וועגן דעם קאָאָפּעראַטיוו וועל איך שרייבן באַזונדער. אָבער אין דעם מאָמענט איז צוגעקומען אַדאַמאָוויטש. ער האָט מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

— אַנטשולדיקט, וואָס כ׳האָב פריער ביי אייך נישט גענומען קיין דערלויבעניש. כ׳האָב געוואָלט איר זאָלט מיט די אייגענע אויגן זען די ווירקונג אויף די לייענער.

ער האָט דערביי געשמייכלט און זיין קול איז געווען אָנגעזאַפּט מיט היימישקייט.

פארמעסט

א]

עס איז נאָך געווען גוט טונקל, ווען נאַטאַן האָט זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, ער איז געלעגן מיטן פּנים צום פענצטער. פּונקט אַנטקעגן איז אויף דעם בלאָס-ווערנדיקן הימל געהאָנגען אַ גרויסער שטערן. נאַטאַנען האָט זיך מיטאַמאָל געגומען אויסדוכטן, אַז ער איז פאַרשלאָפן און איז שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער.

אין זיין פאָרשטעלונג האָט ער זיך שוין געזען אויפן פּאָן פון דער צערוישטער פאַבריק-האַלע אין מלוכהשן טעקסטיל-קאָמבינאַט. דונערנדיקע מאַשינען, טויזנטער אַרבעטער, און ער, נאַטאַן, צווישן זיי. אַ קוואַליפיצירטער פאַכמאַן, אַ וועבער. שוין עטלעכע טעג, אַז ער קאָן זיך פון דעם בילד נישט באַפרייען. אַ וואַרעמקייט נעמט אים אַרום יעדעס מאָל ווען ער טראַכט דערוועגן.

דער טראַמוויי, וואָס איז געגאַנגען אין דער ריכטונג פון דעם טעקסטיל-קאָמבינאַט, איז געווען פאַרפולט מיט מענטשן. זיי האָבן זיך איינער דעם אַנדערן געקענט און לעבעדיק געשמועסט צווישן זיך. בלויז ער האָט דאָ נישט געהאַט קיין שום באַקאַנטן. ער האָט מיטאַמאָל דערפילט די שווערקייט פון דעם קומענדיקן נייעם טאָג. ער וועט דאַרפן אַלץ אָנהייבן פונסניי.

פאַר דעם בנין פון דער פאַבריק האָט זיך דער טראַמוויי אָפּגעשטעלט. עס איז געווען אַ קאַלטער פאַרטאָג. אַרום איז נאָך געווען גוט טונקל. נאָר אויף דער דאָזיקער טונקלקייט האָט זיך העל אָפּגעשלאָגן דאָס ליכט פון די ברייטע פאַבריק-פענצטער. נאַטאַנען האָט זיך געדוכט, אַז דער גאַנצער בנין איז אַ דורכזיכטיקער.

די מאַסע מענטשן, וואָס האָט זיך אַרויסגעשיט פון טראַמווײ, האָט געשטראָמט אין דעם געסל אויף לינקס, ווו עס האָט זיך געפונען דער אַרײַנגאַנג אין פאַבריק. פאַר נאַטאַנען האָט מיטאַמאָל אויפגעלויכטן אַ גאַנצע רײ נײַ־אויפגעבויטע הײַזער־בלאָקן. זײ האָבן אויסגעזען ווי לויכטנדיקע דאָמינאָס. הינטער זײ האָבן זיך געצויגן גערטנדלעך מיט נידעריקע פרוכטן־בוימער. דאָס בילד איז געווען מאָדנע שאַרף און גלײַכצײַטיק ווי נישט דאָאיק, ווי עפּעס אויף אַ שײַן־געמאָלענער רעקלאַמע.

נאַטאַן איז שטײן געבליבן מיט אַן אויפגערודערט געמיט. בײַ זײַנע זעקס־און־צוואַנציק יאָר, האָט ער זיך שוין נישט געפילט יונג. ער האָט שוין אַ סך דורכגעמאַכט אין זײַן לעבן: געטאָ, לאַגער, פאַרפײַניקטע און דערמאָרדעטע יידן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך אויך געפונען זײַנע עלטערן און ברידער, צעקרומטע און חיהשע פּנימער פון עס־עס־לײַט. דאָס אַלץ איז געבליבן ליגן אויף זײַן געמיט בלײַאיק שווער און שטיקנדיק. אָבער איצט האָט דער שטאָלצער געדאַנק וועגן זײַן צוקונפט אין דער דאָזיקער ריזיקער פאַבריק אים מיטאַמאָל אָנגעפילט מיט מוט. ער האָט טיף געאָטעמט, גלײַך ווי ער וואָלט געהאַט אַ גאָר־אָנגעזעענעם חלק אין אָט די אַלע רוישנדיקע בנינים, פאַרגאָסענע מיט אַזאַ העלן ליכט.

ער האָט די אויגן נישט געקאָנט אָפּרײַסן פון דער פאַבריק, אין וועלכער ער האָט זיך שוין געזען אַן אַרבעטנדיקן.

נאַטאַן האָט אַרײַנגעצויגן אין זיך די שאַרפע און פרישע פאַרטאָגיקע לופט און ענערגיש אָפּגעטרייסלט פון זיך די אומעטיקע מחשבות, וואָס האָבן פון ערגעץ געזוכט אַ וועג צום מוח.

עס זײַנען אָנגעקומען אָן אויפהער איבערפולטע טראַמווײען, גרופּעס אויף ראָווערן און צופוס. זײ אַלע האָבן געשטראָמט אין דער ריכטונג פון הויפּט־טויער. נאַטאַן איז ווי מיטגעשלעפּט געוואָרן מיט זײ אין דעם פאָרטיער־שטיבל, ווו די אַרבעטער האָבן אײנער נאָכן צווייטן אַרײַנגעוואָרפן זײערע נומערן אין דעם ריזיקן קאָנטראָל־זײגער, וועלכער האָט אויף יעדן אײנעם אָפּגעענטפערט מיט אַן אויטאָמאַטישן פרײלעכן קלאַפּ.

נאַטאַן האָט זיך געמוזט פאַרהאַלטן, ער האָט נאָך נישט געהאַט קײן נומער. פאַר אים האָבן זיך אָן אויפהער גערוקט מענטשן אין טונקעלע אַרבעט־מלבושים, אין בלויע קאָמבינעזאָנען. די עלעקטרישע שײַן פון די פאַבריק־פענצטער איז געפאַלן אויף זײערע ענערגישע פּנימער. זײ זײַנען געגאַנגען אין די טויזנטער, העלע, הויך־שמועסנדיקע צווישן

זיך און לאַכנדיקע. נאַטאַנען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז יעדער פון זיי טראָגט אין זיך זיין שפּאַנענדיקע דערציילונג וועגן פאַרמעסטן, וועגן קאַמף מיט שוועריקייטן און וועגן גרויסע נצחונות. אין דעם גרויען מענערישן שטראָם האָבן אַלע ווײַלע פאַרבייגעבליצט קאָלירטע טיכלעך פון דאָרפישע פרויען און גרויסשטאָטישע מיט בערעטן, אָנגעטוענע „מיט פאַנטאַזיע". די מיידלעך האָבן זיך פריילעך איבערגערופן צווישן זיך. עס האָט געשלאָגן פון זיי די פראָסטע זיכערקייט, אַז די וועלט האַלט זיך אויף זייער אַרבעט.

נאַטאַנען האָט פּלוצים באַהערשט אַ טיפע בענקעניש נאָך אַזאַ פּראָסטן אָנטייל אין לעבן.

די פּערסאָנאַלע אָפּטיילונג, ווו נאַטאַן האָט געדאַרפט אויפגענומען ווערן, איז נאָך געווען פאַרשלאָסן. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער דרויסנדיקער באַנק. פון דער פייכטער ערד האָבן זיך שוין גענומען אַפּרייסן די לעצטע שטיקער נאַכט. די פרימאָרגנדיקע קילקייט האָט אין נאַטאַנען אויפגעוועקט דעם אַפּעטיט. ער האָט אַרויסגענומען דאָס פּעקל עסן, וואָס דער אָנפירער פון דער בורסע האָט אים נעכטן אין אָוונט צוגע-גרייט. דער הויף, וועלכער איז נאָר וואָס געווען איבערפולט מיט מענטשן, האָט איצט אויסגעזען, ווי אַ באַסיין, פון וועלכן מען האָט אַרויסגעלאָזט דאָס וואַסער. אויף די באַלויכטענע שטאָקן הינטער די ברייטע העלע פענצטער האָבן זיך באַוויזן מענטשלעכע געשטאַלטן, וועלכע האָבן זיך אָן אויפהער באַוועגט אַרום די געדרייטע קאָנטורן פון די מאַשינען, דאָ זיך איינגעבויגן, דאָ זיך ווידער אויסגעגלייכט, ווי זיי וואָלטן זיך אַזוי צערטלעך באַגריסט מיט די מאַשינען נאָך אַזויפיל שעהן פון צעשיידונג.

עס איז שוין געווען אינגאַנצן ליכטיק, ווען עס האָבן זיך אָנגעהויבן צונויפקומען די ביוראָ-אַרבעטער. דער אָנפירער פון דער פּערסאָנאַל-אָפּטיילונג, אַ מיטליאָריקער, פּראָסט - אָנגעטוענער מענטש, האָט נאַטאַנען אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס:

— מיר האָבן נעכטן גערעדט וועגן אייך. איר נעמט זיך אונטער צו אַרבעטן זעלבסטשטענדיק? גוט. מיר ווילן אייך אויך אויסנוצן צו דער קולטור-אַרבעט. מיר ווייסן, אַז איר גיט זיך איין דערצו...

נאַטאַן האָט דערפילט אַ פייער אין פּנים. שפּעטער, גייענדיק איבערן לאַנגן שמאָלן קאָרידאָר צום אָנפירער פון דער אָפּטיילונג, ווו ער איז געוואָרן צוגעטיילט, האָט זיך אין אים געוועקט דער אימפּעט פון די

לעצטע פאַר טעג, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין דערוואַרטונג אויף דעם דאָזיקן מאָמענט.

פון אַרום האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּעריי פון די שרייב־מאַשינ־קעס. פון אַן אָפענער טיר האָט זיך דערטראָגן אַן איינגעשפּאַרט רופן אין טעלעפאָן. די דורכלויפנדיקע ביוראָליסטינס האָבן זיך אויף אים נישט אומגעקוקט. ער האָט זיך קוים דערפרעגט צום אָנפירער מאַגדזשען.

אויף נאַטאַנס אָנקלאַפּן אין דער קאַבינעט־טיר האָט קיינער נישט געענטפערט. ער האָט שוין געוואָלט אַוועקגיין. אין דער מינוט האָט זיין האַנט נישט־ווילנדיק אַ דרוק־געטאָן די קלאַמקע. די טיר האָט זיך געעפנט. פונקט אַקעגנאיבער איז געזעסן אַן עלעגאַנט־אָנגעטוענער מענטש. דער מענטש האָט אויפגעהויבן צו אים אַ פלאַטשיק און דראָבנע פנים, וואָס האָט אויסגעדריקט אַ נישט־צוטריטלעכע פאַרנומענקייט, און גלייך מיט איבערגעטריבענער פאַרטוענקייט זיך צוריק גענומען פאָרען צווישן די פאַפּירן אויפן שרייב־טיש.

נאַטאַן איז געבליבן שטיין מיט דעם צוגעגרייטן פאַפּיר אין האַנט. זיין בליק האָט גענומען אומרויק בלאָנדזשען איבערן צימער, אַ פאַרגאָסנס מיט העל טאָג־ליכט, וואָס איז געקומען פון די ברייטע פענצטער.

נאָך עטלעכע מינוט וואַרטן האָט יענער אויפגעהויבן די אויגן אין נאַטאַנס זייט און גענומען פון אים די רעקאָמענדאַציעס פון דער פער־סאָנאַל־אָפּטיילונג. צוליב דער נאַכלעסיקייט, מיט וועלכער ער האָט דאָס פאַפּירל געהאַלטן אין האַנט, האָט זיך נאַטאַנען אויסגעוויזן, אַז ער ליי־ענט עס בכלל נישט. דער אויסדרוק פון פנים איז געווען אַ נישט קלאָרער.

ענדלעך האָט ער ווידער אויפגעהויבן זיין פלאַטשיק דראָבנע פנים.

— אייער נאָמען איז נאַטאַן ראָטפעלד? אַ דייטשער נאָמען... אַ יידישער? הממממ... אָבער איר דאַרפט ערשט פראַקטיצירן. איר זייט דאָך ערשט אַרויס פון פאַך־שול און איר ווילט שוין זעלבסטשטענדיק אַרבעטן?

נאַטאַן האָט באַמערקט אין זיין בליק אַ לוסטיק חוזק־בליצל און עס איז מיטאַמאָל פאַרשוווּנדן פון אים זיין פריערדיקע נישט־דרייסטקייט. ער האָט מיט זיכערקייט אַ טראָט־געטאָן נענטער צום ביוראָ־טיש און אַוועקגעלייגט אַלע זיינע פאַפּירן האַרט פאַר יענעמס פנים.

— איך האָב שוין געאַרבעט זעלבסטשטענדיק אויף צוויי שטולן, אין אַ קאָאָפּעראַטיוו. אָט איז די באַשטעטיקונג.

יענעמס בליק האָט אַ וואַנדער־געטאָן פון נאַטאַנען אויפן פּאַפּיר און ווידער אויף נאַטאַנען.

— אַ וועבער־קאָאָפּעראַטיוו אויפן נאָמען פון יוסף לעוואַרטאָווסקי? נישט געהערט פון אַזאַ נאָמען.

זיין איראָנישע שטים האָט גלייך אָנגענומען אַ זאַכלעכן טאָן.

— אָבער איר קאָנט עס דאָך נישט פאַרגלייכן צו אונדזער קאָמבי־נאָט. ביי אונדז אַרבעט מען אויף פיר שטולן און מער אויך.

עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט און אַריינגעקומען מיט אַ פּעקל פּאַפּירן אונטערצושרייבן. מאַגדזשען האָט אויף יעדן בייגעלע פּאַפּיר אונטערגע־שטראָכן מיט אַ רויטן בליישטיפט און בשעת־מעשה גערעדט מיט דער זעלבער נאָכלעסיקייט:

— כ׳האָב באמת נישט געוווּסט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ יידישער וועבער־קאָאָפּעראַטיוו. אַרבעטן זיי טאַקע אויס סחורה? מען אַרבעט און מען פאַרקויפט. האַ?

עס האָט אויסגעזען, אַז ער רעדט ספּעציעל אַזוי פאַוואָליע, כדי דער אַריינגעקומענער זאָל אויך הנאה האָבן פון זיין קלוגן אַרט רעדן. נאַטאַנען האָבן געבריט די איראָנישע בליקן פון דעם אַריינגעקומענעם, וועלכער האָט מכלומרשט אומשולדיק געפרעגט:

— נעמט מען דען ביי אונדז צו פרישע וועבער?

אין נאַטאַנען האָט זיך אויף אַ מינוט אַלץ אָפּגעשטעלט. אָבער מאַגדזשען האָט ווי נישט געהערט יענעמס רייד. זיין קול איז ווייטער געווען פלעגמאַטיש און קאַלט:

— נו, איר וועט אַריינקומען מאָרגן. אפשר וועט זיך עפּעס לאָזן מאַכן...

— דו מוזט דערגרייכן דיינס — האָט נאַטאַן אַהיימגייענדיק גערעדט צו זיך אין געדאַנק.

ב

ווען נאַטאַן איז צומאָרגנס פאַרטיק געוואָרן מיט דער מעדיצינישער אונטערזוכונג און אַלע אַנדערע פאָרמאַליטעטן, איז שוין געווען נאָך עלף אַזייגער. אין דער מאַשין-האַלע איז דעמלט געווען דער איבעררייס. די אַרבעטער האָבן געגעסן דאָס צווייטע פרישטיק אין דער גאָר-קיך. די שטילקייט אין זאַל האָט געקלונגען אין די אויערן. דאָס טאָג-ליכט האָט העל אָפגעשלאָגן זיך אויף די ווענט, באַהאָנגענע מיט רויט-קאָלירטע לאָזונגען וועגן פאַרמעסט, וועגן זעקס-יאָר-פלאַן. פון ווייטן עק האַלע האָט עפּעס אַ קול רויק גערעדט:

— עך, דו טרפהנער בויך, כ׳וועל דיר היינט אַרײַנדרייען אַ שרויף, אַז עס וועט דיר ליכטיק ווערן אין די שליפּיעס... דער מאַטאָר דיינער דאַרף אַ נייעם צילינדער. וועסט באַקומען. אויסשמירן וועל איך דיך היינט, אַז וועסט זיך באַלעקן, שוואַרצע מאָרדע איינע. וואַרט-צו, האָסט פאַרגעסן מיט וועמען דו האָסט צו טאָן...

זיי האָט פאַנאַנדערגעטיילט אַ וואַנט פון מאַשינען. עס האָט געדויערט אַ היפּשע ווײַלע ביז נאַטאַן האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס שמועסט זיך אַדורך דער מייסטער מיט דער מאַשין. דער מייסטער טשעבוצקי, איז היינט נישט אַרויס אויפן צווייטן פרישטיק. די מאַשין האָט כסדר געריסן. ווען נאַטאַן איז צו אים צוגעקומען, האָט ער געהאַלטן אינמיטן פיילן די ציין פון דער שפּין-טריב.

דורכלייענענדיק נאַטאַנס פשעפּוסטקע, האָט ער זיך גוטמוטיק צע-שמייכלט, אים צוגעפירט צו אַ שורה מאַשינען און ווײַזנדיק מיטן פינ-גער געזאָגט:

— הער־זשע, די צוויי בענקאַרטעס געפעלן דיר? זיי וואַרטן שוין עטלעכע טעג אויף דיר. ווערסט זיך נעמען צו זיי?

— פאַרוואָס נישט? מען דאַרף פּראָבירן.

די האַלע איז אָנגעפולט געוואָרן מיט די צוריק־קומענדיקע אַרבעטער. יעדער האָט דורכגייענדיק צוגעוואָרפן אַ לוסטיק וואָרט דעם מייסטער. ווען זיי האָבן זיך דערוווּסט, אַז נאַטאַן וועט באַדינען די צוויי מאַשינען, וואָס שטייען שוין עטלעכע טעג, האָבן זיי אים באַשאָנקען מיט וואַרעמע בליקן. טייל זיינען גלייך צוגעגאַנגען צו אים, פאַרגעשטעלט זיך און היימיש געזאָגט:

— וועלן מיר, הייסט עס, אַרבעטן צוזאַמען.

די פאַבריק־האַלע האָט זיך ווידער צעהודזשעט. נאַטאַן האָט פלינק גענומען די שפּול, איינגעפעדעמט דאָס שיפל, אַ בלאָז געטאָן, ווי ער האָט עס געזען ביי די עלטערע וועבער אין קאָאָפּעראַטיוו און איינגעשלאָסן דעם מאָטאָר. דאָס שיפל איז האַסטיק אַרויסגעשפּרונגען פון געלעגער און אָנגעהויבן זיין ווילדן געלויף. ער האָט זיך שנעל אויסגעדרייט צו דער צווייטער שטול, וועלכע האָט זיך אויך גלייך צעוויגט, ריטמיש, דונערנדיק.

נאַטאַן האָט געפילט די אייגענע רויטקייט איבער די אויערן, געוווּסט, אַז די אַרבעטער אָבסערווירן אים, זיינע באַוועגונגען, אָבער ער איז געווען ווי צונויפגעגאָסן מיט דער דונערנדיקער האַלע, נישט אַרויסגעלאָזט פון אויג דאָס שיפל. ער האָט געפילט, ווי עס צעריזלט זיך אין אים דאָס געפיל פון גליק. ווען ער שעמט זיך נישט, וואָלט ער זיך איצט צעשריגן פון פרייד.

מיטאַמאָל איז עפּעס שטיל געוואָרן. די צווייטע מאַשין שטייט. וואָס? דער דרים האָט זיך געענדיקט? ערגער. עפּעס איז אינעווייניק. וואָס טוט מען איצט?

אין חדשים אַרום, ווען נאַטאַנען איז אויסגעקומען אַנדערע אַרויסצוהעלפן אין אַזעלכע פאַלן, איז אים שטענדיק געשטאַנען פאַר די אויגן דאָס גוטע פּנים פון דעם בשכנותדיקן וועבער דאַצקאָ, וועלכער איז איצט צו אים צוגעקומען אַ שמייכלענדיקער:

— ציטער נישט אַזוי. דאָס איז אַ קלייניקייט און עס קאָן טרעפן מיטן בעסטן וועבער.

ביים אָפּוויקלען פון וואָל די פּאַרטיקע סחורה האָט נאַטאַן ווידער דערפילט אין זיך די קוועלנדיקע פרייד, אַ באַדערפעניש צו האָבן איצט נעבן זיך אַ נאָענטן מענטשן, וועמען ער זאָל קאָנען זאָגן:

— זע, נעם עס אין האַנט אַריין. ווי ווייך, ווי פיין דאָס איז געוועבט.

עס איז צוגעקומען דער פּראָדוקציע-קאָנטראָלער, אַ וויקל-געטאָן דעם באַלעם. זיין בליק האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף די גרינע פעדעם, וואָס האָבן זיך אַריינגעפלאָכטן אין גראַנאַטענעם שטרייף. נאַטאַן איז בלאַס געוואָרן. יענעמס טרוקן פנים און בולטע שאַרפע גאָמבע זענען אין אָנהויב געבליבן אָן שום אויסדרוק. ער האָט מיט די נעגל געפּרוווט די פעסטקייט פון די אַריינגעפלאָכטענע פעדעם און גענומען ווייטער וויקלען. ביי נאַטאַנען האָט דאָס האַרץ געקלאַפּט, שנעל, שנעל.

— נו, אין אַלגעמיין איז די סחורה גאַנץ-שיין. די מאַשינען גייען גוט. האָ?

עס איז דורך אַ קורצע צייט און נאַטאַן האָט זיך נאָך שטאַרקער איינגעלעבט מיט די מאַשינען, וועלכע זיינען געגאַנגען ווי די זייגערס? דער מייסטער טשעבוצקי פלעגט אים קלאַפּן איבער דער פּלייצע.

— זיי שפּילן ביי דיר, די בענקאַרטעס...

נאָך עטלעכע וואָכן האָט ער אים אָנפאַרטרויט אַ דריטע מאַשין.

דער טעכנישער אָנפירער פון דער אָפּטיילונג איז זעלטן געקומען אויפן זאַל. נאַטאַנען האָט געפרייט דער פאַקט, וואָס אויך די אַנדערע וועבער זענען יענעם נישט געגרן. ער פלעגט אַ שווייגנדיקער גיין צווישן די מאַשינען, זעלטן מיט וועמען אויסגערעדט אַ וואָרט. נאַטאַנען האָט ער ווי אויסגעמיטן. בלויז אויף די פּלייצעס האָט נאַטאַן געפילט די שווערע בייזקייט פון זיין בליק, אָבער ער האָט זיך ווייניק געמאַכט דערפון. ער האָט זיך איצט אַ שטאָלצער באַוועגט צווישן די צעוויגטע מאַשינען און ס'האָט זיך אים געדאַכט, אַז יעדע מאַשין האָט זיך איר קלאַנג און איר מאָטיוו. אָט די לענגלעכע גרין-לאַקירטע מאַשין זינגט: „צום טערמין, צום טערמין". די אַנדערע, די פון וואָלענעם עקספּאָרט-שטאָף דונערט: „איבערן פּלאַן, איבער, איבער..."

נאַטאַן האָט איבערגעשטיגן די נאָרמע אויף הונדערט פּראָצענט.

אין דער פאַבריק איז דאַן אָנגעגאַנגען דער קאַמף פאַר העכער קוואַליטעט. דאַצקאַ איז געוועזן פאָרזיצער פון קאָמיטעט פאַרן פאַרמעסט. בעת די איבעררייסן פלעגט דאַצקאַ לערנען נאַטאַנען:

— דו, גוטער ברודער, לייגסט אַלץ אַריין אין די שליפיעס. אַ וועבער דאַרף אָבער האָבן חוץ אַ גוט אויג, נאָך אַ בעסערן געהער. נאָכן בלויזן קלאַנג אין דער מאַשין דאַרף מען דערקענען דעם פעלער אין געוועב. אַז די שטול הייבט דיר אָן אַ ביסל שטאַרקער צו טראַסקען, איז אַ סימן, אַז די קעטע האָט זיך צעלוזעוועט און דאָס שיפל וועט דיר אַ ליאַדע מינוט ארויספאַלן פון דער ליניע.

אין אָנהויב האָט עס אים אויסגעזען אוממעגלעך צו קאָנען אויסאַרבעטן זיך אַזאַ אויער און אין דעם פאָרטויבנדיקן גערויש פון דער גאַנצער האַלע אונטערשיידן בלויז די אייגענע מאַשין. מיט דער צייט איז זיין געהער אַזוי פאַרשאַרפט געוואָרן, אַז ער פלעגט דערהערן דעם מינדסטן גרילץ אַפילו פון אַ ווייטערער מאַשין ביי אַ צווייטן וועבער. ער איז גלייך צוגעלאָפן און געהאָלפן אים פאַריכטן.

ג

אין דעם קולטור-זאַל, ווו עס קומט איצט פאָר די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג, הערשט אַ שטאַרקע היץ. דער זאַל, ווייזט זיך אַרויס, איז צו קליין. אין דער פאַרזאַמלונג נעמען היינט אָנטייל די וועבער, שפינער, פאַרבער. עס האַנדלט זיך וועגן לאָזן אין גאַנג אַ דריטע שיכט. די געמיטער זיינען צעוואַרעמט.

אויף דער טריבונע באַווייזט זיך די שלאַנקע פיגור פון פראַנקאָווסקין, דער פאָרזיצער פון פאַבריק-ראַט. ער רעדט וועגן איבערגעשטיגענעם פּלאַן און הויבט אָן אויסרעכענען נעמען פון די, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין דעם פאַרמעסט. נאַטאַן איז צופרידן, וואָס דער מייסטער טשעבוצקי פאַרנעמט איינס פון די ערשטע ערטער. פּלוצים דערפילט ער, ווי דאָס האַרץ וואָלט זיך אים אָפּגעשטעלט. זיין נאָמען ווערט דערמאָנט. פראַנקאָווסקי לויבט אים פאַר דער ערשטקלאַסיקער קוואַליטעט פון זיין פּראָדוקציע. אַלע קוקן אויף אים. נאָר אָט רעכנט דער רעדנער שוין אויס אַנדערע נעמען. נאַטאַן קאָן צוריק פריי לאָזן זיין בליק, וועלכער פאַרטשעפּעט זיך אין דאַצקאָן. ער וויל זיך צוריקכאַפּן, אָבער דאַצקאָ קוקט אויף אים אַזוי פריינדלעך, שמייכלענדיק. נאַטאַן ווייסט, אַז דאַצקאָס בליק זאָגט:

— ביסט אַן אייגענער, אַ וועבער מיטן פולן מויל.

דער רעדנער באַהאַנדלט איצט דעם פאַרנעם פונעם פּלאַן אויפן צווייטן יאָר. דער קאָלעקטיוו איז אַרויסגערופן געוואָרן אויף אַ פאַרמעסט דורך דעם לאָדזשער קאָמבינאַט. עס מוז געלאָזט ווערן אין גאַנג אַ דריטע שיכט. צוליב דעם מאַנגל אין אַרבעט הענט רוקט פראַנקאָוו-

סקי אַרויס דעם געדאַנק פון סיסטעמאַטישן איבערגיין צום באַדינען אַ גרעסערע צאָל שטולן.

נאַטאַן האָט ליב דעם שטילן פאַטאָס, מיט וועלכן פראַנקאָווסקי רעדט וועגן קאַמף מיט די שוועריקייטן. ווי שיין ער צעפייערט זיך וועגן דעם נצחון, וואָס שטייט פאַר דעם גאַנצן קאָלעקטיוו. זיין בליק נעמט אַרום דעם גאַנצן זאַל. אַ מינוט שטעלט ער זיך אָפּ אויף נאַטאַ-נען. אים דוכט זיך, ער פאָדערט אים אַרויס. יאָ, ער וועט אַרויסטרעטן. ער פילט אין זיך אַ זיכערקייט. ער וועט זאָגן דאָס, וואָס ער טראַכט. געוויס טראַכט איצט דער גאַנצער זאַל דאָס זעלבע. ער וועט פשוט באַשטעטיקן פראַנקאָווסקיס ווערטער און וועט אויפווייזן די ריכטיקייט פון באַדינען מער שטולן.

די גאַנצע צייט, וואָס נאַטאַן האָט גערעדט, האָט ער קיינעם נישט געזען. אַ רגע האָט זיך זיין בליק פאַרטשעפּעט אין מאַגדזשענס אויגן. דער טעכנישער לייטער פון דער וועבעריי איז געזעסן אין דער ערשטער ריי. זיינע אַפּלען האָבן פאַרמאָגט די פעיקייט זיך אויסצושפּרייטן און פאַרשמעלערן ווי די אויגן פון אַ קאַץ. נאַטאַן האָט אין דער רגע דער-זען אין זיי דעם זעלבן בייזן שפּאָט פון יענעם ערשטן טאָג, איידער ער האָט אָנגעהויבן אַרבעטן אין דער פאַבריק. זיין אויער האָט אויפגעכאַפּט אַ הוסטל און אַ קוים-הערבאַרן מורמל צום שכן, וואָס איז געזעסן נעבן אים. נאַטאַן האָט אים גלייך דערקענט. עס איז געווען דער יונגערמאַן, וואָס איז דעמלט אַריינגעקומען מיט דעם פעקל פּאַפּירן אונטערצושרייבן. אויף דעם צווייטנס פּנים האָט זיך באַוויזן אַ שמייכל, אַ בלאַסער, נאָך בלאַסער, פון זיינע אויגן און איז שנעל אַוועקגעשוווּמען. עפּעס שרעק-לעך האַרטס איז נאַטאַנען געבליבן שטיין אין האַלדז.

באַלד נאָך נאַטאַנען איז אַרויסגעטרעטן נאָך אַן אַרבעטער פון דער שפּינעריי. ער האָט ביז איצט באַדינט איין גרעמפּל-מאַשין און זיך אונ-טערגענומען צו באַדינען צוויי.

דאַן האָט גענומען אַ וואָרט מאַגדזשען. ער האָט גערעדט וועגן דער דורכשניטלעכער פּראָדוקציע פון באַזונדערע וועבער און אויפגעוויזן דעם אינדיווידועלן צוגאַנג צו דער אַרבעט. אַלטע וועבערישע רוטין. אַ גאַנץ פרעמדן סטיל האָט אַריינגעבראַכט נאַטאַן ראַטפעלד, וועלכער שאַצט איבער זיינע כוחות, ער פאַרשטייט נאָך נישט ווי ס'געהער צו זיין זיין אייגענע מאַשין און רעדט זיך איין איבערצושטייגן זיינע חברים, אַלטע וועבער, וואָס האָבן מיט אים געהאַט גענוג צרות, ביז זיי

האָבן אים אויסגעלערנט אַרבעטן. זיין צוגאַנג איז אַ מעכאַנישער, אַנ־דערש וואָלט ער פאַרשטאַנען, אַז באַדינען זעקס שטולן אין אונדזערע באַדינגונגען איז אַן אומזין. מען קאָן דעריבער דערוויל נישט טראַכטן וועגן אַ דריטער שיכט.

נאַטאַן האָט נישט געוווסט ווי זיינע אויגן אַהינצוטאָן. אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז אַלעמענס קעפ זיינען אויסגעדרייט צו אים. די לופט האָט זיך אים מיטאַמאָל אויסגעוויזן צו דושנע, נישט צום איבערטראָגן. אָט דערמאָנט ער ווידער זיין נאָמען, קוקט אין זיין זייט, נישט אין די אויגן, נאָר ערגעץ אויף דער שפּיץ נאָז. נאַטאַן זעט אים דורך און דורך און פילט, אַז יענער ווייסט עס. ער איז נישט בלויז זיין שונא, נאָר אַלעמענס. אָבער...

אין דעם מאָמענט האָט זיך פון זאַל דערהערט עמעצנס אַ שטים: אַ ביוראָקראַט... אַ שונא!... די שטים איז גלייך אונטערגעכאַפּט געוואָרן פון נאָך אַנדערע. נאַטאַן האָט דערפילט ווי דאָס בלוט פון אַלע זיינע אָדערן נעמט פליסן צום האַרצן. ער איז נישט אַליין. מאַגדזשען האָט אויפגעהערט רעדן. זיין דראָבנע פּנים האָט איצט אויסגעזען נאָך פלאַ־טשיקער און ווי אונטער אַ גראָער שיטערער פאַרהאַנג, אומבאַוועגלעך. אויף דער טריבונע איז אויסגעוואַקסן קאָוואַלסקי. איבערן זאַל איז דורך אַ געמורמל, און גלייך שטיל געוואָרן. קאָוואַלסקי נעמט אָפּ אַ וואָרט אויף פאַרזאַמלונגען. ער גייט אָן פאַר איינעם, וואָס לייענט אַ סך. אין דער פאַבריק אַריין איז ער אָנגעקומען אַלס פיזישער אַרבעטער. היינט פאַרטרעט ער דעם לייטער פון דער פאַרבעריי. יעדע עוולה פירט אים אַרויס פון גלייכגעוויכט. די קנייטשן פון זיין טרוקן פּנים זעען איצט אויס ווי טיפער צוליב דעם כּעס, וואָס שפּריצט פון זיינע אויגן. ער האָט אָוועקגעשאַרט די האָר פון שטערן, אַ וואָרף געטאָן דעם קאָפּ און אויפן גאַנצן קול אַ דונער געטאָן:

— חברים! צי זעט איר נישט, אַז מאַגדזשען פאַרטיידיקט די אָפּ־געשטאַנענע פאָרמען און מעטאָדן פון אַרבעט? אויף דעם פאַרגאַנגענעם יאָר־פּלאַן האָט זיך מאַגדזשען אַנטקעגנגעשטעלט. מיר האָבן אים איבער־געשטיגן. אמת? אויך איצט האַלטן מיר, פּונקט ווי נאַטאַן ראַטפעלד, אַז מיר וועלן באַווייזן צו באַדינען זעקס שטולן...

קאָוואַלסקיס ווערטער האָבן אויפגעפרישט אין נאַטאַנען די פריערדיקע ענערגיע. ווי גוט דער קאָוואַלסקי קאָן עס די אַרבעט־מעטאָדן אין דער וועבעריי. קאָוואַלסקי האָט איצט געענדערט דעם טאָן, גערעדט פּאַוואָ־

ליע, צוגעקליבן וועווטער און געפירט זיינע אַרגומענטן באַרעכנט, פאַר־זיכטיק. קודם־כל אָנגעוויזן אויף די פאַרשידענערליי אָפּעראַציעס, אויף וועלכע דער וועבער וועט קאָנען איינשפּאָרן אַ סך צייט, פאַרטשעפּעט ווי דרך־אגבדיק דאַצקאָס ראַציאָנאַליזאַטאָרישן פּראָיעקט וועגן דעם מעטאָד פון טוישן די שפּול אין דעם שיפל און ווידער האָט זיין שטים געגומען דונערן וואָס אַמאָל העכער:

— פאַרוואָס ליגט נאָך אַלץ דער פּראָיעקט אין מאַגדזשענס עלע־גאַנטן שרייב־טיש? צי וויל ער אונדז איינרעדן, אַז אויך דאַצקאָ, דער אַלטער וועבער, שאַצט איבער זיינע כוחות?

ער איז אַנטשוויגן געוואָרן ווי ער וואָלט געמוזט אָננעמען אָטעם. אין דער אמתן האָט ער בלויז דורך אַ רגע שווייגן געוואָלט אונטער־שטרייכן דעם זאַץ, אים בולטער מאַכן. זיינע ווייטערדיקע רייד זיינען געווען וועגן דער נויטווענדיקייט צו באַזייטיקן די סיבות פון „פּאַסטאָ־יען", זאַכן, וועגן וועלכע מאַגדזשען האָט נישט ליב צו רעדן.

נאַטאַנען, וועלכער האָט געשלונגען יעדעס וואָרט און געפילט ווי עס לייטערט זיך אים אויס אין קאָפּ, איז אַ שאָד געווען, וואָס קאָוואַל־סקי האָט אַזוי שנעל געענדיקט רעדן. צוזאַמען מיט אַלע האָט ער לאַנג און שטאַרק אַפּלאָדירט.

— ער האָט אים דערלאַנגט ווי ס'דאַרף צו זיין — האָט נאַטאַן געהערט ווי דער שכן, אַן אַרבעטער פון דער שערעריי, רעדט צו אים — קוקנדיק אויף דעם מאַגדזשענען זעט מען גלייך, אַז ער איז נישט קיין אונדזעריקער. ער רעדט דיר אַזוי העפלעך, גלאַטיק, אַז ס'גלוסט זיך דיר אַ רייב טאָן אין דער פלאַטשיקער מאָרדע זיינער. דו פילסט, אַז אַן אונדזעריקער האָט פאַר אים נישט קיין שום ווערט, ווייניקער פון אַ פאַרזשאַווערטן נאָגל.

נאַטאַן האָט געשמייכלט אין זיך: ווי גוט איז עס, וואָס אויך די אַנדערע אַרבעטער זעען מאַגדזשענען אַזעלכן, ווי ער איז איינדערזאמתן. אויף דער טריבונע איז איצט געשטאַנען דער ברייט־פלייציקער דאַצקאָ. זיין הייזעריקלעכע שטים האָט אין נאַטאַנס אויערן געקלונגען ווי מוזיק:

— מיר הויבן אָן ביי „זעקסטלעך" און מיר וועלן איבערגיין צו „אַכטלעך". מיר זיינען מער פון די מאַגדזשענס. מיר טאָרן נישט פאַר־שפּילן אין דעם פאַרמעסט.

אין אָנהייב

א]

מיט אַ שווער האַרץ איז שליאַמעק פינק אין יענעם טאָג צום צווייטן מאָל געגאַנגען צו דער אַרבעט אין דער מלוכהשער וואַסער-מעסטער-פאַבריק.

ער האָט געוווּסט, אַז פונקט ווי נעכטן וועט ער אויך היינט דעם גאַנצן טאָג זיך דרייען אַרום דער טאָקער-מאַשין, איינקוקן זיך אין די באַוועגונגען פונעם הויכן קראַווטשיק, וואָס באַדינט די מאַשין, קוקנדיק אַלע ווײַלע אויפן זייגער. און ער, שליאַמעק, וועט פונקט ווי נעכטן גאָרנישט פאַרשטיין דעם זין פון די דאָזיקע אַלע באַוועגונגען אַרום דער מאַשין.

צומשוווערסטן פאַר שליאַמעקן איז דאָס, וואָס ער ווייסט נישט ווי לאַנג ס'וועט אַזוי געדויערן דאָס דאָזיקע שווייגנדיקע צוקוקן זיך צו דעם אַלעם און אַליין גאָרנישט טאָן. ווען זנאַמיראָווסקי, דער אָנפירער פון דער קאַדרען-אָפּטיילונג האָט שליאַמעקן פאָרגעשטעלט פאַר קראַווטשיקן, האָט ער זיך פון אים בלויז דערוווּסט, אַז ער דאַרף אויפמערקזאַם אָבסערווירן די מאַשין און זיך גוט איינקוקן, וואָס ער טוט. קראַווטשיקס פּנים איז באַלד ווידער געוואָרן ערנסט און קאָנצענטרירט און דעם גאַנצן טאָג איז שווער געווען פון אים אַ וואָרט אַרויסצוקריגן.

ערשט ביים אַהיימגיין איז ער ווידער געוואָרן באַרעדעוודיק. ער האָט געוויזן שליאַמעקן ווי אַזוי מען דאַרף פּוצן די מאַשין, אַז דער שטויב זאָל נישט אַריין צווישן די טיילן, אין די שפּאַלטן. אַלץ דאַרף שפּיגלען. ער האָט אין שליאַמעקן שוין געזען דעם צוקונפטיקן מיטגליד פון זיין בריגאַדע און גערעדט מיט אים וועגן פאַרמעסט מיט די אַנדערע בריגאַדעס. פאַראַן דאָרט גוטע פאַכמענער. טערענטעוויטשעס בריגאַ-

דע האָט שוין צוויי מאָל געוווּנען דעם פּאַרמעסט. אָבער איצט, וועט מען זען, צי אונדזער בריגאַדע וועט נישט געווינען. אין משך פון לעצטן חודש זיינען איינגעפירט געוואָרן צוויי ראַציאָנאַליזאַטאָרישע אויפטועך.

— קוקסט אָן דעם אינסטרומענט? — האָט ער שליאַמעקן געוויזן אויף דעם צוגאַב-אַפּאַראַט ביים אַריינפיר צו די מעסערס — דאָס פאַר־שנעלערט די אַרבעט אויף צוואַנציק פּראָצענט. ווייסט, וואָס עס באַדייט פאַר אונדז צוואַנציק פּראָצענט? עך, — האָט אים געוווּנדערט שליאַמעקס שווייגן — דאָס עפנט דאָך נייע מעגלעכקייטן אין דער מעטאַלורגיע... דו ביסט נאָך רוי אין פאַך.

„אַהאַ, דאָס געפעלט מיר“ — האָט שליאַמעק מיט פרייד געטראַכט, צוהעלפנדיק פוצן די מאַשין מיט דעם פלאַנעלענעם שמאַטקעלע. די אומ־זעבאַרע מחיצה, וועלכע האָט זיי פריער פאַנאַנדערגעטיילט, איז פאַר־שוווּנדן.

אַריינקומענדיק אין דער פאַבריק-האַלע זיינען די מאַשינען נאָך גע־שטאַנען. אָבער אַלע אַרבעטער זיינען שוין געווען אויפן אָרט, אָנגעטוע־נע אין די פאַרפּעצטע קאָמבינעזאָנען. שליאַמעק פינק האָט נאָך נישט געהאַט קיין קאָמבינעזאָן. ער האָט זיך איבערגעטאָן אין די שטייפע גראַנאַטענע הויזן און טונקל-בלויען העמד, וואָס ער האָט באַקומען פון יידישן קאָמיטעט. צוקומענדיק, אָן איבערגעטוענער, צו קראַווטשיקן, האָט יענער געהאַלטן אין מיטן פוצן די מעסערס, וואָס דאַרפן ווערן אַראָפּגע־זעצט אויפן שפינדל-שטאָק. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ פריינד־לעכן שמייכל-געטאָן און נישט איבעררייסנדיק די אַרבעט, געזאָגט:

— שרויף-אויף דעם פאָדערשטן טייל פונעם רעוואָלווער-קאָפּ און גיס אַריין דעם לויטערן אייל אין די לאַגערן... אָט דאָ שטייט ער. נעם דיר גוט אין זיכרון אַריין יעדעס שרייפל.

שליאַמעק האָט געשפּירט, אַז קראַווטשיק אָבסערווירט אים פונדער־זייט. פאַר דעם האָט ער נישט קיין מורא. בעת ער האָט אין לאָדזשער געטאָ געאַרבעט אַלס שלאָסער-געהילף, האָט ער זיך אויסגעלערנט האַלטן אַ שרויפן-שליסל אין דער האַנט. די דאָזיקע אַרבעט גייט ביי אים שנעל. אין עטלעכע מינוט אַרום איז ער פאַרטיק. קראַווטשיק נעמט ביי אים דעם שרויפן-שליסל, פּרוּווט אויס צי די שרויפן זיינען פעסט פאַרדרייט און זאָגט:

— דו וועסט זיין אַ גוטער טאָקער. כ'זע שוין. היינט וועסטו אויך אַ גאַנצן טאָג אויפמערקזאַם זיך צוקוקן.

די פרייד, וואָס האָט אָנגעהויבן ריזלען אין שליאַמעקן, איז אָבער אין עטלעכע מינוט אַרום אַנטרונען. קראַווטשיקס פּנים איז פּונקט ווי נעכטן ווידער געוואָרן קאָנצענטרירט. צווישן די ברעמען האָבן זיך אים געמאַכט צוויי טיפע און גלייכע קנייטשן, וועלכע זיינען שוין נישט אַראָפּגעגאַנגען פון שטערן ביז צום איבעררייס.

דאָך איז עס שליאַמעקן פיל לייכטער אָנגעקומען דאָס צוקוקן זיך. פון שעה צו שעה האָט ער אַלץ מער זיך געפילט אַריינגעצויגן אין דעם ריטם פון דער פאַבריק־האַלע. דער גערויש פון די אָן אַ שיעור מאָטאָרן און מאַשינען האָט אויף אים שוין נישט געווירקט אַזוי באַטויבנדיק. ער האָט שוין איצט מער פאַרשטאַנען קראַווטשיקס באַוועגונגען. פון צייט צו צייט האָט ער געוואָרפן אַ בליק צו די דערנעבנדיקע טאָקער־מאַשינען. זיי זענען געווען קלענערע, קורצערע. אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, ווייל מען האָט געדאַרפט עפּעס פאַריכטן, האָט שליאַמעק אַריינגעשטעקט דעם קאָפּ צווישן די פאַנאַנדערגעשרויפטע טיילן. קיינער האָט אים נישט געשטערט. פאַרקערט, יעדער האָט אים גערן געענטפערט אויף זיינע נייגעריקע פראַגן.

נאָכן איבעררייס איז פון פּלאַניר־ביוראָ אַריינגעקומען אַ בלאָנד מיידל, יאַדושי האָט מען זי גערופן. זי האָט געהאַט גרויסע, לאַכנדיקע, העל־גרינע אויגן. אַ שווייגנדיקע האָט זי צוגענומען דאָס בייגעלע פּאַפּיר, אין וועלכן קראַווטשיק האָט די גאַנצע צייט אַריינגעשריבן די צייט, וויפל עס דויערט דאָס אויסאַרבעטן יעדע טייל באַזונדער און, אויסדריי־ענדיק זיך אויף אירע הויך־קלעצלדיקע שיך, האָט זי בגנבה צוגעוואָרפן דעם שווייגנדיקן קראַווטשיקן אַ שמייכל.

יאַדושי איז באַלד צוריקגעקומען און געזאָגט קראַווטשיקן, אַז אַלץ שטימט. ביי קראַווטשיקן האָבן די קנייטשן צווישן די ברעמען נאָכגעלאָזט. דאַקעגן זיינען זיינע באַוועגונגען ביי דער מאַשין געוואָרן שנעלערע, אימפּעטפולערע.

אין אַ געוויסן מאָמענט איז קראַווטשיק אַרויסגעגאַנגען און איבער־געלאָזט שליאַמעקן אַליין, צווייזנדיק אים ווי אַזוי ער זאָל האַלטן די מעטאַלענע מאָסע צווישן די רעדער־פּליטן.

דאָס האָט געדויערט אפשר פינף מינוט, און אפשר מער. שליאַמעק איז געשטאַנען מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ און געקוקט ווי דער אויבערשטער טייל פון דער קופּערנער מאָסע נעמט אָן אַ לענגלעכע פאָרם. מיטאַמאָל

האָט עס אין דעם רעדער־קעסטל גענומען שרייאיק גרילצן. שליאָמעק האָט נישט באַוויזן אָפּצושטעלן די מאַשין און עפּעס האָט מיט אַ קרעכץ געפּלאַצט.

שליאָמעק האָט שפּעטער נישט געדענקט, צי ער האָט דאָס אָפּגע־שטעלט די מאַשין, צי דער פון דער דערנעבנדיקער קליינער טאָקער־מאַשין, וועלכער האָט גלייך אַרויסגענומען די קופּערנע מאַסע פון צווישן די רעדער־פליטן, באַטראַכט דעם דינעם וועדקציג־טרעגער און געזאָגט: אַהאַ!

דערווייל איז קראַוטשיק אָנגעקומען. מיט איין קוק האָט ער גלייך באַנומען, וואָס דאָ איז געשען. ער האָט געזען שליאָמעקס פאַרלוירנקייט. שמייכלענדיק האָט ער אים אַ קלאַפּ־געטאָן איבערן אַקסל:

— נעם זיך נישט איבער, ס'טרעפט...

קראַוטשיקס גוטסקייט האָט אים נאָך מער פאַרקלעמט. אין האַלדז איז אים געשטאַנען אַ קנויל. ער האָט איצט געוואָלט, אַז קראַוטשיק זאָל אויף אים שרייען, שרייען...

אָבער קראַוטשיק האָט אויף אים נישט געשריגן. ער האָט זיך באַמיט אים געבן צו פאַרשטיין, פאַרוואָס דאָס איז געשען. ער האָט געזאָגט, אַז ביי אַזאַ פאַל איז די בעסטע געלעגנהייט זיך אויסצולערנען אומגיין מיט די רעדער־פליטן און אָפּפילן אין די הענט די קראַפט פון דעם דרייבאַנק־ראָד.

דער שווייגנדיקער קראַוטשיק איז די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט איבערגעשרויפט דעם אויבערשטן געלעגער פון דער מאַשין, געווען זייער באַרעדעוודיק. אָבער גלייך ווי ער האָט נאָר געלאָזט די מאַשין אין גאַנג, איז ער ווידער שטיל און איינגעשלאָסן געוואָרן. ווידער האָבן פאַר שליאָמעקס אָנגעשטרענגטן בליק געשווינדלט קראַוטשיקס ברייטע פאַרפּעצטע הענט, וועלכע ער האָט קוים באַוויזן, נאָכצולויפן און פאַר־שטיין זייערע באַוועגונגען.

שליאָמעקן האָט ווידער באַהערשט די פריערדיקע פאַרקלעמטקייט, וואָס האָט אַזוי אָנגעהאַלטן, ביז דער סיגנאַל האָט נישט צוויסן גע־געבן, אַז די שיכט איז פאַרענדיקט.

אַ דערשלאָגענער האָט ער זיך שווער געשלעפּט צו דער פאַבריק־באָד. אינעווייניק איז אַלץ געווען איינגעוויקלט אין געדיכטער פאַרע. דאָך האָבן זיך די טונקל־ברוינע קערפּערס שאַרף אָפּגעשלאָגן אויף די גלאַנציק־ווייסע קאַפליעס. שליאָמעק האָט דערקענט קראַוטשיקן. אַ הוי־

כער, אַ מוסקולירטער, איז ער געשטאַנען אונטער דעם וואַרעמען שפּריץ און עפּעס פּרייל֞עכס דערציילט דער חברה, וואָס איז נעבן אים געשטאַ־נען, אָדער אין די וואַננעס זיך געבאָדן און אַלע ווייל֞ע אַרויסגעשפּריצט מיט אַ געזונטן געל֞עכטער. מיט זיין אַריינקומען, האָט זיך אים אויס־געוויזן, איז דאָס געשפּרעך איבערגעריסן געוואָרן. ער איז זיכער געווען, אַז דאָס האָט זיי קראַוטשיק דערציילט און געחוזקט פון זיין של֞ימזל־דיקן פּאָרפאַל ביי דער מאַשין. עס האָט אים גל֞ייך גענומען שווינדל֞ען פאַר די אויגן, נאָר צום אומפאַלן. ער האָט זיך האַסטיק אויסגעדרייט און איז אַרויסגעל֞אָפן.

ב]

די חברים גראָס און מילשטיין, וועלכע האָבן צוזאַמען מיט פינקן פאַרנומען אַ צימער אין דער בורסע, זיינען ביים קומען אין אָוונט אַהיים געבליבן שטיין פאַרוווּנדערטע: שליאַמעק איז שוין געלעגן אין בעט אַן אויסגעטועטער.

— זע נאָר, ער שלאָפט דאָך שוין — האָט מילשטיין געוואָלט צו־לויפן צום בעט און אַ שלעפּ טאָן די ווייס־איבערגעצויגענע קאָלדרע.

— ששש — פאַרהאַלט אים גראָס, אַ הויכער בחור אין אַ ווייס העמדל מיט אַ ברייטן איבערגעלייגטן קאָלנער — אפשר איז ער קראַנק. וועק אים נישט אויף.

זיי האָבן זיך שטילערהייט צוריק אַרויסגעשאַרט און אַוועק אין קלוב.

ווען זיי זיינען צוריקגעקומען איז שליאַמעק פינק נאָך אַלץ געשלאָפן אַן אויסגעדרייטער צו דער וואַנט. דאָס לעמפּל אויפן נאַכט־טישל האָט געברענט. די שיין איז געפאַלן אויף שליאַמעקס ווייס פּנים. די ליפן האָבן אויסגעזען ווי בלויע. די קנייטשן אַרום די מויל ווינקלען זיינען געווען אויסגעקרומט, ווי עס וואָלט אים עפּעס גאָר שטאַרק ווי געטאָן.

ווייזט אויס, ער האָט דערפילט אויף זיך זייערע ביידנס בליקן, און אפשר איז עס געווען צוליבן ביכל, וואָס גראָס האָט אומפאָרזיכטיק פאַרטשעפּעט אויפן נאַכט־טישל און עס איז אַראָפּגעפאַלן מיט אַ קלאַפּ. שליאַמעק האָט זיך ראַפּטום אויפגעכאַפּט פון געלעגער און דערשראָקן געפרעגט:

— האַ? וואָס?

שליאַמעק איז באַלד צוריקגעפאַלן אויפן געלעגער און געקוקט אויף זיי מיט וואַך-געוואָרענע אויגן. זיי האָבן געזען ווי די ליפן ציטערן אים. אין זיין בליק איז געווען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט געלעכערט דאָס האַרץ. גראָס האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי שליאַמעקן אויפן ראַנד פון בעט און געטאַפּט אים דעם שטערן.

— דוכט זיך מיר, דו האָסט היץ.

פון זיין קול און בליק איז אויפגעגאַנגען אַזויפיל נאָענטקייט און געטרייקייט, אַז ביי שליאַמעקן האָט זיך די צונג אויפגעבונדן און ער האָט פאַר זיי גענומען דערציילן דעם גאַנצן פאַרלויף פונעם הייגטיקן אַר-בעט-טאָג.

ווען ער האָט פאַרענדיקט איז אַ ווײַלע געווען שטיל. אַ גרויסע, אַן אומגעריכטע פראַגע האָט שטום אַרויסגעגלאָצט פון ביידנס ברייט-צע-עפנטע אויגן.

— צי ביסטו דען זיכער, אַז דאָס האָבן זיי פון דיר געלאַכט?

גראָס האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים, אונטערגעהאַלטן אים דעם קאָפּ און געזאָגט:

— דו טרייבסט איבער, שליאַמעק. ביי מיר אין קאָאָפּעראַטיוו איז די ערשטע צייט אויך אַזוי געווען. יעדער אָנהייב זעט אַזוי אויס. כ׳בין זיכער, אַז קיינער האָט פון דיר נישט געלאַכט. דיר האָט זיך אויס-געוויזן. ביסט צופיל דערשלאָגן.

ווען ביידע זיינען שוין געשלאָפן איז שליאַמעק נאָך אַלץ געלעגן מיט שטאַרע אויגן צום סופיט. ער האָט איצט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דעם מאָמענט פון זיין אַריינקומען אין באָד. ער האָט איצט באַדייטנדיק קלאָרער געזען די פריילעך-לאַכנדיקע פּנימער פון קראַווטשיקן, פון די אַנדערע אַרבעטער, וועמענס מאַשינען שטייען בשכנות. ער האָט זיך איצט דערמאָנט זייערע גוטע בליקן צו אים בשעת דער אַרבעט. פאַרוואָס איז אים פּלוצים איינגעפאַלן, אַז דאָס האָבן זיי פון אים געלאַכט? נעכטן בעתן באָדן זיך האָבן אַלע פּונקט אַזוי געלאַכט פון אַ וויץ, וואָס דער מייסטער האָט דערציילט.

שליאַמעק האָט ווידער באַקומען די זיכערקייט, אַז זיי האָבן אים אפילו נישט אין זינען געהאַט. גראָס איז גערעכט. ביים לערנען זיך מאַכן אַלע פעלערן.

שליאַמעק האָט אויסגעלאָשן דאָס עלעקטרישע לעמפּל. דער בלייַ פון מוח איז אויסגערונען. ווען די ווייסקייט פונעם יונגן טאָג האָט

אָנגעהויבן פרייליך אַריינבלענדן אינעם צימער האָט זיך שליאַמעק אויך אויפגעוועקט. מילשטיין האָט זיך שוין געהאַלטן אינמיטן אָנטאָן.

— האָסט אונדז נעכטן אַ היפש ביסל שרעק אָנגעמאַכט.

שליאַמעק האָט זיך אָנגעטאָן שווייגענדיק און אויף אים נישט געקוקט. ער האָט אָבער געשפּירט אויף זיך מילשטיינס חברישן בליק.

ג]

איינמאָל נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט, שוין אין דער טיר, האָט אים יאַדזשיצע, אַ באַרעדעוודיקע, אַ לעבעדיקע אָפּגעשטעלט און געזאָגט:

— איר, פינק, וועט זיך דאַרפן פאַרשרייבן אויפן טעכנאָלאָגישן קורס. איר וועט עטוואָס שפּעטער אַרויפקומען צו אונדז אין ביוראָ.

זי האָט אַ בליק געטאָן מיט אירע העל-גרינע אויגן און איז נישט געוואָרן, נאָך איידער שליאַמעק האָט רעכט באַנומען, וואָס אַזעלכעס זי וויל פון אים.

ווען שליאַמעק איז אַרויפגעקומען אין ביוראָ זיינען שוין דאָרט געווען עטלעכע אַרבעטער פון אַנדערע אָפּטיילונגען. הינטער דעם ביוראָ-טיש, רעכטס פון פענצטער, איז געזעסן יאַדזשיצע און אויפגענומען די פּערסאָנאַליען פון די אַרבעטער. מיט שליאַמעקס אַריינקומען האָט זי אויף אַ ווײַלע אויפגעהויבן דעם קאָפּ, צוריק פאַרטיפט זיך אין די פּאַפּירן און אַזוי גלייכגילטיק געזאָגט:

— זעצט זיך, פינק. איר וועט צוּוואַרטן אויף אייער ריי.

שליאַמעקן האָט אַ שטאָך געטאָן אַ דינער פאַרדרוס. ס׳וואָלט געפּאַסט, ער האָט זיך געבעטן אויף דעם קורס. ווען עס ווענדט זיך אין אים, הויבט ער זיך אויף און גייט אַוועק.

אָבער אָנשטאָט אַוועקגיין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף דעם העל-פּאָלירטן בענקל, באַלד ביי דער טיר און געוואָרט.

ביי די ערשטע צוויי אַרבעטער, יונגטלעכע, איז עס געגאַנגען שנעל, ביים דריטן האָט עס געדויערט לענגער. שליאַמעק האָט זיך שוין אָנגעהויבן דענערווירן. ער איז שוין גרייט געווען צוצוגיין צו איר און איבערפרעגן, אפשר איז צייט צו קומען מאָרגן.

אינמיטן זיין כעסן זיך האָט יאַדזשיע אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אַ רוף־געטאָן:

— שליאַמעק פינק!

שליאַמעק, וועלכער איז געווינט געווען זי צו זען אַראָפּקומען אין זאַל שטענדיק אַ לאַכנדיקע, האָט זיך איצט געוואונדערט איבער איר ערנסטן אָרט רעדן און שטעלן די פראַגן. אָבער מאָדנע, נאָכדעם ווי זי האָט פאַרשריבן די רובריק, ווו עס רעדט זיך וועגן דער אָקופּאַציע־צייט, טויט־לאַגערן, אָשוויענטשים און שטוטהאָף, איז דער פריינדלעכער שמייכל אויף איר לויטער פּנים געוואָרן אַלץ אָפענער און ברייטער, ביים אַוועקגיין האָט זי אים דערלאַנגט די האַנט, זי געלאָזט לענגער האַלטן אין זיינער און איר בליק איז דערביי געווען אַזאַ צערטלעכער, אַזאַ וואַרעם־גלעטנדיקער.

שליאַמעקן איז פון דעם אַלעם געבליבן אַ וואַרעמער רויש. באַלד אויף צומאָרגנס איז ער געגאַנגען אויף דעם טעכנישן קורס. עס זיינען געווען דאָרט אַ סך יונגע און אויך עלטערע אַרבעטער. שוין די ערשטע לעקציע האָט אים אויסגעוויזן צו זיין זייער אינטערעסאַנט. קודם־כל איז אים קלאָר געוואָרן, אַז דאָ וועט ער האָבן די מעגלעכקייט צו זען די טאָקאַרקע אינגאַנצן אַ צעגומענע, יעדעס טיילעכל באַזונדער. עס איז געווען אינטערעסאַנט דאָס רעדן פון אינזשיניער וועגן די אַלע זאַכן, וואָס שפּילן אַ וויכטיקע ראָל ביים אויפשטעלן די מאַשין און איינשטעלן איר געשווינדקייט. ער האָט גערעדט מיט אַ האַרטער מעטאַלענער שטים, וואָס האָט זיך באַמיט צו זיין וואַרעם צו די צעוואָקסענע ברייט־פּלייציקע תּלמידים זיינע — טייל פון זיי עלטערע פון לעקטאָר אַליין.

איינער אַזאַ עלטערער שילער איז שוין געווען אַפילו איבער די פופציקער. מיכאַלסקי דער ערשטער האָט מען אים גערופן, כּדי אונטער־צושיידן אים פון דעם צווייטן מיכאַלסקי. אויך שוין באַלד ביי די פופציק. ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט דעם געדאַנק אויסצונוצן די אַלטע טיילן, וואָס האָבן זיך געוואַלגערט אויפן הויף, ביים רעמאָנטירן די געוועקצייגער. לויט זיין פּראָיעקט האָט מען אויף אַ סך טיילן גע־דאַרפט אַרויפגיסן אַ נייעם שיכט מעטאַל און באַנוצן ווי נאָרמאַלע באַ־שטאַנד־טיילן פון דער מאַשין.

די קוואַליפיקאַציע־קאָמיסיע האָט זיך מיט דעם ערנסט פאַרנומען. עס האָט אויסגעזען צו זיין אַ וויכטיקע זאַך. ביים באַהאַנדלען עס אויף די זיצונגען, האָט אים דער אינזשיניער שטענדיק געמוזט אַרויסהעלפן

קלאָרער צו מאַכן דעם געדאַנק. מיכאַלסקי האָט נישט געקאָנט צייכענען און האָט באַשלאָסן, אַז מען דאַרף זיך לערנען.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט אויסנוצן די געלעגנהייט? — האָט ער גערעדט צו שליאַמעקן, מיט וועלכן ער איז געזעסן אויף איין באַנק - אַז כ׳קאָן ווערן אַ מענטש. אַלע מיינע יאָרן בין איך דאָך נאָר געווען אַ מאַשין צו מאַכן געלט, פאַר זיי, פאַר די פאַבריקאַנטן. אוי, ברודערקע, אַ מיאוסע וועלט געווען.

ער איז געווען דאַר, דער מיכאַלסקי, האָט געהאַט אַן איינגעפאַלענעם ברוסט-קאַסטן, בלויז די אויגן האָבן ביי אים יוגנטלעך געגלאַנצט. ער פלעגט קומען אויף די קורסן פינקטלעך, אָפט גלייך פון דער שיכט. אָבער שליאַמעק האָט אויף אים קיינמאָל נישט דערקענט קיין מידקייט. ער איז, גלייך ווי אַלע, געווען מונטער, געשטעלט פראַגן און זיך פאַרצייכנט אינעם העפט די ענטפערס פונעם אינזשיניער.

און דער אינזשיניער איז קיינמאָל נישט מיד געוואָרן צו ענטפערן אויף די פראַגן. שליאַמעקן האָט זיך אַפילו אויסגעוויזן, אַז וואָס מער עס שיטן זיך פראַגן, אַלץ צופרידענער איז דער אינזשיניער מיט די מידע, נאָר אומרויקע אויגן. אַלע האָבן געוווּסט, אַז נאָך די לעקציעס זיצט ער נאָך אָפּ האַלבע נעכט איבערן אויסבעסערן אַ נייעם אַפּאַראַט, זיינס אַ דערפינדונג.

שליאַמעק האָט געפילט די אייגענע צוגעוואַקסנקייט צו דער מאַשין, וואָס איז מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ גרעסער און שטאַרקער. ער האָט שוין איצט אַליין געשליפט און איינגעשטעלט די מעסערס. קראַווטשיק פלעגט אים שוין לאָזן גאַנצע שעהן אַליין באַדינען די מאַשין.

— די האַנט איז ביי אים אַ גרינגע — האָט שליאַמעק אַמאָל אויפגעכאַפּט, ווי עס רעדן צווישן זיך קראַווטשיק און דער מייסטער פון דער אָפּטיילונג — ער האָט אַן אויג פאַרן מאַסשטאַב פון יעדן קאָרפּוס און איז גענוג דרייסט.

דער מעטאַל, וואָס שליאַמעק האָט איצט געטאָקט, איז געווען, ווייזט אויס, אַ נישט איינהייטלעכער. די מעסערס האָבן ערטערווייז שווערלעך גענומען. ער האָט אַלע ווײַלע געקוקט אויפן זייגער. ענדלעך האָט ער דרייסט אָפּגעשטעלט די מאַשין.

— וואָס גייסטו טאָן? — האָט זיך צו אים געוואָנדן דער מייסטער, וואָס האָט אים פונדערווייטנס אָבסערווירט.

– מען מוז קאָנטראָלירן די שניט-לייסטונג. עס לאָזט זיך מיר נישט גלויבן, דאָס מעסער זאָל שוין זיין טעמפּ. ערשט אינדערפרי גע-שליפט.

דער מייסטער מיט קראָווטשיקן האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף דעם קאַסטן מיט די קאָלירטע שטיקער מעטאַל, וואָס איז געשטאַנען נעבן דער מאַשין, און זיך צוגעקוקט צו די פלינקע באַוועגונגען, מיט וועלכע שליאַמעק האָט אויפגעשרויפט די אויבערשטע שפּאַנונג-טיילן. ער האָט שנעל אויסגעפּרווט און פאַרפעסטיקט די שליסל-לייסטלעך און צוריק פאַרשרויפט.

– מייסטער – האָט זיך שליאַמעק אויסגעדרייט מיטן פּנים צו ביידן – צי וואָלט נישט מעגלעך געווען אָנשטאָט די שרויפן אַריינפּאַסן שפּינדל-קלאַמערן, וואָס זאָלן זיך אויטאָמאַטיש עפענען און פאַרמאַכן בעתן אַרויסנעמען די מעסערס?

ביידע, דער מייסטער און קראָווטשיק זיינען אַ מינוט געבליבן שטיין מיט צעשמייכלטער פאַרטראַכטקייט. קראָווטשיק האָט זיך דער ערשטער אָנגערופן:

– עס גלוסט זיך דיר צעברעכן נאָך אַ פּאָר מעסערס? האַ?

גלייכצייטיק האָבן זיך ביי אים צווישן די ברעמען ווידער געמאַכט די צוויי טיפע און גלייכע קנייטשן. ער איז צוגעגאַנגען צו דער מאַשין און גענומען זיך פּאָרען ביי די שרויפן. אַ פאַרטועטער האָט ער ווי נישט געהערט שליאַמעקס רייד:

– מיר וואָלטן יעדן טאָג זיך איינגעשפּאָרט אַ האַלבע שעה צייט. אונדזער בריגאַדע וואָלט זיכער געווונען דעם פאַרמעסט.

– מען וועט דאַרפן פּרווון אַ גראַבל-טאָן – האָט קראָווטשיק געזאָגט.

אין דער מינוט איז פאַרבייגעגאַנגען יאַדזשיע. אין האַנט האָט זי געהאַלטן דעם לאָגאַריטמישן רעכן-שטאַב, מיט וועלכן זי האָט, אָן אַראָפּ-געבויגענע, געמאָסטן די צייכענונג. שליאַמעק האָט די צייכענונג גע-האָט אָוועקגעלייגט אויף דעם ווינקל ביי די אונטערשטע טריבן. איצט איז ער אַ מינוט געשטאַנען פאַרלוירן און געקוקט אויף יאַדזשיעס געבויגענער ליניע פון ווייס און ברעמען. דער מייסטער האָט עס באַמערקט און אַ שמייכלענדיקער זיך דערווייטערט.

פינק האָט מאָמענטאַל זיך געכאַפּט, אויפגעהערט צו קוקן אויף יאַדזשיען און שנעל געלאָזט די מאַשין און גאַנג.

ד]

אַהיימגייענדיק אייננמאָל פון קורס האָט שליאַמעק געטראָפן אין גאַס יאַדזשיען. זי האָט אים גלייך באַמערקט און אַ שמייכלענדיקע זיך אויסגעגלייכט מיט אים:

— כ׳גיי אין ביבליאָטעק טוישן דאָס ביכל. איר וועט מיך באַגלייטן?

די ביבליאָטעק איז געווען אין קעגנאיבערדיקן הויז, דאָרט ווו עס האָט זיך געפונען דער פאַבריק־קלוב. אַריינקומענדיק אינעווייניק האָט שליאַמעק געזען עטלעכע אַרבעטער פון די, וואָס לערנען זיך מיט אים צוזאַמען אויף דעם קורס. אים האָט עס געוווּנדערט, ווי עס סטייעט זיי צייט אויף אַלעם. ביים טישל מיט די קאַטאַלאָגן, אָנגעוואָרפענע איינער אויפן צווייטן, איז געזעסן מיכאַלסקי, צוזאַמען מיט עטלעכע יוגנטלעכע, פאַרנומען אין אַן ערנסטן שמועס. מיכאַלסקי פלעגט לעצטנס גיין אויף אַלע אָוונטן, וואָס די זעטעמפּאָווצעס האָבן איינגעאָרדנט.

אין שליאַמעקן האָט נאָך געדויערט די צעטומלונג מיט יאַדזשיעס דרייסטן צוקומען צו אים, אָט אַזוי איינפאַך, אַ שטייגער ווי ער וואָלט געווען אַ זייער נאָענטער מענטש. הינטערן אָרעם האָט ער נאָך געפילט דעם סאַמעטענעם באַריר פון איר דין הענטל. זי האָט אים אַוועקגעזעצט נעבן טישל מיט די קאַטאַלאָגן, ווי מען זעצט אַוועק אַ געהאָרכזאַם ייִנגל און אַליין איז זי צוגעגאַנגען צו דער ביבליאָטעקאַרין.

מיכאַלסקי האָט זיך מיט אים וואַרעם באַגריסט און ווייטער גערעדט מיט די יוגנטלעכע וועגן אַ בוך, וואָס שליאַמעק האָט עס נישט געלייענט. ער האָט גאָר אַליין נישט באַמערקט ווי טיף אַריינגעטאָן ער

איז געוואָרן אין די קאַטאַלאָגן. פאַרצייכענענדיק זיך עטלעכע נומערן איז ער צוגעגאַנגען צו דער ביבליאָטעקאַרין.

— איר האָט גליק — האָט זי אים אַנטקעגנגעטראָגן פאַלעוואָיס „דערציילונג וועגן אַן אמתן מענטש״ — ערשט היינט האָט עס אַ לייענער אָפּגעגעבן. אַ סך וואַרטן דערויף שוין אַ לענגערע צייט.

יאַדזשיע איז אויך געווען צופרידן:

— אַ גוט בוך. אַ פּראַקטיקער העלד דער סאָוויעטישער אָפיציר.

אין גאַס האָט זי אים ווידער גוטמוטיק, אַזוי האַרציק-לאַכנדיק גענומען אונטערן אָרעם:

— פון מאָרגן אָן וועסטו שוין זעלבסטשטענדיק אַרבעטן ביי דער מאַשין. יאָ, דער מייסטער לאַטאָגאָרסקי האָט היינט ביי אונדז געזאָגט... ער האָט דיך געלויבט.

שליאַמעק האָט מיט אַלע כוחות צוריקגעהאַלטן דעם ציטער, וואָס איז דורך איבער זיין גאַנצן קערפּער. יאַדזשיע האָט עס דאָך דערפילט. זי האָט אַ בליק געטאָן אויף אים ווייך, צאַרט. שליאַמעק האָט איצט געזוכט עפּעס אַ דאַנק-וואָרט און ער האָט מיטאַמאָל גענומען דערציילן וועגן דעם פּלאַן מיט די אויטאָמאַטישע קלאַמערן ביי די מעסערס. דאָס וועט האָבן אַ גרויסע באַדייטונג אויך פאַר די קלענערע מאַשינען. ספּע-ציעל ביים עקספּערימענטירן.

זיי זענען איצט געגאַנגען איבער דער בריק, וואָס פירט צו דער סטאַלין-גאַס. עס איז געווען אַ וואַרעמער פאַרנאַכט, אַ יונגער, אַ בלויער. די באַוועגונג איז דאָ געווען אַ לעבעדיקע. מען האָט שפּאַצירט פּאָרלעכ-ווייז, מיט קינדער-וועגעלעך. פון דעם וואַסער-פּאַל, פון דער צווייטער זייט בריק, זיינען אַהער דערגאַנגען איינטאָניקע און דאָך פאַרשידענע גערוישן.

— ווייסט, פינק — האָט יאַדזשיאַ נאָך אַ קורץ שטילשווייגן אָנגע-הויבן — דו דאַרפסט דעם געדאַנק נישט אָפּלאָזן. דאָס איז, ווייזט אויס, זייער אַ וויכטיקע זאַך. ס'איז אַן אויפטו, אַ ראַציאָנאַליזאַטאָרישער איינפאַל...

אַרום האָט געהערשט אַזאַ וווּנדערלעכער גערויש פון די פאַרביי-לויפנדיקע אויטאָס, טראַמווייען, פון די שטיל-שפּאַצירנדיקע פּאָרלעך.

שליאַמעק האָט געפילט דאָס גליק, וואָס האָט זיך צעשפּילט ביי אים אין האַרצן.

ייִנגלעך

א

אין דעם אָנגעשטאָפּטן פינצטערן וואַגאָן איז געשטאַנען אַ פּאַר פוילטער ריח, ווי פון אַ פאַרעדיקן מיסט־קאַסטן. די לופט איז געווען שטיקנדיק און אומבאַוועגלעך.

דעם גאַנצן טאָג האָט קיינער קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט. ווען ס׳איז געוואָרן פינצטער זיינען אויך די קרעכצן געוואָרן שטילער, שוואַכער.

אין סאַמע ווינקל איז געווען צונויפגעקוועטשט דער עלפיאָריקער נחמן. ער איז געווען שטאַרק הונגעריק. אין מויל האָט געריסן אַ בי־טערע טרוקנקייט. זיין קאָפּ איז וואָס אַמאָל מער געזונקען אין דער היי־סער ענגשאַפט, ווי איינגעקלעמט.

די רעדער קלאַפּן, שפּרינגען, יאָגן זיך. נחמן הערט פון דער לינ־קער זייט אַ שווער רוגזהדיק סאָפּען. ער ווייסט, אַז דאָס רייסט אהרן סטאָליאַר די פּאָדלאָגע פון וואַגאָן. קוים ער הערט זיינע סאָפּענ־דיקע רייד:

— נישטאָ וואָס צו פאַרלירן, נחמן. מ׳פירט אונדז צום טויט... קיין טרעבלינקע.

ווען דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין פּאַוואָליע, האָט נחמן דערפילט אַז ס׳ווערט לויזער נעבן אים. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ און נאָך באַוויזן צו דערפילן אַ פּאָר הענט, וואָס קרעמפּן זיך אין די שטיקלעך אויפגעריסענע ברעטער פון דיל. באַלד זיינען זיי פאַרשוווּנדן און דורכן שוואַרצן לאָך האָט אַן אָטעם געטאָן מיט פרישער לופט.

נחמן האָט צוגעלייגט דעם קאָפּ, אַ מינוט דורשטיק אַריינגעאָטעמט אין זיך די קילקייט, נאָר באַלד דערפילט אַ שטויס:

– נו גיכער. באַלד וועט דאָך דער צוג נעמען לויפן...

אין קאָפּ איז נאָך אַלץ געווען טונקל, בלויז אין זיין קלײנעם דאָרן קערפּער האָט זיך עפּעס צעריזלט. אַרײנרוקנדיק זיך אין דער שוואַרצער עפענונג, האָט ער מיט כמעט פאַרשלאָסענע אויגן זיך אַראָפּגעלאָזט.

ווען נחמן האָט געעפענט די אויגן האָט ער דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין די קניען פון ביידע פיס. דער ווייטיק האָט פאַנאַנדערגעטראָגן אַ שאַרף נאָגעניש איבערן גאַנצן קערפּער און אויפגעוועקט אין אים דעם פאַרשטײנערטן זכרון.

דער צוג איז שוין געווען ווייט. אַרום איז געווען מוראדיק שטיל. דער הימל אַ פינצטערער, אָן איין שטערן. בלויז שווערע וואָלקנס זענען ערגעץ געלאָפן זייער נידעריק און דראָענדיק.

זיין אויג האָט פון ערגעץ ווייט דערכאַפּט צאַפּלענדיקע פייערלעך. ער האָט מיט גרויס אימפּעט גענומען קריכן אַהין, דער ווייטיק האָט זיך נאָך שטאַרקער צעברענט. יעדע פּאָר מעטער האָט ער זיך איבערגעדרייט אויף אַן אַנדערער זייט און מיט אַנגסט, עקשנות, זיך גערוקט אויף אַלע פיר אַהין, צו די ווינקענדיקע פייערלעך.

ווי אין שלאָף האָט נחמן פּלוצים דערזען אין דער געדיכטער פינצטערניש וויגן זיך די שיין פון אַ לעמפּל, וואָס האָט זיך כסדר דערנענטערט. ער האָט אַ ציטער געטאָן, דערפילט די שרעק, וואָס איז דורכגעלאָפן ביים האַרץ און גענומען פליסן איבער די פאַרחלשטע אברים. זיין בליק האָט פיבערדיק גענישטערט אין דער פינצטער און דערטאַפּט עפּעס געדעכטס, וואָס שוואַרצט זיך דאָרט. ער איז גלייך געקומען צו זיך און זיך געלאָזט צו יענעם אָרט.

צוקומענדיק נענטער האָט ער געזען אַ לאַנגע קייט פון פראַכטוואַגאָנען, וואָס זיינען געשטאַנען אויף זייטיקע רעלסן. מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך אַרויפגעדראַפּעט. די עפענונג פון וואַגאָן איז געווען אַ שמאָלע, ער האָט זיך קוים דורכגעקריגן און אַ פאַרסאַפּעטער געבליבן ליגן ביי דער עפענונג, אָן כוחות זיך אַ ריר צו טאָן פון אָרט.

פּלוצים האָט נחמן דערפילט, אַז עפּעס רירט זיך אינעם פינצטערן וואַגאָן. אים האָט פאַרפעלט אָטעם. זיינע אויגן האָבן געפּרווט דורכדרינגען די פינצטערניש. איינגעגראָבענע אין אַ קופּע שטרוי האָבן זיך

געריירט צוויי פיגורן איינגעוויקלטע אין שמאַטעס. נחמן האָט געזעצן, ווי איינער הייבט זיך אויף און רוקט זיך אויף אים.

יענער האָט מיטאַמאָל אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, וואָס האָט אויף אַ רגע באַלויכטן זיין קנאָכיק פּנים און ווייס-ברעמיקע חוצפּהדיקע אויגן. נחמן האָט צוריק פאַרמאַכט די אויגן און געהערט ווי יענער האָט אַ זאָג געטאָן:

— זע נאָר, סטאַשעק. דוכט זיך אַ ייד... נאָך גאָר אַ קליינינקער...

ביי נחמנען האָט זיך דאָס האַרץ אין אַנגסטן געוואָרפן. יענער האָט נאָך עפּעס געמורמלט, נאָר פּלוצים האָט זיך אָנגעטראָגן אַ לאַנגער צע-צויגענער פייף פון אַ לאָקאָמאָטיוו. באַלד האָט זיך דערנענטערט אַ שנעל און דראָענדיק סאָפּען, אַ געבראַזג פון צונויפגעשלאָסענע וואַגאָנען. יענער האָט שנעל פאַרוקט די טיר פון וואַגאָן און אין פאַרטייעטקייט זיך איינ-געהערט ווי דער צוג נעמט רירן פון אָרט, צומערשט לאַנגזאַם, וואָס אַמאָל שנעלער, שנעלער.

נחמן האָט מער דערפילט ווי דערהערט איבער זיך דעם שטילן פליסטער:

— ביסט אַנטלאָפן, האַ?

אין דער שטים איז געווען עפּעס אַזעלכעס, וואָס האָט אַ גלעט געגעבן נחמנס צעוווּנדיקטן קינדישן קערפּער. ער האָט טאַקע מיטאַמאָל זייער שאַרף דערפילט דעם שטאַרקן ווייטיק אין די קני. טרערן זיינען אים אָנגעלאָפן אין די אויגן, האָבן אַ ווילע אינעווייניק געריזלט און אַרויסגעשטראָמט. — — —

אַ היפּשע ווילע האָט נחמן אַפילו נישט געשפּירט, ווי די צוויי יינגלעך פאַרעצן זיך מיט אים און לייגן אים אַוועק אויף דעם שטרוי. זיינע גאַרנישט-טראַכטנדיקע געהירן זיינען פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ הייסער און גליאיקער. די אויגן האָבן געשטאָכן, געשפּאַרט אַרויס.

— מיר דוכט זיך, ער האָט היץ — האָט איינער פון זיי אַריינגע-רעדט אין דער פינצטערניש.

דער צוג האָט געיאָגט, געדונערט, געזופּט די מיילן מיט דורשטי-קייט, מיט כּעס.

— וואַסער... ס'ברענט מיך — האָט נחמנס קול זיך קוים דורכגע-קריגן די קעל.

דורך די שפּאַלטן פון וואַגאָן האָבן זיך געזען פאַרבײַלויפנדיקע פײַערלעך.

— כ׳מיין, אַז באַלד וועט זײַן אַ סטאַציע. כ׳וועל זיך אַראָפּכאַפּן אים ברענגען אַ ביסל וואַסער.

— ניין, איך וועל גיין. דיך, אַז די שוואַבן וועלן כאַפּן וועט זײַן ערגער. ביסט שוין איינמאָל געווען בײַ זיי.

ס׳האָט אַ גרילץ געטאָן אויף די רעלסן. די וואַגאָנען האָבן אַ קרעכץ געטאָן און זיך אָפּגעשטעלט.

סטאַשעק האָט מיטן אַקסל אָפּגערוקט אַביסל די טיר. אַרויסגעשטעקט דעם קאָפּ. מיט אויגן און אויערן אײַנגעזאַפּט יעדן שאָרך, יעדן ריר. עס האָבן זיך דערהערט טריט. ער האָט שנעל אַרײַנגעצויגן דעם קאָפּ און געבליבן ליגן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם.

די טריט האָבן זיך דערווײַטערט. אַ מינוט איז ער געלעגן, מיטאַמאָל זיך געגעבן אַ צי און פלינק, אָן אַ שאָרך, אַראָפּגעשפּרונגען פון וואַגאָן.

דער צווייטער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער טיר און זיך אײַנגעהערט אין דער שטילקייט.

— באַלד — האָט ער געטרייסט דעם קרעכצנדיקן נחמנען — סטאַשעק ברענגט שוין וואַסער.

די וואַגאָנען האָבן אָנגעהויבן קרעכצן און זיך רירן מיט אָפּגעהאַקטע גרילצן. אַן אומגעדולדיקייט האָט גענומען רייסן דעם מוח.

דער לאָקאָמאָטיוו האָט געטאָן אַ מוראדיקן פײַף. די וואַגאָנען האָבן זיך צעהוידעט.

יענער האָט זיך צוגעשאַרט צו דער קופּע שטרוי. נחמנען האָט זיך געדאַכט, אַז ער כליפּעט.

אויף דער צווייטער סטאַציע איז אַרײַנגעקומען סטאַשעק.

— אַ פינצטערניש. זיך טועה געווען, אַרײַן אין אַ צווייטן וואַגאָן.

נחמן האָט אַ כאַפּ געטאָן פון זײַן האַנט דאָס בלעכענע קעסטל פון קאָנסערוון, אָנגעפולט מיט וואַסער. מיט איין זופּ עס אויסגעטרונקען.

— ווילסט עפּעס עסן?

סטאַשעק האָט גערעדט ווייך — נאָר ווי עפּעס פון דער זײַט, נישט גלײַך צו אים — ער האָט אַרויסגענומען פון בוזעם עפּעס אַ וואַ-

רעם פעקל, אָפּגעריסן אַ שטיקל, דערלאַנגט נחמנען, אַ צווייט שטיקל — זיין חבר, וואָס האָט זיך אויפגעהויבן פון שטרוי.

— ס'איז רוי פלייש, סטאַשעק... גאַנץ געשמאַק. פונוואַנען האָסטו עס גענומען?

— אויף דער סטאַציע האָט זיך אַ קאַץ געפּאָרעט דערביי. כ'האָב זי אַוועקגעיאָגט.

נחמן, וועלכער האָט שוין מער ווי צוויי מעת-לעת גאָרנישט געהאַט אין מויל, האָט זיך איצט ווירקלעך דערפילט שטאַרקער. דער ווייטיק אין די קני האָט נישט אויפגעהערט, אָבער אין מוח איז איצט געווען העלער, קלאָרער.

— ווּהין פאָרסטו? — האָט ער געהערט סטאַשעקס קול, אויך אַזאַ קלאָרס און וואַרעמס.

נחמן האָט אַ מינוט געשוויגן און שפּעטער גענומען דערציילן אַלץ אַזוי ווי עס איז געווען פון דעם מאָמענט אָן, ווען מען האָט פאַרלאַדע-וועט אויפן אויטאָ און שפּעטער אין וואַגאָן קיין טרעבלינקע. דאַן וועגן דעם לאָך אין וואַגאָן. אָבער איצט ווייסט ער נישט ווו ער האָט צו גיין. אין געטאָ איז אַלצאיינס טויט.

— וועסט זיין מיט אונדז. מיר וועלן קיינעם נישט דערציילן, אַז דו ביסט אַ ייד — האָט סטאַשעק געזאָגט.

נחמן האָט נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, דערציילן זיי, אַז אהרן סטאָ-ליאַר איז געוויס געגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער, נאָר אין דעם מאָמענט האָט ער דערפילט ווי פון אונטערן האַרץ גייט אויף עפּעס אַ נייער, שטאַרקער ווייטיק, אַז עס צערייסט אים אינעווייניק. אים האָט פאַרפּעלט אָטעם. זיינע קרעכצן זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל שטאַרקער, שווערער.

— הממממ... כ'האָב מורא, אַז דאָס איז פון פלייש — האָט סטאַ-שעק אַ שפּריץ געטאָן דורך די ציין אַ ביסל שפּייעכץ איבערן דיל.

נחמן האָט קרעכצנדיק פאַרביסן די ליפּן ביז בלוט.

דער צוג האָט אָנגעהויבן גיין פּאַמעלעכער. ביידע חברים האָבן זיך אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט.

— מ'וועט דאַרפן דעם קליינעם מיטנעמען. דאָ וועט ער אַריינפאַלן צו די שוואָבעס.

ווען דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט איז סטאַשעק אַראָפּגעשפּרונגען דער ערשטער. נחמנען האָט ער גלייך גענומען אויפן אַקסל.

— גרינג ווי אַ פעדער.

ער האָט דערשפּירט נחמנס צעגליטן שטערן און אָוועקגעשפּאַנט אין די שטילע טיפן פון דער פינצטערניש.

זיי זיינען געגאַנגען איצט איינער הינטערן אַנדערן. מיט אָנגעשטרענגטע אויגן געזופּט די פינצטערניש. עס איז שוין געווען סוף נאַכט. די פינצטערניש, זייער אַ געדיכטע, האָט איינגעזאַפּט אין זיך דאָס גערויש פון זייערע טריט. ערגעץ ווייט האָבן הינט געוואָיעט, געבילט. דאָס האָט דערמאָנט רעשטלעך פון לעבן.

זיי זיינען צוגעקומען צום וואַלד און אַריין וואָס אַמאָל טיפער. די ביימער האָבן שטיל גערוישט. די וואַרעמע לופט איז געווען פייכטלעך, אָנגעזעטיקט מיטן ריח פון פרישע בלעטער.

נחמן האָט געוואָלט דערשטיקן אין זיך די קרעכצן, אָבער דער שנעל-אויפגעלאָפענער ווייטיק איז געוואָרן אַלץ רייסנדיקער און הייסער, צעשפּרייט זיך ווי אייזערנע צוואַנגען איבער אַלע אברים.

— דו קוועטשסט אים דעם בויך... זע, ער קראַפּירט דאָך. לאָז אים אַראָפּ. זאָל ער אַ ביסל אָפּעטעמען.

ס'קול איז געווען טונקל, גראָב, אָבער סטאַשעק האָט געפילט יענעמס פּיין, וואָס שרייט אים דורך דער הויט אַדורך.ביידע האָבן זיך גלייך אָפּגעשטעלט. דער צווייטער האָט אַראָפּגענומען פון זיך זיין אַרומגעפליקטע מאַרינאַרקע, אַוועקגעלייגט אויף דער פייכטער ערד און פאָרזיכטיק געהאָלפן נחמנען אַוועקלייגן.

ביי נחמנען זיינען די חושים פון מינוט צו מינוט אַלץ מער דורכגענומען געוואָרן מיט פינצטערניש. ער האָט איצט ווילד געקרעכצט און געיאָמערט אָן באַוווסטזיין. ער האָט מיטאַמאָל זיך אויפגעהויבן, גענומען פויזן אויף איין אָרט אַרום און אַרום, אומגעפאַלן, אַרויסלאָזנדיק פון זיך אַ משונהדיקן כאָרכלען, וואָס אַמאָל שטילער, שוואַכער.

פון דער פינצטערניש האָבן זיך דורך די צווייגן גענומען אויסוויקלען בלייכע שטרייפן פון שיטער ליכט, אויפגעדעקט נחמנס בלוטלאָז, אויסגעקרומט פנימל מיטן אָפענעם מויל, ווי צום לעצטן געשריי.

סטאַשעק איז געשטאַנען אַ באָרוועסער, אין איין העמד און הויזן — כמעט פון איין קאָליר, אָן אַ היטל. פון זיין אַנטבלויזטן קאָפּ האָט אַראָפּגעהאָנגען אַ בלאָנד בינטל נישט געקעמטע האָר. זיינע העלע אויגן האָבן איצט מיט אומעטיקער פאַרלוירנקייט געקוקט אויף נחמנס שוואַרצאַפּלען, וואָס זיינען אַריינגעפאַלן אונטערן שטערן און צוריק אַרויסגעשווומען בלאַסע, גרויסע. אַ טויטע שרעק האָט אַרויסגעקוקט פון

זיי. ער האָט קוים געאָטעמט. ווי נישט פון אים האָט זיך געריסן אַ פרעמד קינדיש קול:

— כ׳וויל... נישט — — שטאַרבן — — —

ווידער האָט אים דער אָנגעלאָפּענער ווייטיק פאַרטונקלט דעם באַוווסטזיין. די אויגן זיינען אַנטלאָפן אונטערן שטערן. אַ דינער כאַרכל האָט זיך געשטופּט דורכן האַלדז און אויסגעגאַנגען.

צווישן צווייגן האָט זיך אַ ווינטל צערעדט מיט אַן אומפאַרשטענדלעכער שפּראַך. ערגעץ פון דער טיף פון וואַלד האָט זיך פּלוצים דערהערט אַ שרעקלעך פאַרלוירן געשריי פון אַ סאָווע. סטאַשעק האָט אָנגענומען נחמנס אויסגעדאַרט הענטל, שנעל אָפּגעלאָזט. די האַנט איז געווען קאַלט און שווער.

ביי סטאַשעקן האָבן זיך די ציינער אין מויל פעסט און האַרט צוגעדריקט, זיינע געדאַנקען האָבן זיך צעבראָכן אין עפּעס אַן אומקלאָר, ווייך און קלעמענדיק געפיל. ער האָט מיט די שפּיץ-פינגער אָנגערירט נחמנס טויט פּנים, די נאַסע האָר, אויגן, באַקן...

דער צווייטער איז אַ קניענדיקער געבליבן שטיין מיט געפּרוירענע אויגן. ער האָט שטיל אַ שלינג געטאָן. דאָס מויל איז געבליבן עטוואָס געעפנט, ווי ער וואָלט נישט געקאָנט אַרויסרעדן עפּעס אַ שווערע, ביטערע פראַגע.

פריינד

אויפוועקנדיק זיך פונעם שטאַרקן אויפרייס האָט מנשה גלייך ווידער באַנומען די ווירקלעכקייט. די לאַגע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען שוין דעם דריטן טאָג, האָט אויסגעזען האָפענונגסלאָז.

פון דעם ליגן עטלעכע שעה אויף דער נאַסער ערד האָבן אים ווי געטאָן אַלע אברים. אַ פאַרטאָגיקע קרירה האָט זיך איינגעגעסן אין די ביינער. ער האָט אַריינגעשטעקט די שטייפלעכע הענט אין די אַרבל און פעסטער פאַרצויגן דעם אויסגעריבענעם שינעל.

— די זון שיינט אויף — האָט ער אויטאָמאַטיש אַ טראַכט געטאָן, קוקנדיק אויף דעם מרה-שחורהדיקן ליכט, וואָס האָט גענומען דורכרייסן דעם וואַלד. צו דער שטאָט-צו איז דער הימל נאָך געווען אינגאַנצן טונקל, בלייאיק. עס האָט געפּאַטשקעט אַ דריבנע רעגנדל.

שוין דעם דריטן מעת-לעת האַלט עס אַזוי אין איין רעגענען. מנשה איז אין יענער מינוט מקנא יענע צוויי פון זייער אויסשפּיר-גרופּע, וואָס זיינען געהרגעט געוואָרן באַלד ביים דורכקריכן די דראָטן, נישט געדאַרפט דורכמאַכן דאָס מוטשעניש און צום סוף אַריינפאַלן צו די דייטשן, וועלכע וועלן אַ ליאַדע מינוט אָנקומען.

— האָסט זיך אויסגעשלאָפן, מנשה? — האָט ער דערהערט נעבן זיך וולאַדעקס קול, אַ טרוקנס, וואָס האָט זיך אָפּגעריסן פון דער קעל מיט אַ הוסט.

ס'איז מאָדנע, אָבער אַ פאַקט איז, אַז וולאַדעק האָט אים שטענדיק אויסגעמיטן צו רופן ביים פאַרנאָמען, כאָטש אין דער קאָמפּאַניע פלעגט מען אים אַזוי רופן. וולאַדעק האָט געדינט אין מיליטער נאָך אין פאַר-מלחמהדיקן פוילן און ווייסט, אַז אַ פלוטאָנאָווי דאַרף זיך היטן פון צו שטאַרקער האַרציקייט צום זעלנער. דאָס איצטיקע רופן אים ביים פאַר-נאָמען האָט מנשהן אַ נאָג געטאָן מיט וואַרעמקייט. ער האָט אים גע-

וואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר אין דער מינוט האָט אַ צווייטער אויפרייס פאַרהילכט די לופט, באַלד זיך איבערגעחזרט, איינער נאָכן אַנדערן.

שווייגנדיק זיינען זיי איצט געלעגן איינער נאָענט פון אַנדערן. האַרט נעבן זיי האָט אַ שראַפּנעל אויפגעריסן מיט אַ געוואַלדיקן כּוח. מנשה האָט נאָך באַוויזן צו זען אין דער לופט צוויי קערפּערס, שמאַטעס און אַ וואָלקן־שטויב. וולאַדעקס פּנים איז געווען בלאַס:

— איצט זיינען מיר געבליבן דריי.

אַ ליגנדיקער האָט ער אויסגעדרייט דעם קאָפּ און מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן שטיל אַ רוף־געטאָן:

— נאָוואָראַצקי, דו לעבסט?

מיטאַמאָל האָט זיך פון דער רעכטער זייט וואַלד דערהערט אַ סער־יע פון אַ דייטשן פּולעמיאָט. ביידנס צעטומלטע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, מנשהס ליפּן זיינען געווען בלוי:

— זיי זיינען דאָ...

ביי מנשהן איז דער מוח איצט געווען אינגאַנצן הויל. ער האָט אַפילו נישט געפילט, ווי ער קריכט נאָך וולאַדעקן, וועלכער האָט זיך שנעל געשאַרט צום אָרט, ווו ער האָט איבערגעלאָזט נאָוואָראַצקין ביים פּולעמיאָט. אין דער זייט איז געלעגן מינטשוקס צעריסענער קערפּער. ער איז געווען אַ הויכער ברייטביייניקער יונג. איצט איז פון אים גע־בליבן אַ קופּע צעבלוטיקט פלייש, די גאַנצע רעכטע טייל קערפּער האָט געפעלט, בלויז דער קאָפּ איז געווען גאַנץ. דאָס ווייכע פּינפּשפּיציקע היטל מיטן טיף אַראָפּגערוקטן דאַשעק האָט זיך פעסט געהאַלטן אויפן קאָפּ.

אַ ווײַלע האָבן ביידע זיך פאַרהאַלטן, געבליבן ליגן אומבאַוועגלעך און טעמפּ געקוקט אויף מינטשוקס טויט פּנים. מנשהן האָט זיך געדוכט, אַז מינטשוק האָט קיינמאָל נישט געהאַט אַזעלכע גרויסע אָפּשטייענדיקע אויערן. ער איז געווען אַזאַ שיינער, אַ ברוינער. זיין הויכער קערפּער איז ווי באַשאַפן געווען פאַר אַ מונדיר. ערשט מיט עטלעכע שעה צוריק האָט ער אַ לאַכנדיקער ווילעריש געפרעגט:

— די לעצטע קויל איז בעסער צו שיסן אין קאָפּ, צי אין האַרץ?

מנשה וויל זיך דערמאָנען, וואָס ער האָט אים געענטפערט און קאָן נישט. אין די אויערן קלינגען אים מינטשוקס עקשנותדיקע רייד:

— אַ לעבעדיקן וועלן זיי מיך נישט נעמען.

און נישט אַזוי אָט די ווערטער זיינען געבליבן אין זיין זכרון, ווי דער טאָן, די זיכערקייט, מיט וועלכער ער האָט עס געזאָגט.

— טעמפּאָ, טעמפּאָ! — פליסטערט איצט וולאַדעק קול באַפעלע-ריש. אין דער גאַנצער לענג ליגט ער איצט אויסגעצויגן ביים „צעקאַעם". נאָך באַפעלערישער פון די רייד איז געווען דאָס ווילדע פייערל אין זיינע אויגן:

— מיר האָבן נאָך איין טאַשמע מיט צוויי־הונדערט קוילן. דו, נאַווראָצקי, גיב אַ זוך ביי מינטשוקן אין רוק־זאַק, אפשר וועסטו נאָך געפונען ביי אים אַביסל קוילן, און דו, גרינבערג — האָט וולאַדעק גערעדט צו מנשהן, נישט קוקנדיק אין זיין זייט — קוק זיך איין אַהין, אָט דאָ ביים שליאַך, די הינט זאָלן אונדז נישט אָנקומען פון דער זייט.

די לופט איז נאָך אַלץ געווען פרימאָרגנדיק־גרוי. מנשה האָט געקוקט אין דער פעלדישער ווייטקייט, ווו אַ נעפּל איז געקראָכן און זיך געוויקלט אַרום צעקרימטע, פאַרגעסענע ביימער און איז אַלע ווילדע דורכגעריסן געוואָרן דורך רויט־פייערדיקע צונגען. ער האָט געפילט, ווי אין זיינע אברים ציטערט אַ פריידיקע און ווייטיקדיקע אומרויקייט. די דירעקטע נאָענטקייט פון שונא האָט אין אים געוועקט די ענערגיע, וואָס האָט ביז איצט געגליווערט אונטער די מרה־שחורהדיקע געדאַנקען.

— מיר וועלן זיך נישט לאָזן נעמען קיין לעבעדיקע, אמת, וולאַ-דעק?

פון דעם וואַלדיקן בערגל זיינען די סעריעס געוואָרן וואָס אַמאָל געדיכטער. פון הינטערן נעפּל, ווו דער באַגינען האָט זיך אָפּגעריסן פון דער נאַכט, האָבן זיך גענומען אויסשיילן טונקעלע פונקטן, וואָס האָבן זיך קוים באַוועגט. וולאַדעק האָט אָנגעהויבן מאַניפּולירן ביים „צעקאַעם", צילנדיק אַהין מיט קורצע, אָפּגעהאַקטע סעריעס און גערעדט ווי צו זיך אַליין:

— נישט שיסן קיין סך, נאָר גוט.

איצט זיינען שוין דעם שונאס קוילן געפלויגן איבער זייערע קעפּ און געפאַלן גאָר נאָענט.

נאַווראָצקי האָט זיך צוריק געשאַרט, פון פּנים איז אים גערינען אַ שמוציקער שוויס. דער לינקער אַרבל איז ביי אים געווען פאַרפלעקט און קלעפּיק. ער האָט בלאָס געשמייכלט:

— געבראַכט אַ ביסל קוילן... נאָר געכאַפּט אַ גוטן שטאָך אין דער לינקער האַנט.

וואָדעק האָט נישט אויסדרייענדיק זיך געפרעגט:

— וויפל קוילן, מערווייניקער?

— אַ גאַנץ קעסטל.

מנשה איז צוגעשפרונגען, אַ כאַפּ געטאָן די קוילן און אָנגעהויבן אָנצופילן די מאַגאַזינדלעך פון זיין אייגענעם אויטאָמאַט, אַוועקגעשאַרט זיך און גענומען שיסן, פּאַוואָליע, פּאַרביסן, אָפּגעהאַקט.

די טונקעלע פונקטן זיינען פאַרשוווּנדן. דאָס פייער פון שונא איז איצט געוואָרן כאַאָטיש, ווילד.

— איצט וואָלט מען געקאָנט פאַרויכערן אַ פּאַפּיראָס — האָט וואָ־דעק אָפּגעלאָזט דאָס צינגל פון צעקאָעם — אָבער ווו נעמט מען?..

מנשה האָט אויך אויפגעהערט צו שיסן. ער איז אָבער נאָך אַלץ געווען צוגעזאָטן מיט די אויגן צו יענעם אָרט, וווּ עס האָבן זיך צוריק־געצויגן די שוואַרצע פונקטן. אין אים האָט נאָך אַלץ געגליט דאָס אויפגעוועקטע פייער.

מיטאַמאָל האָט עס זיך ביים וואַלד צעראָיעט. אָן אַ שיעור שוואַרצע פונקטן האָבן זיך גענומען שאַרן אַהער־צו. ביי מנשהן אין מוח האָט זיך צעשפּילט אַ זאַווערוכע. אַ צעמישטער, אַ באַרוישטער, איז ער געשטאַנען אין זיין גאַנצער הויך מיט דעם אויסגעשטרעקטן אויטאָמאַט און משוגע געהזורט:

— קיין לעבעדיקע וועלן זיי אונדז נישט נעמען, האַ, וואָדעק... נאַוראָצקי...

דער אויסגעשריי האָט ווי פאַריאָגט די קוילן, וואָס זיינען געדיכט געפלויגן איבער זיין קאָפּ און אים אויסגעמיטן. די טונקעלע פונקטן זיינען געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער און נעענטער. די אייגענע כוחות האָבן זיך אים אויסגעוויזן ניי פאַר אים אַליין. די הענט האָבן זיך אָנגעפילט מיט זיכערקייט.

פאַרטאָן אינעם שיסן האָט ער נישט באַמערקט ווי נאַוראָצקי האָט זיך אַרויסגעשאַרט פון גרוב. אינמיטן שיסן האָט אים נאַוראָצקיס שמאָל־פלייציקע פיגור פאַרשטעלט דעם ציל. עס האָט זיך געהערט אַן אויפרייס פון אַ גראַנאַט. די קעגנאיבערדיקע שיסעריי, וואָס איז שוין געווען גאָר נאָענט, איז איבערגעריסן געוואָרן. מנשה האָט נאָך באַמערקט, ווי נאַוראָצקי האָט זיך אין דער העלפט איינגעבויגן, כאַפּנדיק זיך פאַרן בויך און איז אומגעפאַלן אויף צוריק.

אַ מינוט איז געוואָרן שטיל, שרייאיק שטיל. מנשה איז נאָך אַלץ אַזוי געשטאַנען אַ פאַרקוקטער, אַ פאַרטועטער, און נישט געהערט ווי וולאַדעק רופט אים. ערשט ווען ער האָט אים אַ צי געטאָן צו זיך: — קום! האָט ער אויף אים אויסגעבאַלושעט אַ פּאָר אויגן:

— וואָס?

זעענדיק, אַז מנשה איז נאָך אַלץ מיט די געדאַנקען ווייט פונדאַנען, האָט ער אים מיט כּוח אַ צי-אַראָפּ געטאָן צו זיך און אַריינגעצישעט:

— מיר מוזן זיך איצט אָפּטראָגן, אַהין, צו יענעם בערגל.... מיר זיינען אַליין... נאָווראָצקי איז טויט... זיין גראַנאַט האָט אונדז דערוויייל אָפּגעראַטעוועט.

מנשה איז אַ שווייגנדיקער, אַ נישט-דאָיקער אים נאָכגעגאַנגען.

קריכנדיק צווישן די קושאַקעס האָט מיטאַמאָל אַ נייע סעריע פון אַ דייטשן מאַשין-געווער געגומען פליען איבער זייערע קעפּ. וולאַדעק האָט זיך פאַרהאַלטן, אַרומגעקוקט. זיי האָבן זיך געפונען אין אַ טאָל, אַ גרינעם, מיט עטלעכע איבערגעקערטע ביימער. עטוואָס מער אויף רעכטס גייט אַ שמאָלע סטעזשקע באַרג-אַרויף. מנשה האָט געמאַכט אַ באַוועגונג אין יענער זייט, אָבער וולאַדעק האָט אים פעסט אַ כאַפּ געטאָן:

— ווילסט זיך אַליין אויסשטעלן ווי אַ ציל-ברעט פאַר די קוילן?

מנשה איז געבליבן ליגן ווי אין היץ מיטן קאָפּ אַראָפּ, זיך געקילט דעם שטערן אין פייכטן גראָז.

וולאַדעק וועקט אים:

— די דייטשן וועלן אונדז דאָ באַלד דערטאַפּן. מיר מוזן זיך באַהאַלטן. אפשר וועלן מיר זיך פאַרט פונדאַנען אַרויסקריגן. הערסט?

מנשהס שטומקייט האָט אים באַאומרויקט. זיינע ברייטע באַקן-ביינער האָבן געציטערט. אַרום איז שוין געווען גוט ליכטיק. זיינע שמאָלע טונקעלע אויגן האָבן פיבערדיק געזוכט אַן אויסוועג, אַ רעטונג.

ער האָט זיך מיטאַמאָל געגעבן אַ זעץ אויף. די אויגן, ס׳פּנים האָבן זיך ביי אים צעפינקלט, צעפלאַמט, און אויסדרייענדיק זיך האַסטיק צו מנשהן מיט זיכערקייט אַ זאָג געטאָן:

— קום אַהער, מנשה, כ׳האָב נאָך מער ווי אַ האַלבע טאַשמע...

ערשט איצט האָט מנשה באַמערקט, אַז וולאַדעק שלעפּט מיט זיך נאָך דעם צעקאָעם. ער האָט איצט גערעדט מיטן מיליטערישן לשון, גלייך ווי ער וואָלט געקאָמאַנדעוועט מיט אַ גאַנצער קאָמפּאַניע:

— זע, כ׳פאַרנעם די פאָדערשטע אַרויסגערוקטע פּאָזיציע און שיס אַזוי לאַנג ביז דו וועסט זיך נישט צוקריגן צו יענעם בערגל. פאַרשטייסט? און אַז דו וועסט שוין דאָרט זיין, וועסטו פון די קוש־אַקעס אַרויס געבן עטלעכע שאָסן פון אויטאָמאַט. זיי וועלן זיך פאַרנעמען מיט דיר, וועל איך זיך דערווייל צושאַרן אַהין. פאַרשטייסט?

מנשה האָט געזען די גרויסע עקשנות, וואָס האָט זיך געריסן אין אים און נישט דערגאַנגען צו זיין פנים, וועלכעס האָט געהאַט אין זיך די רויקייט פון אַ גענעראַל. אין מנשהן האָט דער באַוווסטזיין קוים געאַר־בעט. ער האָט פאַרשטאַנען דעם געדאַנק פון פּלאַן, אָבער דער זין איז געבליבן פאַר אים פאַרנעפּלט, נישט פאַרשטענדלעך: נו וואָס, מ׳עט זיך ראַטעווען איצט, וואָס וועט זיין מאָרגן? נישט בעסער פריער?

וואָלאַדעק האָט דערווייל מיט די בלויזע הענט געגראָבן די ווייכע ערד, אַרומגעצוימט זיך, אָנגעשטעלט דעם צעקאַעם, אָנגעצילט אים אין דער פריערדיקער ריכטונג און טרוקן גערעדט:

— הערסט, גרינבערג? כ׳הויב אָן צו שיסן. דעמלט, ווען „זיי" וועלן ענטפערן געדיכט, הויבסטו פיס. פאַרשטייסט?

וואָלאַדעק האָט שוין איצט געהאַלטן פעסט דאָס צינגל. נאָך די ערשטע צוויי קורצע סעריעס, האָט זיך אַהער אָנגעהויבן שיטן אַ האָגל קוילן, וואָס זיינען געפלויגן פון דריי זייטן.

— נו, דו ביסט נאָך דאָ? — איז וואָלאַדעקס קול געוואָרן בייז, שטרענג.

מנשה האָט זיך אויפגעהויבן, גענומען לויפן. אינסטינקטיוו האָט ער אין לויף געמאַכט זיג־זאַגן. „בכדי צו באַשווערן דעם שונא אין ציל", זיינען אים נאָכגעלאָפן די רייד פון פּאָרוטשניק אויף די מאַנעווערס. די גאַנצע צייט האָט ער געהערט דאָס פייפעריי פון די קוילן. וואָס האָבן געענטפערט און זיך גערוקט אויף וואָלאַדעקס צעקאַעם. ער האָט געוווסט, אַז יעדע רגע איז טייער. אָבער גלייכצייטיק האָט אים נישט אויפגעהערט צו עקבערן: און שפּעטער? און מאָרגן?

ער האָט זיך אויפגעהערט צו היטן, האָט זיך שנעל אַרויפגעדראַפּעט צום בערגל. זיך פאַרשטעקט אין די קוש־אַקעס, מעכאַניש אויסגעשאָסן עטלעכע מאָל, אָן אַ ציל, כמעט אינדערלופטן.

עס איז געוואָרן שטיל.

אַזוי האָט געדויערט אַ לענגערע ווייל. די לופט, אַ פולע מיטן אָפּהילך פון די שאָסן, איז געוואָרן שיטערער, באַוועגלעכער. דער נעפּל

אין מוח איז זיך צעגאַנגען. ער האָט באַנומען, אַז דער שונא איז דעזאָר-יענטירט. אין די אויערן האָט געקלונגען דאָס ווידערקול פון וואָלאַדעקס לעצטע ווערטער און ער האָט זיך אָפּגעגעבן אַ חשבון, אַז פון דעם איינעם מאָמענט איז אָפּהענגיק וואָלאַדעקס לעבן.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט אין אים אויפגעוועקט אַ וואַרעם אָנגע-נעם געפיל, ווי מען געפינט אַ זאַך, וואָס מ׳האָט געהאַט פאַרלוירן. ער האָט צוריק דערפילט אין זיך ריזלדיק בלוט און אָנגעהויבן שיסן געדיכ-טער מיט קורצע סעריעס, און מיט פרייד דערפילט דעם האָגל קוילן איבער זיין קאָפּ. די דייטשע קוילן זיינען איצט פון אַלע זייטן געפלויגן אין זיין ריכטונג. — — —

די נאַכט איז דאָ געקומען מיטאַמאָל. אויפן הימל זיינען נידעריק געקראָכן פינצטערע, שווער-באַלאָדענע כמאַרעס און געגאָסן מיט דיקע שטראָמען. מנשה האָט געפילט, ווי דאָס וואַסער שווענקט זיין לייב, אָבער די מידקייט איז דערפון געוואָרן נאָך שווערער און מאַטערנדיקער. אין דער לופט האָבן זיך נאָך געטראָגן איינצלנע ביקסן-שאָסן.

— איצט זאָלן זיי שיסן — האָט וואָלאַדעק גענומען דער ערשטער אַרויסקריכן פון די קושאַקעס — קום, מנשה, אפשר וועלן מיר זיך פאָרט צוקריגן צו אונדזערע.

דער רעגן האָט געפּלייצט, געשמיסן מיט נאַסע, דיקע בייטשן. די בלייאיקייט פון קאָפּ, פון גאַנצן קערפּער האָט זיך אויך געלייגט אין די פיס, וועלכע האָבן זיך מיט די לעצטע כּוחות געשלעפּט, געטאַפּטשעט אין דער טייגיקער ערד, זיך פאַרהאַלטן ביי יעדן פאַרדעכטיקן שאָרך. מנשה האָט געפילט ווי אַלע אָדערן רייסן זיך אָפּ פון האַרץ ביים אימה-דיקן געדאַנק אַריינצופאַלן אַ לעבעדיקער צו די דייטשן אין די הענט אַריין. בייטאָג האָט ער רויק זיך געזען פאַלן אין קאַמף, נעבן אַ גע-הרגעטן דייטש. איצט אין דער פינצטערניש איז ער פון מינוט צו מינוט געוואָרן שוואַכער, איינגעשרומפּענער, אונטער דעם שטומען פחד, וואָס האָט געלויערט פון ווינט, פון יעדן בוים, פון שוואַרצן הימל, פון גאַנצן אַרום.

אַן אויסגעשעפּטער, אַן מינדסטן ביסל כּוח, האָט ער זיך פאַרטשע-פּעט אָן אַ צווייג, צי אַ שטיין. די פיס האָבן זיך איינגעבויגן. ער איז אומגעפאַלן און געבליבן ליגן מיטן פּנים צו דער ערד. דער קלאַפּ, די

קאַלטע בלאָטע האָט אים אויף אַ מינוט צוריקגעבראַנגט צום באַוווסטזיין. ער האָט אויסגעדרייט דאָס פּנים, געהערט וואָלאַדעקס בראָדושענדיקע טריט דערווייטערן זיך און געוווּסט, אַז ער דאַרף אים רופן, אָבער נישט ער האָט זיך געקאָנט אויפהייבן און נישט קיין קלאַנג פון האַלדז אַרויס־ברענגען. וואָלאַדעק, אָפּגייענדיק אַ שטיקל וועג האָט זיך גלייך געכאַפּט, אַז ער איז אַליין. מנשה האָט איצט דייטלעך געהערט, אַז ער רופט אים. זיין פאַרמאַטערטקייט האָט איצט אָנגעהויבן איבערצייגן אין אַ מאָדנע ווייך געפיל פון אָפּרו, די שוואַרצקייט פון דער נאַכט איז גאָרנישט אַזוי מוראדיק. די ביימער, די קוסטעס וויגן זיך און רעדן אַזוי היימיש:

— ליג, ליג, טייערער, רו זיך אָפּ...

מנשה פאַרמאַכט די אויגן. עס ווילט זיך אַזוי שלאָפן, שלאָפן און פאַרגעסן.

ער דערפילט איבער זיך אַ פּנים, אַ הייס, אַ דערשוויצטס. גליטשיקע נאַסע הענט צעקנעפּלען אים, באַטאַפּן שנעל, שנעל דעם דורכגעווייקטן גוף, דעם קאָפּ. דאָס קול איז זעלנעריש שטרענג:

— ביזט נישט פאַרוווּנדעט. וואָס האָסטו זיך אָוועקגעלייגט? ביזט משוגע געוואָרן? יעדע רגע קאָנען אָנקומען די דייטשן.

מנשה האָט געפילט איבער זיך וואָלאַדעקס שווערן אָטעם. דאָס געפיל פון אָפּרו איז פאַרשוווּנדן. די בייסיקע נעץ האָט געברענט און געשניטן די הויט. ווידער האָט זיך פאַר די אויגן אַ שטעל־געטאָן די גאַנצע האָפענונגסלאָזיקייט פון זייער לאַגע. וואָלאַדעק האָט דערשפּירט דעם ציטער פון מנשהס גוף און זיך געבעטן:

— רעד אַ וואָרט, מנשה.

אָבער מנשהס האַרץ איז פאַרקלעמט אין אַ ווייטיקלעכן ספּאַזם. בילדער, פּנימער, זענען איצט צונויפגעמישט אין איין גערדיכטקייט און פּלאָנטערן זיך אין אַ געוואַלדיק גיכן טעמפּ. ער וואָלט איצט גערן וואָלאַדעקן געגעבן צו פאַרשטיין דאָס גרויסע געפיל, וואָס האָט פאַרכאַפּט זיין האַרץ, הייסט אים מקריב זיין ס'אייגענע לעבן. אָבער דאָס דאַרף פאַרנעמען אַ סך רייד און ער איז אַזוי שוואַך. עס געלונגט אים קוים אַרויסצוזאָגן:

— ווייסט, בעסער לאָז מיך דאָ איבער מיט עטלעכע קוילן. איך וועל „זיי" פאַרהאַלטן... סיי ווי־סיי איז מיין לעבן גאָרנישט ווערט...

וואָלאַדעק, אַ קניענדיקער, אַ דורכגעווייקטער, האָט נישט געדענקט, אַז מנשה איז אַ ייד. ער האָט מיטאַמאָל פאַר זיך דערזען אַ זעלנער, וואָס וויל נישט אָנשטרענגען זיינע לעצטע כוחות אויף צוזוקריגן זיך צו די איי־

גענע, נאָר ווײל בעסער איבערגעבן זיך די דײטשן. ער האָט שוין געהערט פון אַזעלכע פאַלן, פאַרעטער גיבן זיך איבער די דײטשן, מײנענדיק, אַז מ׳וועט זײ שענקען דאָס לעבן. פון אים האָט אַרויסגעשריגן שנאה. זײן קול האָט אײנגאַנצן אָנגעוווירן דעם פריערדיקן טאָן פון זעלנעריש מיט־געפיל. עס האָט געקלונגען האַרט, מיט אַ כריפּ:

— איבערלאָזן דיך? המם, מײנסט, אַז די דײטשן וועלן דיך שוינען? האַ?..

ער האָט זיך פאַרהאַקט און אַ ריס געטאָן דעם אויטאָמאַט פון מנשהס שוואַכער האַנט.

ער פאַרשטײט מיך נישט — האָט מנשה געטראַכט און זיך שווער אויפגעהויבן פון דער ערד.

זײ זײנען געגאַנגען שווײגנדיקע. די פיס, צעוווּנדיקטע, צעגעסנע פון דער נאַסקײט, האָבן זיך שווער געשלעפּט.

די פינצטערניש איז געווען אַ געדיכטע, אַ גליטשיקע. אַלע ווײלע האָבן זײ זיך פאַרטשעפּעט אין עפּעס אַנדערש, אײנער אין צווײטן. פון וואָלאָדעקן האָט געיאָגט אַ נעפּל פון שנאה. דער דורכגענעצטער שינעל, אין וועלכן עס איז אים אינדערפרי אַזוי קאַלט געווען, האָט איצט גע־שווערט, איז געווען הײס. די פאַרביסנקײט האָט אין אים געזידט:

— איבערגעבן זיך די דײטשן האָט זיך אים פאַרוואָלט!

מנשה האָט געפילט די שטאַרקע שנאה, וואָס גײט צו אים פון וואָלאָדעקן און אים האָט געחידושט, וואָס ער האָט צו וואָלאָדעקן קײן תרעומות נישט. ער האָט געקוקט אויף די טונקעלע בײמער, וואָס האָבן זיך געריסן צום פינצטערן הימל. ער ווײל עפּעס געדענקען פון אַמאָליקע צײטן בײנאַכט אין וואַלד, מיט חברים, אָבער דאָס געדענקטע גליווערט. דער קאָפּ, אַ מידער, קאָן זיך נישט אָפּשטעלן אויף קײן שום זאַך. עס ווילט זיך בלויז, וואָלאָדעק זאָל וויסן דעם אמת.

— וואָלאָדעק...

אַזוי שטיל און שוואַך האָט עס מנשה אַרויסגעזאָגט דאָס וואָרט, אַז בײ וואָלאָדעקן האָט זיך דער קאָפּ אַראָפּגעבויגן און דער אויטאָמאַט איז געוואָרן שווער אין די הענט. מנשה האָט ווײטער גערעדט:

— האָסט געמײנט, כ׳האָב זיך דערשראָקן פאַרן טויט... כ׳האָב עס דאָך געוואָלט, נאָר כּדי אָוועקלײגן דערבײ עטלעכע דײטשן, און דו זאָלסט זיך קאָנען ראַטעווען... כ׳בין דאָך אַ ייד...

וואַלדעק האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אַ העלע קלאָרקייט האָט אויף אים אַ שוועב געטאָן. די פינצטערניש אַרום און אין אים האָט זיך צע־לויכטן און איז פול געוואָרן מיט טויזנטער קלאַנגען.

— מיר זיינען ביידע משוגע — האָט וואַלדעק אַרומגעכאַפּט מנשהן און אים דערלאַנגט דעם אויטאָמאַט.

פאַראייניצלטע שאָסן האָבן דורכגעריסן די לופט. דער פלייצנדיקער רעגן האָט זיי פאַרטויבט.

— זאָלן זיי שיסן — האָט וואַלדעק געזעדט שטיל און אָננעמענדיק מנשהס רעכטע האַנט אים פעסט און זיכער געצויגן נאָך זיך — זאָל נאָר דער רעגן נישט אויפהערן. זע, די פיס האָבן מיר אינגאַנצן אויפ־געהערט וויי־טאָן. דיר אויך? וועסט זען, מיר וועלן זיך צוקריגן צו אונדזערע.

צוויי פון א סך...

די זון איז געשוווּמען צווישן די צעריסענע, צעפליקטע וואָלקנס און אָן רחמנות געברענט איבער די קעפּ פון די סאָלדאַטן. זיי זיינען געלעגן, ווי אונטערגעהאַקטע, צעשפּרייט איבער דער גאַנצער לאַנקע ביים בראָג פון וואַלד, וואָס האָט זיך געצויגן באַרג אַרויף לענגויס דעם משופּעדיקן וועג.

הינטער די רייען, נישט ווייט פון דעם פּלוטאָן אַרטילעריע, איז געזעסן אויף דער ערד דער קאָמאַנדיר פון באַטאַליאָן — קאַפּיטאַן ברענער.

ער האָט גערויכערט אַ געוויקלטן פּאַפּיראָס. זיין פאַרמרוזשעטער בליק האָט געבלאָנדזשעט איבער די פאַרברוינטע, צעצינדענע פּנימער פון זיינע סאָלדאַטן, פון וועלכע עס האָט געריגנט אַ שוויס.

עטוואָס אָפּגערוקט פון ברענערן איז געזעסן קאָרשון, זיין אָרדינאַנס, אַ יונגער קאָפּראַל, אַ נידעריקער, מיט אַ האַרט-פלאַטשיק פּנים און פאַרי־סענער נאָז. מיט פלינקע באַוועגונגען האָט ער אָנגעפּילט נייע קוילן אין די ליידיקע מאַגאַזינדלעך פון קאַפּיטאַנס פּיסטאָלעט. זיינע וואָסערדיק־גרויע אויגן אונטער די פלאַקס האַריקע ברעמען האָט ער אַלע ווײַלע אַ וואָרף געטאָן אויפן קאַפּיטאַן, אויף די בראַנדיקע פלעקן, וואָס האָבן זיך געראַיטלט אויף זיינע איינגעפאַלענע באַקן. קאָרשונס העלער בליק איז געווען דורכגענומען מיט טיפער פאַרשטענדעניש און שטומער געטרייקייט.

שטיל האָבן זיך באַוועגט די סאַניטאַרן, צונויפנעמענדיק די קרעכצנ־דיקע פאַרוווּנדעטע סאָלדאַטן. די געזונטע האָבן מיט גאָרנישט נישט רעאַגירט. זייערע צעהיצטע שווערע פיס און טויט-מידע גלידער האָבן פאַרחלשט זיך געקלעפּט צו דער ערד, צו רו. די העלמען אויף זייערע קעפּ האָבן געבלינצט קעגנאיבער דער זון, ווי צעפלאַמטע שטורקאַצן.

ערגעץ נאָענט האָט עס געשפּיגן מיט פייערדיקע שווערע קלעפּ, וועלכע האָבן זיך אויסגעמישט מיט געדיכטע אויטאָמאַטן-זאַלפּן. אין ברע-נערן האָט געעקבערט די אומגעדולד. יעדע מינוט איז טייער. ער מוז אָבער די מענטשן לאָזן אָפּרוען. זיי גייען שוין פון באַגינען אין שטורעם.

ער האָט אויסגעריסן אַ גרעזל, נערוועז עס געקייעט צווישן די ציין. פון זיין צעהיצטן באַוווסטזיין האָט זיך געריסן אַ געדאַנק: אפשר זיך פאַרשטענדיקן מיטן שטאַב?... אַ סך זעלנער היינט געפאַלן... דער פונקט איז אַ געפערלעכער...

ער האָט אַ שאַרפן קריץ געטאָן מיט די ציין, דער געדאַנק איז שנעל אַוועק. עס האָט צוריק אויפגעקאָכט דער ווייטיק, וואָס טרעט נישט אָפּ פון אים זינט יענעם טאָג, ווען ער האָט זיך אין לובלין דער-וווסט, אַז די דייטשן האָבן אומגעבראַכט זיין גאַנצע משפחה. ער איז איינער אַליין. צו וואָס לעבט ער, אויב נישט נקמה צו נעמען אין די מערדער...

די שיסעריי האָט זיך נאָך געטראָגן אין דער ווייטקייט, ווי אַ רי-זיקער היישעריק וואָלט נאָר וואָס אַוועק. איצט האָט ברענער דייטלעך געהערט די איינגעהאַלטענע, אויסגעצויגענע קרעכצן פון די לייכט-פאַר-ווונדעטע זעלנער, וועלכע האָבן זיך געלאָזט איבערבינדן פון זייערע גע-זונטע חברים די פאַרבלוטיקטע באַנדאַזשן.

קאַרשון איז נאָך אַלץ געווען פאַרטאָן אין די מאַגאַזינדלעך. דער שווייס איז אים געריגען שפּעדיק פון שטערן אין שמוציקע ריטשקעלעך איבערן פּנים, איבערן האַלדז. ער, קאַרשון וואָלט געשוווירן, אַז ער ווייסט, וואָס דער קאַפּיטאַן טראַכט אַצינד. פאַר די זיבן חדשים, וואָס ער איז אָרדינאַנס ביים קאַפּיטאַן, האָט ער זיך אויסגעלערנט דערקענען פון זיין יעדן ריר און בליק, וואָס עס דריקט אים. איידער די אַרמיי האָט זיך דערנענטערט צו לובלין, פלעגט דער קאַפּיטאַן אָפט זיך אַוועק-זעצן מיט אים רעדן וועגן דער היים, וועגן לעבן אין קאָזאַקישן קאָלכאָז. קאַרשון האָט געוווסט, אַז דער קאַפּיטאַן האָט ליב צו הערן וועגן זיין ליבע מיטן קאָזאַקישן מיידל, וועגן קאָזאַקישע ימים טובים, טענץ. ווען מ'איז אָנגעקומען קיין לובלין, האָט אים דער קאַפּיטאַן מיטגענומען אין שטאָט. זיי זיינען געגאַנגען איבער באַרגיקע גאַסן, פאַרגאָסענע מיט זון, צעיומטובטע פרויען און מיידלעך האָבן אָפּן געשמייכלט צו זיי, צו די פּוילישע אָדלערס אויף זייערע היטלען. ביי אַן אַלט, גרוי הויז, מיט אַ סך

געזימסן און באַלקאָנען האָט זיך דער קאַפּיטאַן אָפּגעשטעלט, אים געהייסן וואַרטן און אַליין אַריינגעגאַנגען אינעווייניק.

ווען ער איז צוריקגעקומען, איז ביי אים דאָס פּנים געווען אויסגעצויגן, די ליפּן איינגעשרומפּן, אַזוי ווי די ציין וואָלטן זיך אין זיי איינגעביסן. שווייגנדיקע האָבן זיי זיך אַריינגעדרייט אין אַ זייטיק געסל, וווּ עס זיינען געשטאַנען צעוואָרפענע, נידעריקע, אַלטע הייזער מיט אָפּגעשיילטע מויערן. נעבן איינעם אַזאַ הייזל מיט אַ הילצערנעם פּאַרקאַן האָט זיך דער קאַפּיטאַן אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, אַרויפגעקוקט אין דער הייך, פון וואַנען עס האָבן קיל אַראָפּגעגלאָצט צעבראָכענע שויבן פון פאַרמאַכטע פענצטער, אַריינגעגאַנגען, זייער ווייניק געזוימט זיך און אַרויסגעקומען נאָך פינצטערער און שווייגנדיקער.

שטיל, אָן אַ וואָרט, האָבן זיי געשפּאַנט איבער געדרייטע, צעקרומטע געסלעך. קאָרשון האָט געזען אַ פאַרגליווערט געוויין אַרום דעם קאַפּיטאַנס ווייטיקלעך צעקרומטן מויל, איבערן גוף לויפן אום ציטערן, שווערע, משונהדיקע ציטערן. ער האָט געפילט, אַז עפּעס זייער טרויעריקס האָט זיך דער קאַפּיטאַן דערוווּסט. קאָרשונס גאַנצע פרייד מיט דעם נצחונדיקן פאַרסירן דעם בוג, מיט די צעשמייכלטע, צעשטראַלטע מיידלעך, איז אויסגערינען. דער קאָפּ ווערט אים צעזעצט. וואָס האָט עס געקאָנט געשען? ער האָט אָבער מורא צו פרעגן. ער האָט דאָפּלט מורא. ערשטנס פילט ער, אַז יעדע פראַגע קאָן דעם קאַפּיטאַן איצט שטאַרק ווי טאָן. צווייטנס, האָט ער מורא פאַר אָן אויסברוך. דער קאַפּיטאַן, אַז ער פאַרלירט אַמאָל זיין גלייכגעוויכט, קאָן מען אים נישט באַרויקן.

דער קאַפּיטאַן האָט זיך דעמלט אינגאַנצן געביטן. קראַנק געוואָרן. וואָרעם נאָר אַ קראַנקער קאָן ליגן אַזוי שעהן לאַנג, גאַפּיען מיט די אויגן און גאָרנישט ווען, אַפילו נישט אַביסל וואַסער צו באַנעצן די צעשפּרינגענע ליפּן.

איינמאָל, ס׳איז געווען אַ שטילע נאַכט, אַ העלע. קאָרשון וועט עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן. זייער באַטאַליאָן ליגט שוין דעם דריטן טאָג פאַרטייעט אויף די פאָדערשטע פּאָזיציעס. קאָרשון איז געזעסן אין בליגדאַזש און געוואַרט אויפן קאַפּיטאַן. די אויגן-דעקלעך האָבן שווער געפּרעסט אויף די אויגן. שוין אַזויפיל נעכט נישט געשלאָפן, אָבער איינשלאָפן טאָר מען נישט. דער קאַפּיטאַן קאָן יעדע מינוט אָנקומען... עפּעס

שרייט ער צום טעלעפאָניסט... ס'גייט עמעץ?... די אויגן־דעקלעך ווערן אַלץ שווערער... האַ?...

קאַרשון האָט מיט כּוח אויפגעריסן די אויגן. פאַר אים איז געשטאַנען די הויכע, ברייט־פּלייציקע פיגור פונעם קאַפּיטאַן.

— נעם עטלעכע גראַנאַטן און קום מיט מיר?

ס'איז געווען סוף יולי. אַרום זיי האָבן זיך געשפּילט קליינע ווינטלעך, דורכגעבּימענע מיט ריחות פון צעגראָבּענער ערד און צעטראָטענע יונגע קאַרטאָפל. זיי האָבן שנעל געפּויזעט. ביידע האָבן שוין דאָ גע־קענט יעדן שפּאַן. אָט זיינען זיי שוין נאָענט פון די דייטשישע דראָט־פאַרצוימונגען. אין קאַרשונען האָבן די גלידער גענומען פרירן. ער האָט שנעל דעריאָגט דעם קאַפּיטאַן, דערפילט די זודיקע פאַרע, וואָס האָט געזעצט פון זיין פּנים און זיך געבּעטן:

— קאַפּיטאַן... די דייטשן...

אין קאַפּיטאַנס האַנט האָט אַ גלאַנץ געטאָן אַ שטאָלענע שער.

— אַ „צונג", קאַרשון, מוזן מיר נעמען!

אין האַרצן ביי קאַרשונען האָט זיך עפּעס אָפּגעריסן. ער האָט גע־וואָלט זאָגן, אַז מען טאָר נישט, נישטאָ קיין באַפעל. נאָר אין דעם זעלביקן אויגן־בליק האָט אַ געדיכטער אויטאָמאַטן־זאַלפּ דורכגעשאָסן די לופט. קאַרשון האָט דערהערט אַ קרעכץ, זיך געטאָן אַ צי, איז גרייט געווען אַרויסצולאָזן אַ געשריי. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן, זיך בלויז נאָענט צוגערוקט צום קאַפּיטאַן, וועלכער איז געלעגן אויסגעצויגן, מיטן פּנים איינגענורעט אין דער ווייכער ערד.

— פאַרוואונדעט?

דער קאַפּיטאַן, ווייזט אויס, איז ערשט איצט געקומען צו זיך. די קוילן זיינען איצט געדיכטער געפלויגן, מיט אַ סוויסטש, איבער זייערע קעפּ.

— קום צוריק — האָט דער קאַפּיטאַן געקרעכצט.

זיי האָבן זיך צוגעשאַרט צו דער שוץ־ליניע. אונטערן בערגל האָט דער קאַפּיטאַן אויסגעטאָן דאָס רעקל, זיך געלאָזט פון קאַרשונען באַנדאַזשירן די רעכטע האַנט און שטיל געזאָגט:

— נישט געדאַרפט גיין...

עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט געמאָנט, קאַרשון זאָל אים פרעגן: „פאַרוואָס?" נאָר קאַרשון האָט בלויז אָנגעשטעלט אויף אים די

טונקעלע פאַרלוירנקייט, וואָס איז געווען אין זיינע אויגן. ער האָט געפילט, אַז אַצינד איז שוין דעם קאַפּיטאַנס פּנים ווידער ווייך. דער זעלביקער גוטער קאַפּיטאַן, וואָס די זעלנער זיינען גרייט פאַר אים אין פייער צו גיין.

— טאַטע־מאַמע, אַלע, האָבן זיי, די מערדער אויסגעקוילעט... צו וואָס לעב איך?...

קאַרשונען איז דעמלט קלאָר געוואָרן די ביטערניש, וואָס דער קאַפּיטאַן טראָגט אין זיך די גאַנצע צייט, דער סוד, וואָס איז אומגעלאָפן אין זיין וויינענדיקן בלוט. ער האָט מיטאַמאָל באַנומען דעם טיפן אָפּגרונט, אין וועלכן די גרויזאַמע היטלעריסטן האָבן אַריינגעשליידערט דעם קאַפּיטאַן. ער האָט געוואָלט זאָגן עפּעס אַ וואָגיק וואָרט און נישט געוווסט וואָס. דער קאַפּיטאַן האָט ווייטער גערעדט. זיין קול איז געווען אַזוי שטיל און צעבראָכן, אַז קאַרשונען איז הייס געוואָרן אונטער די אויגן־הייטלעך. שיעור, שיעור נישט אַ כליפּע געטאָן. ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און כמורנע געזאָגט:

— פאַר אַלע, פאַר אַלץ וועט מען זיי באַצאָלן...

קאַרשון וועט יענעם אָוונט קיינמאָל נישט פאַרגעסן. היינט אינדערפרי, נאָך דעם געלונגענעם שטורעם, דורכברעכנדיק די שטאַרקע ליניע, וווּ די דייטשן זיינען שוין אַזויפיל חדשים געזעסן פאַרפעסטיקט אין בעטאָן און אייזן, האָט זיך אים געוואָלט צוגיין צום קאַפּיטאַן און אַ זאָג טאָן:

— אמת, מיר וועלן נישט שולדיק בלייבן? מיר וועלן זיי באַצאָלן... פאַר אַלעמען באַצאָלן...

נאָר פון אינדערפרי אָן איז דער קאַפּיטאַן היינט איין שטיק לאַווע, אַ צערייצטער, אַ צעיושעטער. איצט, ווען דער קאַפּיטאַן זיצט שוין אַ לענגערע צייט, וויל קאַרשון צוגיין. ער פילט, אַז יענע נאַכט גיט אים די רעכט צו זיין אינטים מיט דעם קאַפּיטאַן. נאָר אין דעם מאָמענט האָט זיך די גאַנצע צעוואָרפענע מחנה אַ וויג געטאָן. עס האָט זיך דערנענטערט אַ שנעל טופּען פון פערדישע פּאַדקעוועס איבער האַרטער ערד.

ברענער האָט זיך אויפגעשטעלט, געבליבן שטיין אַ הויכער, אַ גלייכער און ברייטפּלייציקער, ווי אַ ריזיקע בראָנז־פיגור, מיט די לאַנגע פיס איינגעוואַקסן אין דער ערד, מיטן פּנים צום וואַלד.

פון צווישן דיביימער האָט זיך באַוויזן אַ רייטנדיקער דער קאָ־מאַנדיר פון פּולק. הינטער אים איז געריטן זיין אַדיוטאַנט, אַ שלאַנקער, אַ דינער. דעם פּאָלקאָווניקס בליק האָט שנעל געגנישטערט צווישן דער מחנה. דערזעענדיק ברענערן לויפן אין זיין ריכטונג, האָט ער אַ צי געטאָן דאָס ציימל און באַלד זיך אָפּגעשטעלט האַרט נעבן אים, ברע־נער האָט, סאַלוטירנדיק, געמאָלדן דעם באַשטאַנד פון באַטאַליאָן.

— קאַפּיטאַן, איר גייט איצט אין סאַמע שווערסטן פּונקט. אונדזע־רע אַטאַקירנדיקע באַטאַליאָנען פון לינקן פליגל האָבן זיך אָנגעטראָפן אויף אַ שטאַרק־באַפעסטיקטער ליניע, ווו עס קעמפן צוויי עס־עס־דיווי־זיעס... וויפל צייט דאַרפט איך נאָך האָבן אויף צו רוען?

אין ברענערס אויגן האָבן די זון־שטראַלן אַ שפּיל געטאָן:

— אין צוואַנציק מינוט אַרום קאָנען מיר רירן אין אָנגריף.

דעם פּאָלקאָווניקס בויערנדיקער בליק האָט נאָכגעלאָזט. זיינע דינע ליפּן האָבן זיך צענומען אין אַ פריינדלעכן שמייכל. ער האָט גראַציעז אַ ריר געטאָן מיט דער רעכטער האַנט ביים ברעג היטל. דאָס פערד האָט זיך אַ ריס געטאָן אונטערן דרוק פון די שפּאָרן און זיך אַוועקגעטראָגן.

וועז דער קאַפּיטאַן ברענער האָט אויפגעעפנט די אויגן, איז שוין דער הימל געווען פאַרצויגן מיט אַ קוים־דורכזיכטיקן פאַרהאַנג. די נעפּלען האָבן אויסגעלאָשן יעדן צאַנקענדיקן שטראַל, וואָס די זון האָט אויף איר וועג פאַרלוירן.

דער שאַרפער ווייטיק, וואָס האָט זיך געצויגן פון זיין אָפּגעהאַקטן פוס איבערן גאַנצן קערפּער, האָט אויפגעוועקט אויך דעם זכרון. קומענדיק ביסלעכווייז צו זיך, האָט ער זיך דערזען אַ פאַרשאָטענעם מיט ערד, בלויז זיין קאָפּ און די לינקע האַנט זיינען געווען פריי. מיט מאַטערניש האָט ער דערשלעפּט די לינקע האַנט צו דער עסנדיקער וווּנד. אַ קאַל־טער שוידער איז אים דורכגעלאָפן. די הויזן, קלעפּיקע פון גליווער־דיקן בלוט, האָבן זיך צוגעקלעפּט צו זיינע פינגער, ווי אַ וואָרעמער פייכטער ווויליק.

די ווייטע, טויבע אויפרייסן זיינען ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן. אַלץ אַרום איז פאַרגאַנגען אין אַ מוראדיקער שטילקייט, אָפּגעגעבן זיך דער נאַכט, ווי אַ געגאַרטן טויט

— כ'שטאַרב! — איז אים ווי אַ קעלט דורכגעלאָפן דורכן מוח. ער האָט זיך געפרוווט דערמאָנען ווי אַזוי דאָס איז מיט אים געשען. זיינע צעהיצטע געהירן האָבן איצט נאָכאַמאָל איבערגעלעבט דעם הייסן שגעון, וואָס האָט אים געריסן אין פייער אַריין. ער הערט דעם ווילד־רעוועענדיקן ליאַרעם פון טויזנטער זעלנערישע העלדזער און זעט זיך אַ לויפנדיקן צווישן צעשטרעקטע באַגנעטן. די פיס האָבן זיך געטראָגן אין דער לופטן. די פינגער האָבן אימפעטיק געצויגן ס'צינגל פון אויטאָמאַט. ווילדע פרייד האָט אין אים אַ געשריי געטאָן:

— הוראַ! הור־ר־ר־ראַ!

זיין קול האָט זיך מאוימדיק צעקייקלט אין דער נאַכט, צוריקגע־קומען און אים דערמאָנט, אַז ער ליגט דאָ אַ שטאַרבנדיקער, איינער אַליין צווישן הימל און ערד. אַלץ אַרום האָט ווידער מוראדיק געשוויגן און אָנגעפילט זיין געביין מיט דעם אייביקן אומרו פון נאַכט און פינצטערניש. דאָס האַרץ האָט געקלאַפּט יסורימדיק דערשראָקן.

פּלוצלינג האָט ברענער דערהערט אַ לייכטן שאָרך. ער האָט איינגע־האַלטן דעם אָטעם און מיט אויסערגעוויינלעכער אָנשטרענגונג אויפגע־הויבן דעם קאָפּ. אַ לאַנגער און שוואַרצער שאָטן פון אַ מענטש איז געקראָכן צו אים פון דער פינצטערניש בלינד און שווייגנדיק. אַ בענק־שאַפט האָט אַ קלעם געטאָן זיין האַרץ. צום גאַרגל האָט זיך צוגעקייקלט אַ האַרטקייט. ער האָט געוואָלט אַ רוף ־טאָן, נאָר זיין צונג איז איצט געוועזן ווי אַ שווערער, געשוואָלענער קנויל, וואָס האָט אים פאַרלייגט דעם האַלדז. ווייטיק און האָפענונג האָבן זיך צונויפגעגאָסן און געוואָרן איין שטיק וואַרטעניש אויף אַ וואָרט, אַ באַריר.

— קאַפּיטאַן, דאָס זייט איר?

אַ שטראָם וואַרעמקייט האָט זיך אַ גאָס געטאָן צו ברענערס האַרץ און האָט עס אויף אַ רגע דערטרונקען.

— קאָרשון, דו?...

דער שאָטן האָט זיך אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, ווי ער וואָלט זיך פאַר־טראַכט. ברענער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אונטערגעשפּאַרט אים מיט דער לינקער האַנט. אין דער טונקלקייט האָט זיך אויסגעשיילט קאָרשונס פיגור, אַן איינגעבויגענע, האַלטנדיק זיך מיט דער לינקער האַנט פאַר דער זייט; די אַקסלען, האַרבאַטע פון שווערע קראַמפן. ברענער האָט אָנגעשטרענגט דעם בליק. בלוט? עס רינט פון אים בלוט? נאָר וואָס ציט

עס זיך אַזוי מאָדנע ווי אַ דינער פּאָדעם, ווי קאָרשון וואָלט מיטגעריסן מיט זיך די וואָרצלען, וואָס בינדן אים צו דער ערד און לאָזן אים ווייטער נישט גיין?

קאָרשון האָט מיט גרויס אָנשטרענגונג זיך אַ ריר־געטאָן נענטער צום קאַפּיטאַן. ברענער האָט אַרויסגעלאָזט אַ דערשטיקטן געשריי, פול מיט שוידער. ער האָט שוין איצט קלאָר דערזען: קאָרשון שלעפּט נאָך זיך זיינע אייגענע געדערים.

— קאָרשון! — אין דעם רוף איז געווען: שרעק, רחמנות, ווייטיק און טיפע אומפאַרשטענדלעכקייט.

קאָרשון האָט שווער געאָטעמט און פּאַוואָליע זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני, פרעגנדיק אַראָפּגעקוקט צו ברענערן. ברענער האָט געפילט דעם גוטן קוק פון קאָרשונס גרויע אויגן. קאָרשון איז געשטאַנען אַזוי אַ רגע ביז ער האָט פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און אומגעפאַלן...

די ערשטע סאַניטאַרן, וואָס זיינען פאַרטאָגס צוגעקומען צו דעם אָרט, האָבן זיי ביידע געפונען נאָענט, זייער נאָענט צוגערוקט איינער צום צווייטן.

די לופט איז פון מאָל־צו־מאָל געוואָרן מער דורכזיכטיק. פון מזרח, ווו די זון דאַרף אויפגיין, האָט אַ רויטקייט געריסן דעם נעפל. די שרייאיקע איבעררופן פון די סאַניטאַרן זיינען מיטאַמאָל פאַרשטומט געוואָרן, מיט אַנטבלויזטע קעפּ זיינען זיי אַ לאַנגע ווײַלע געשטאַנען און נישט אַוועקגענומען די בליקן פון די צעהאַקטע קערפּערס און פון דעם שוואַכן שיין פון שמייכל, וואָס האָט ווי געשוועבט אויף ביידנס בלוי־געשוואָלענע ליפּן.

דערלעבט

אין דער פּאַרטאָגיקער גרויקייט, וואָס האָט זיך אַריינגעריסן אין באַראַק, האָט זיך דערהערט דאָס גראָבע קול פונעם אויפזעער:

— אויפשטיין!

די מענטשן אויף די פּריטשעס האָבן געפּרוווט אויפשטיין און גע־בליבן זיצן אין פאַרשלאָפענע פּאָזעס, ווי פאַרטשאַדעטע. עס האָט זיך דערהערט דער באַקאַנטער סווישטש פון דער נאַהייקע. מיט פאַרטשאַדע־טע באַוועגונגען נעמען זיך אָלע אָנטון. די לופט ווערט נאָך געדיכטער. עס רייסן זיך פאַרשטיקטע קרעכצן. די מענטשן שטופּן איינער דעם צווייטן, ווי אַ סטאַדע אין אַ ראָד.

— אויפשטיין!

דאָס געשריי חזרט זיך איבער, עסט זיך איין אין די געהירן. דעם אויפזעערס נאַהייקע פּאַטשעט איבער קעפּ און רוקנס. זיין שטייף געלעכ־טער פּרירט דאָס בלוט אין די אָדערן.

צו סאָלאָווייטשיקס פּריטשע איז דער טומל ווי נישט דערגאַנגען. די נאַהייקע לאָזט זיך אַראָפּ איבער אים מיט אַ שאַרפן פייף, אָבער סאָלאָווייטשיק גיט זיך נישט קיין ריר.

דעם אויפזעערס האַנט מיט דער אויפגעהויבענער נאַהייקע בלייבט הענגען אין דער לופט, אויף זיין איינאויגיק פּנים באַווייזט זיך אַ גרי־מאַסע פון עקל.

— ער שטינקט... טויט... שלעפּט אים אַרויס פונדאַנען. מאַרש.

די צוויי מענטשן, וואָס האָבן פון ביידע זייטן אָנגענומען סאָלאָ־ווייטשיקס טויטן קערפּער, אויפגעהויבן אים, זענען אָן כוחות צוריק־געפאַלן.

— שנעלער! — האָט די נאַהייקע זיך געהויבן איבער זייערע פּנימער און הענט.

ביידע האָבן, פּאַלנדיק, זיך קוים דורכגעשטופּט דורך דער באַוועג־לעכער מאַסע צווישן די פריטשעס, טראָגנדיק דעם טויטן קערפּער צום דעם הילצערנעם הייזל נעבן דער עלעקטרישער קרעמאַטאָריע. אויף דער צעמענטענער פּאָדלאָגע זיינען שוין געלעגן אַ סך אַנדערע שטייפע קערפּערס.

— אויסטאָן! — האָט אַ ריטשע געטאָן דער אויפזעער, וואָס איז ווידער אויסגעוואַקסן הינטער זייערע פּלייצעס.

זיי האָבן גענומען מיט ציטערנדיקע הענט אַראָפּציען פון אים די מלבושים. ווען זיי האָבן פון אים אַראָפּגעצויגן ס׳העמד, האָט זיך עפּעס אָוועקגעקוילערט אויף דר׳ערד. עס איז געווען אַ שוואַרץ שטיקל ברויט, אַ פאַרדאַרטס, וואָס סאָלאָווייטשיק האָט, ווייזט אויס, נעכטן נישט געגעסן.

— לעווקאָוויטש, הויב עס אויף — האָט שטיל אַ זאָג געטאָן דער, וואָס איז געשטאַנען מיטן פּנים צו דער טיר און געזען, אַז דער אויפ־זעער איז מיט עפּעס פאַרנומען.

לעווקאָוויטשס פּנים, אַ פאַרחושכטס, מיט ווייסע בלאָטערן אויף די ליפּן, האָט זיך פאַרקרומט. דאָך האָט ער עס אויפגעהויבן, שנעל אַריינגערוקט אין בוזעם. אַ מינוט זיינען ביידע געבליבן ווי פאַר־גליווערט איבער דעם נאַקעטן קערפּער. דער איינגעפּאַלענער בויך האָט איצט אויסגעזען ווי אַ גראָבע שמוציקע הויט, שטייף אָנגעצויגן איבערן רוקנביין און שוואַך באַהאַפטן די אַרויסשטאַרצנדיקע ריפּן. ווי אין היץ איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: ער האָט פאַרמאָגט אַ שיין האַרץ, אַ נשמה...

— איצט איז אונדזער ריי, פרידמאַן... — האָט לעווקאָוויטש פּינצ־טער אַ זאָג געטאָן.

פרידמאַנס פּנים האָט קיין צוק נישט געטאָן.

מ׳דאַרף אויסהאַלטן — האָט ער געמורמלט מיט אַן אַראָפּגעבויגע־נעם קאָפּ - ס׳איז שוין נישט ווייט... אַזוי פלעגט, ער זאָגן סאָלאָווייטשיק...

— עך, כאָטש איין טאָג פריי לעבן — איז לעווקאָוויטשעס פּנים געוואָרן אַ געענדערטס, אַ פאַרבענקטס.

עס האָט זיך דערהערט דעם איינאויגיקנס געשריי:

— לאָוז!

ביידע לויפן צוריק אין דער ריי, ווו יעדער באַקומט אויפן דנאָ פון בלעכענעם טעפּל אַ ביסל ברוינלעך שמוציק וואַסער. קאַווע.

לעווקאָוויטש האָט זיך אומגעקוקט אין אַלע זייטן. נישט געווען קיינער פון די מונדירטע, דעם אויפזעערס ריטשען איז דערגאַנגען פון ווייט. ער האָט אַפּירגעצויגן פון בוזעם ס׳שטיקל ברויט, אָפּגעביסן און ס׳רעשט דערלאַנגט פרידמאַנען.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ געוויינלעכער אַרבעט־טאָג אין גראָס־ראָזען.

לעווקאָוויטש מיט פרידמאַנען האָבן געהערט צו דער גרופּע, וואָס האָט געאַרבעט אין דער שטיינהאַקעריי. די מענטשן האָבן זיך צעשיט איבערן פּלאַץ, אינדערהויך, פון אונטן, צווישן די אַרויסשטאַרצנדיקע פעלזן, געשלעפּט, געלאַדעוועט אין די וואַגאָנדלעך.

מיטאַמאָל האָט זיך אויפן פּלאַץ באַוויזן דער אויבערפירער, שלאַכטעל. זיין טרוקן אויסגעצויגן פּנים און שמאָלע גראָע אויגן האָבן בייז געגלאַנצט.

נעבן אים איז געגאַנגען דער איינאויגיקער אויפזעער און געכיכאָטשעט מיט אַ שלעכט געלעכטערל. ער האָט צונויפגערופן די מענטשן, אויסגעשטעלט זיי אין אַ ראָד. מיט דעם איינעם אויג, אין וועלכן ס׳איז אויפגעגאַנגען שוואַרצע רציחה, האָט ער ארומגענומען דאָס ציטערנדיקע ראָד, אויפגעהויבן די נאַהייקע, און באַלד איז דאָס ראָד געוואָרן באַוועגלעך.

אָבער נאָך עטלעכע מינוט ווערן די טריט געהאַמעוועטער, האַלטן נישט אויס די שנעלקייט פון דער נאַהייקע. דער אויבערפירער צישעט דורך האַרטער ציינקריצעניש:

— שנעלער, פאַרשאָלטענע יידן, און איר... קאָמוניסטן, לויפן... פּחדנים.

דאָס ראָד ווערט אַלץ לאַנגזאַמער.

— הינט, וואָס טוט זיך דאָ? — רייסט זיך ווילד דער איינאויגיקער. ער שפּייט אין די דלאָניעס און הערט נישט אויף צו פאָכן מיט דער נאַהייקע איבער די מענטשן. טייל פאַרלירן דעם באַוווסטזיין, פאַלן. אַ געדיכטער שמוציקער שווייס באַדעקט די גופים, בלויע מיט רויטע פּרענגעס.

דער איינאויגיקער זעט די צופרידנקייט פונעם אויבערפירער און זיין נאַהייקע הויבט אָן נאָך מיט מער קראַפט צו שניידן די פּלייצעס,

די פנימער, ווי מיט צעגליטע מעססערס. אַנדערע פּרוּוון נאָך מאַכן אַ טריט, אַ צווייטן, אָבער זיי פאַלן גלייך. די נאַהייקע עסט זיך איין אין די קערפּערס, צווינגט ווידער זיך שטעלן אויף די פיס, ווידער אויסהאַלטן קלעפּ.

לעווקאָוויטש איז געבליבן ליגן, שטיל, נישט געהאַט קיין כּוח אַרויסצוגעבן פון זיך קיין קרעכץ. דער איינאויגיקער האָט אים געגעבן נאָך עטלעכע קאָפּעס אין בויך. לעווקאָוויטש האָט זיך געשטיקט, גע־פּרוּווט כאַפּן דעם אָטעם. פון דער נאָז האָט זיך אים אַ גאָס געטאָן אַ פרישער שטראָם בלוט, וואָס האָט זיך אויסגעמישט מיט דעם שוים אויף די געשוואָלענע ליפּן.

שלאַכטעל האָט זיך צוגעקוקט מיט הנאהדיקן בלישטש אין די אויגן.

— עס גיבט גאָרנישט צו מאַכן. מען מוז אַרבעטן, יידן, קאָמוניסטן, פראַנצויזישע, פּוילישע, אונגאַרישע – אַלציינס... גוט אַרבעטן מוז מען... און שלאָגן אייך מוז מען... יאַוואָהל... און ברענען אין קרעמאַטאָריע אויך...

ער האָט איצט גערעדט מיט אַ שמייכל, כּמעט צערטלעך, ווי ער וואָלט דערציילט אַ מעשהלע פאַר קינדער.

ווען דער אויפזעער מיט שלאַכטעלן זענען אַוועק, איז פרידמאַן צוגעגאַנגען צו לעווקאָוויטשן, געוואָלט אים העלפן אויפשטיין. לעווקאָ־וויטש האָט אויף אים געקוקט מיט אַן אַרויסגעזעצטן גלעזערנעם בליק. ס'האָט אויסגעזען ווי זיינע אויגן וואָלטן װעלן אַרויס פון די לעכער און לעבן באַזונדער, אַן דעם גוף, וואָס דאַרף אָט־אָט אויסהויכן דעם לעצטן אָטעם.

שיקאָרסקי, וואָס האָט געאַרבעט אין דער פראַנצויזישער גרופּע, האָט פון ערגעץ געבראַנגט וואַסער, געהאָלפן אים אַרומוואַשן.

— מע מוז אויסהאַלטן – האָט זיך פרידמאַן אַליין דערשראָקן פאַר זיין איבערחזרן סאַלאָווייטשיקס ווערטער. ער האָט באַמערקט דעם ציטער אויף לעווקאָוויטשעס געשוואָלן פּנים און באַקומען מער זיכערקייט אין קול — דו מוזט לעבן... די הילף איז שוין נישט ווייט.

אין אָוונט איז לעווקאָוויטש געלעגן אַן איינגעקורטשעטער אונטער דעם קאָץ און לאַנג נישט געקענט איינשלאָפן. אויסהאַלטן? איז דען

סאָלאָווייטשיקן איצט נישט בעסער? זיין קאָפּ ווערט אַלץ שווערער. ער גליטשט זיך, פּאַוואָליע, אָבער וואָס אַמאָל טיפער. אַרום איז פול מיט קרעכצן. פון דער רעכטער זייט, פון דער לינקער, פון אויבן, פון אונטן — אַלע קרעכצן, שטאַמלען פון היץ, קריצן מיט די ציין. עמעצנס אַ פאַרשלאָפענע האַנט האָט אָנגעצונדן אַ שוועבעלע, אַ בלוי רויכל. עס ווערט שטיל, און אַלע גליטשן זיך צוזאַמען אַלץ טיפער...

אַנטקעגן אים גייט אַ פרוי, איינגאַנצן אין ווייסן. זי גייט אויפהייבנ־דיק זיך פון דער טיף, פון דער פינצטער, נאָר אין די אויגן איז אַזאַ לויטערע געטרייקייט.

— אסתר... טייערסטע מיינע...

פון אַן אַנדער פינצטערווינקל קומט אַרויס אַ ייִנגעלע. זיינע שוואַרצע אויגעלעך זענען פול מיט שרעק.

„וווּ זענען זיי?“

פון געפייניקטן מוח רייסט זיך שגעון. אים ווייזט זיך אויס, אַז אַלץ ברענט, דער באַראַק, די מענטשן, אויך ביי אים אין מוח ברענט אַ גרויס העליש פייער... אסתר... דאַניעל... קרעמ... פון דער פאַרביילויפנדיקער כוואַליע דערינערונגען טיילן זיך אָפּ באַזונדערע, אָפּגעריסענע בילדער. אַ פינצטערער קעלער. אַ האַנט גיט אַריין עפּעס צו עסן. ס׳גייען טעג, חדשים. ביז איינמאָל באַווייזט זיך צוזאַמען מיט דער האַנט דאָס גוטע פּנים פון קוכאַרטשיקן. זיין קול ציטערט. זיי מוזן זיך זוכן אַן אַנדער באַהעלטעניש...

ווי ער זעט איצט אַלץ אַזוי ווונדערלעך־קלאָר. אסתרס שטים איז אַזאַ וואַרעמע. זי גלעט אים דעם צעווייטיקטן קאָפּ. — — —

— מערדער... הרגעט...

ס׳קול, אַ פאַרקייכטס, דערגייט פון צווייטן עק באַראַק. דאָס רעדט האַלצער. די נעכטיקע קלעפּ האָבן אים שוין אינגאַנצן משוגע געמאַכט.

— באַרויק דיך — שעפּטשעט עמעץ צו אים — וועסט גיין אין קרעמאַטאָריע.

ווידער פאַרגיסט אַלץ אַ געלער נעפּל. לעווקאָוויטש דערזעט איבער זיך אַ שוואַרצן פּיסק פון אַ מוראדיקער חיה. ער וויל שרייען, אָבער פון האַלדז רייסט זיך קוים עפּעס אַ טרויעריק כריפּען. די ציין פון דער מוראדיקער חיה בלישטשען אין דער פינצטערניש. זאָל זי שוין וואָס שנעלער איינבייסן זיך אין האַלדז און אַ סוף... פונעם געלן נעפּל ווערט שוואַרצע נאַכט. אַלץ הערט אויף צו עקזיסטירן...

עס האָט שוין געמוזט זיין גאָר שפּעט. לעווקאָוויטש איז געלעגן מיט פאַרמאַכטע אויגן, אָבער ער האָט אַלץ געפילט. עמעצנס באָרוועסע טריט... האַרטע אָנגעצויגענע שטומקייט. ער רייסט קוים אויף די וויעס. איבער אים בויגט זיך אַ פּנים מיט ברייטע אויפגעצאַפּלטע אויגן.

— דאָס ביסטו, פרידמאַן?

— ש ש ש, שטיל. דוכט זיך, די דייטשן זיינען אַוועק.

איז עס אפשר דער זעלבער חלום, וואָס דויערט ווייטער. ער עפנט ברייטער די אויגן. אַ שטיל גערודער. דורך די פענצטער גיסט זיך טונקעלע בלויקייט. לעווקאָוויטש וויל עפּעס אַראָפּלייענען פון פרידמאַנס לאַנג אויסגעצויגן פּנים. און מיטאַמאָל האָט זיך די פרידטשע צעוויגט אונטער אים, ווי אויף כוואַליעס. ער האָט דערפילט ווי אַלץ אין אים וועקט זיך. זיי האָבן זיך ביידע, שווער-אָטעמענדיקע, אַרומגענומען.

אינדרויסן זיינען געשטאַנען די מענטשן און מיט טויטלעכן פּחד אין די אויגן געקוקט אין דער גראָער ליידיקייט. אויף די וואַך-פּאָסטנס איז קיינער נישט געווען. אויף די מענטשנס צעקרומטע חושכדיקע פּנימער האָבן געצאַפּלט שרעק און האָפענונג. דער לאַגער איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין פאַרטאָגיקן נעפּל. די מענטשן האָבן זיך איינער דעם אַנדערן אויסגעזוויזן ווי טונקל-גראָע פייגל, לאַנגע, פאַרשיטע מיט אַשקאָליריקן שטויב. די קולות זיינען פּאַוואָליע געוואָרן אַלץ לעבעדיקער.

— קריכט אַראָפּ פון די נאַרעס — האָט האַלצער געשריגן — מיר זענען פריי...

מען האָט זיך דרייסטער גענומען אַרויסרוקן, איבעררופן זיך מיט די אַנדערע באַראַקן. לעווקאָוויטש איז מיטגעריסן געוואָרן מיט דער פריידיקער צערודערטקייט. אַלדאָס פריערדיקע איז געבליבן אויסער אים.

ער האָט זיך פּלוצים דערפילט שטאַרק באַהאָפטן מיט אַלעמען אין אַ גרויס גליק, אַזאַ אומגעהויערס און שטאַרקס, וואָס קען וועלטן צעטראָגן.

— און אפשר איז עס אַ שפּיצל פון די היטלעריסטן — האָט זיך געהערט עמעצנס פאַרזיכטיק קול.

פרידמאַנס פּנים איז געוואָרן פאַרביסן. ער האָט פאַרקוועטשט די פויסטן און מיטן גאַנצן כּוח אַ וואָרף געטון אַ געשריי:

— מיר זיינען פריי!

דאָס געשריי, צעגלידערט אויף טויזנטער קולות, האָט זיך אַוועקגעקוילערט אין דער ווייטקייט, דורכגעלעכערט די אַרומיקע באַוועלדערטע בערג, צוריקגעקומען און איינגעקריצט זיך אין די הערצער.

— פריי!

די זון איז נאָכנישט געווען, אָבער די מענטשן האָבן זי ווי אַרויסגעפילט פון אומעטום. ס׳האָט זיך געדוכט, אַז טויזנטער מיילער שעפּטשען און זינגען אַזאַ פריידיק געזאַנג. וואָס מ׳קען נישט הערן, אָבער יעדער פילט עס.

פרידמאַן האָט מיטאַמאָל אין זיך דערפילט דעם ברען פון די אַמאָליקע יאָרן. ווען ער האָט געאַרבעט אַלס טוער אין פּראָפעסיאָנעלן פאַריין פון די שטריקער. ער האָט זיך גלייך גענומען צו די, וואָס האָבן זיך געראַטשקעט אויף אַלע פיר, אָן כּוחות פון די נעכטיקע קלעפּ, צו די, וואָס האָבן באַהאַלטן זייער דיזענטעריע-קרענק, אויס מורא מ׳זאָל זיי נישט נעמען אין ׳קרעמאַטאָריע. ער האָט אָרגאַניזירט מעדיצינישע הילף, איינגעשטעלט דיזשורן, אויפגעשטעלט אַ וואַך ביים מאַגאַזין.

דער גאָלדענער פּאַס אויף מזרח איז געוואָרן וואָס אַמאָל ברייטער. פריילעך איז געוואָרן די גרינקייט פון די ווייטע לאָנקעס, פון די באַוועלדערטע בערג. דער הימל איז געוואָרן ריינער, בלאַסער. ערגעץ אויף מערב האָט נאָך נעפּלדיק געגרויט. דאָרט זענען אַוועק די רעשטלעך נאַכט, באַזיגטע דורך דער אויפגייענדיקער זון.

דעם גאַנצן טאָג האָבן נישט אויפגעהערט צו קוילערן זיך די דונערנדיקע שיסערייען, אָבער קיינער האָט נישט קיין מורא געהאַט. די שראַפּנעלן האָבן אויפגעריסן ערגעץ נעבן אַ נאָענטן שמעטל. אַ סך זיינען אַרויסגעגאַנגען צום שאָסיי, וואָס פירט קיין לעגניץ, זיינען דאָרט לאַנג געשטאַנען און געקוקט אין דער צעגרינטער ווייטקייט, אָבער קיינער האָט זיך פון דאָרט נישט באַוויזן.

— ווו זענען זיי, אונדזערע באַפרייער? פאַרוואָס דויערט עס אַזוי לאַנג? — האָט די אומגעדולד געשריגן פון די קאַצעטניקעס.

— פאַרהאַלטן זיך – האָט איינער דעם צווייטן באַרויקט — אָט-אָט קומען זיי אָן.

ערשט צו אָוונט-צו איז מיטאַמאָל געוואָרן זייער שטיל. אפילו דאָס ווינטל האָט זיך ערגעץ איינגעוויקלט צווישן דיביימער און געוואַרט. פלוצים האָט פון זייער ווייט זיך דערהערט אַ גערויש. אַנגעצונדענע אויגן האָבן דורכגעריסן די בלויקייט, ווו עס האָט זיך באַוויזן

אַ טונקעלער פלעק. קיינער האָט נאָך קיין פנימער נישט געזען און שוין האָבן אַלע געפּאָכעט מיט די הענט, אַרויסברענגענדיק פון זיך הייזעריקע אויסרופן:

— רויטאַרמייער... דערלייזער... גליק אונדזערס...

דאָס גערויש פון די מאָטאָרן איז געקומען אַלץ נענטער, נענטער און מיטאַמאָל זענען ווי פון אונטער דער ערד אויסגעוואַקסן צוויי מאָטאָציקלען, וועלכע האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן די מענטשן.

די סאָוויעטישע זעלנער מיט אויטאָמאַטן פאַרוואָרפן אויף פּאָרנט האָבן געהאַט צעשמייכלטע פנימער. איינער אַ קליינגעוויקסיקער איז פלינק אַראָפּגעשפרונגען פון מאָטאָציקל, דערלאַנגט אַלע, וואָס זענען נעבן אים געשטאַנען, די האַנט. פון שטערן איז אים גערינען אַ פּערלדיקער שווייס.

— פון לאַגער?... קיין דייטשן זענען נישטאָ?... אין אַ האַלבע שעה אַרום וועלן אונדזערע דורכמאַרשירן.

עמעץ איז צוריקגעלאָפן צום לאַגער מיט דער ליכטיקער בשורה, און באַלד האָבן פון אַלע באַראַקן אָנגעהויבן ציען מחנות מענטשן צום שאָסיי, איילנדיק געשטעלט די פיס און פּאַוואָליע געררוקט זיך פאָרויס. די אָפענע שטערן אויפן צעפּראַלטן גראַנאַטענעם הימל האָבן געפלאַטערט, ווי טויזנטער ליכטלעך. די לבנה האָט זיך אויפגעהויבן הויך און געוואָרפן איבער די מענטשן ברייטע פּאַסן שיין, ווי זילבער-זיידענע סטענגעס.

אין יענער נאַכט האָבן זיך אויסגעמישט די ריחות פון בלומען און בענזין, צוזאַמען מיט דעם געדיכטן שטויב, וואָס ס'האָבן אויפגעהויבן די טראַסקענדיקע טאַנקן, פון וועלכע די ערד האָט געציטערט. און די מענטשן פון גראָס-ראָזען האָבן געלאַכט און געוויינט פאַר פרייד.

אין דער שיין, וואָס איז געפאַלן פון די פאַרבייאײלנדיקע אויטאָס, האָבן די טאַנקן געצויגן אין לאַנגע רייען, איינע נאָך דער אַנדערער. די פנימער פון די סאָוויעטישע טאַנקיסטן האָבן אויפגעטויכט פון דער טונקלקייט ברייט-צעשמייכלטע, דערשוויצטע. אין זייערע אויגן האָט זיך געהעלט פרייד און דרייסטקייט. אַ סך האָבן געהאַלטן אין זייערע הענט בינטלעך בלומען.

דאָס געטראַסקעריי האָט נישט אויפגעהערט די גאַנצע נאַכט. די מענטשן פון גראָס-ראָזען זײַנען האַלב-פאַרחלשטע געשטאַנען. ווער ס'האָט

שטיל אין זיך געמורמלט ווערטער פון אומבאַשרייבלעכן גליק, ווער ס'האָט נאָך כוח געהאַט און הויך אויסגעשריגן זיין פרייד מיט די דער-לייזער און באַפרייער. די סאָוויעטישע זעלנער האָבן, אַראָפּרייסנדיק פון קאָפּ די היטלען, פריילעך געשאָקלט מיט זיי אינדערלופטן.

אַ זעלנער, וואָס איז געזעסן אינדערהויך אויפן טורעמל פונעם טאַנק, האָט געשפּילט אויף אַ האַרמאָשקע. מ'האָט אים קוים געהערט. דאָך האָבן די מענטשן אָנגעהויבן באַוועגן מיט די אָרעמס, געפּרוּווט צי די פיס האָבן נאָך כוח זיך אַוועקצולאָזן אין טאַנץ. די פריילעכע קלאַנגען האָבן זיך אַריינגעריסן אין די מוחות, אין די הערצער.

לעווקאָוויטש איז געשטאַנען און געשוויגן. זיין פּנים איז געווען בלוילעך, ווי דער גראַניט פון דער שטיינהאַקעריי. זיינע געשוואָלענע ליפּן האָבן געציטערט ווי אין אַ שפּרוך צו זיך אַליין: באַפרייער... סאָוויעטישע העלדן...

ענדלעך האָבן זיך פון די לאַנגע רייען אָפּגעריסן עטלעכע אויטאָס, פאַרקערעוועט אין דער זייט. די אַראָפּשפּרינגענדיקע זעלנער האָבן זיך שנעל אויסגעמישט צווישן עולם. יעדער איז געווען גליקלעך, ווען ס'איז אים געלונגען צו דערפילן זייער וואַרעמען האַנטדרוק. די פאַרגליווערטע ביטערניש, וואָס האָט יאָרנלאַנג פאַרפּאַנצערט זייערע קוים-שלאָגנדיקע הערצער, האָט געפּלאַצט.

זיי האָבן שטום אַרומגענומען די זעלנער, געקושט די הענט, די מונדירן. אָבער די מענטשן פון גראָס-ראָזען האָבן געפעלט ווערטער, וואָס זאָלן אויסדרוקן די אומגעהייערע פרייד, און די זעלנער זיינען געווען ווי צעמישט פון דעם, וואָס די מענטשן דאַנקען זיי פאַר זאַכן, וועלכע האָבן זיך זיי אויסגעוויזן נאַטירלעך און פּשוט.

נעבן לעווקאָוויטשן האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ ברייטפּלייציקער אָפי-ציר. זיין פּנים האָט אויסגעזען צו זיין אַ שטרענגס, דאָך האָט פון זיינע אויגן געשלאָגן אַ וואַרעמקייט. ער האָט דער ערשטער אויסגעצויגן צו אים די האַנט.

— וויפל זיינען פאַראַן ביי אייך קראַנקע, וועלכע דאַרפן גלייך אָפּגעפירט ווערן אין שפּיטאָל?

לעווקאָוויטש איז אַ מינוט געבליבן שטיין מיט אַן אָפן מויל פון פאַרוווּנדערונג. באַלד האָבן זיינע אויגן אָפּגעזוכט פרידמאַנען. זיין גלייכע פיגור האָט זיך אַרויסגעזען פון צווישן די צוזאַמענגעדריקטע מענטשן, וואָס האָבן געשלונגען יעדעס וואָרט פון דעם סאָוויעטישן אָפיציר.

פרידמאַן האָט זיך צוגעשטופּט צום אָפּיציר און אים געזאָגט, אַז ביי אַ צווייהונדערט מענטשן זיינען קראַנק אויף דיזענטעריע.

לעווקאָוויטש האָט געזען ווי דער אָפּיציר האָט עפּעס שטיל געזאָגט דעם דערנעבנשטייענדיקן זעלנער, און באַלד האָבן עטלעכע אויטאָס געריִרט אין דער ריכטונג פון די באַראַקן.

דער אָפּיציר האָט זיך אויסגעדרייט צו לעווקאָוויטשן.

— ווער פון אייך וואָלט זיך אונטערגענומען, ס'הייסט געפילט זיך גענוג געזונט צו באַזעצן די פאַבריק, וואָס געפינט זיך עטלעכע קילאָמעטער פונדאַנען?

— נו? — האָט ער ווייטער געצויגן נאָך אַ שווייגנדיקער פּויזע, פירנדיק זיין פאַרטראַכטן בליק איבער די מענטשן — מיר וועלן אייך געבן געווער. עסן וועלן מיר אויך צופירן.

צווישן די מענטשן האָט זיך עס צעראָיעט. אַלעמענס פּנימער האָבן אויפגעלעבט. באַלד זיינען אַלע געווען אויף די מאַשינען, מען האָט הויך גערעדט, געלאַכט. און געווישט די טרערן פון פרייד.

דאָס טויער פון דער פאַבריק און די פאָדערשטע אַדמיניסטראַציע-בנינים זיינען געווען גאַנץ, נאָר אינעווייניק האָט דער פּלאַץ אויסגעזען ווי אַ וואַלד מיט חורבות. עס זיינען געשטאַנען גאַנצע סקעלעטן, רעשט-לעך פון פאַבריק-האַלעס, פון וועלכע עס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט די אייזערנע אינגעווייידן, הילפלאָז אַראָפּהענגענדיקע שטאָלענע רערן, קאָנ-סטרוקציעס, צעקרומט און צעבויגן פון פייער.

פון צווישן די פעלדער מיט וויסטעניש האָבן זיך אַרויסגעזען עט-לעכע גאַנץ-געבליבענע האַלעס.

— די עלעקטרישע אונטערסטאַציע איז גאַנץ — האָט געזאָגט דער אָפּיציר, אַרויסשפּרינגענדיק פון דער שאָפערקע — מ'דאַרף זי היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ.

ער האָט זיך גלייך געוואָנדן צו פרידמאַנען, ווי ער וואָלט אַרויס-געפילט אין אים דעם אָרגאַניזאַטאָר און פעיקן צו טראָגן די אחריות פאַר דער פאַבריק. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט זיך געוואונדערט, וואָס פרידמאַן איז אַ שטריקער, און נישט קיין מעטאַל-אַרבעטער. דאָך איז ער מיט אים געגאַנגען איבער די פאַרשידענע האַלעס, געוויזן אים די וויכטיקסטע זאַכן, גלייך ווי ער וואָלט דאָ אַליין אַמאָל געאַרבעט. פון זיינע רייד האָט געשלאָגן דער גלויבן, אַז דאָס אַלץ וועט צוריק באַקומען לעבן.

די מענטשן, וועלכע זיינען ערשט נעכטן אַרומגעגאַנגען ווי פאַרפייניקטע שאָטנס, האָבן מיטאַמאָל אין זיך אַנטדעקט נייע כוחות. פרידמאַן איז ווי אויסגעוואַקסן, העכער געוואָרן. פון זיינע טיף־אַריינגעפאַלענע אויגן האָט געשלאָגן אַ היץ. ער איז געשטאַנען אויף אַ הויך בערגל צעבראָכענע ציגל און גערעדט צו די מענטשן. זיין שטים האָט געקלונגען מיט באַגייסטערונג, באַפעלעריש:

– מיט געווער אין האַנט וועלן מיר היטן די פאַבריק. די פאַבריק איז אונדז געגעבן געוואָרן אָפּצוהיטן. זי איז אונדזערע. צו אונדז וועלן קומען טויזנטער און טויזנטער פּוילישע אַרבעטער. מיר וועלן זי אויפבויען נאָך גרעסער ווי זי איז געווען...

דעם זעלבן טאָג נאָך איז פאָרגעקומען אַ רעגיסטראַציע פון פאַכמענער. לעווקאָוויטש האָט אָנגעפירט מיט דער גרופּע, וואָס האָט וועגבירט נייע אַרבעטער צווישן דער דייטשער באַפעלקערונג. געזען, אַז מע טוט זיי נישט קיין שלעכטס, האָבן פון די לעכער אָנגעהויבן אַרויסקריכן אַ סך יונגע דייטשן, דעזערטירן פון דער היטלעריסטישער אַרמיי. זיי האָבן זיך גערן אַליין געשטעלט צו דער אַרבעט. זייערע צעשראָקענע בליקן האָבן זיך ביסלעכווייז גענומען אויסלייטערן.

פרידמאַנען איז פשוט נישט געווען צו דערקענען. ער איז ווי העכער און ברייטער געוואָרן. פון זיין בלייכן פּנים האָט אויסגעפאַלן האָבן געברענגט צופירן מעל, ברויט, פאַרשידענע אַנדערע פּראָדוקטן, אויף צוריק האָט זיך פרידמאַן מיט זיי מיטגעכאַפּט, צוגעפאָרן אין די נאָענטע שטעטלעך זוכן פאַכמענער.

וועז ער איז נאָך עטלעכע טעג צוריקגעקומען מיט אַ גרופּע פאַכמענער, דייטשן און פּאָליאַקן, באַפרייטע פון אַנדערע לאַגערן, האָט אים לעווקאָוויטש געמאָלדן:

– דריי האַלעס זיינען געבראַכט געוואָרן אין אָרדענונג. אומעטום גרייט מען זיך אָנצוהויבן די אַרבעט.

עס איז באַשלאָסן געוואָרן צו רופן אַ פאַרזאַמלונג, אויסצוויילן אַ פאַבריק־ראַט.

זיי זיינען זיך צונויפגעקומען אויף דעם פּלאַץ ביים טויער פון דער פאַבריק.

האַלצער מיט זיין בריגאַדע האָבן דאָ אַ גאַנצן טאָג געאַרבעטביים אָפּרייניקן דעם פּלאַץ. איצט זיינען זיי אויך געווען פון די ערשטע. ער האָט נאָך אַלץ געהאַט אַ בלייך איינגעפאַלן פּנים מיט צעברענטע אויגן. ער איז געשטאַנען נעבן פרידמאַנען און איינגעטענהט מיט אים וועגן שאַפן בעלקעס צו די סופיטן. ער איז פון פאַך אַ סטאָליער, מכשירים זענען דאָ. מ'דאַרף זיך גלייך נעמען רעמאָנטירן. די מענטשן זענען זיך צונויפ-געקומען ביסלעכווייז. אַלעמענס פּנימער זענען געווען אויסגעדרייט אין דער ריכטונג פון די האַלעס, פונוואַנען ס'זיינען גרופּנווייז געגאַנגען אַהער די מענטשן, אָנגעטוענע אין די נייע אַרבעט-מלבושים, וועלכע מ'האָט געברענגט פון אַ פאַרשיטן מאַגאַזין. אַלע ווײַלע האָבן זיך געהערט אויסרופן:

— אָט גייט שוין וויגדאָראָוויטש.. שיעור נישט געווען אַ „מוזל-מאַן"... איצט איז אים שווער אָוועקצורייסן פון דער האַלע.

— און זאַלצבערג? ער איז דאָך ווי צוגעזאָטן געוואָרן...

— שיקאָרסקי גייט אויך. אָט, אַ גבורהדיקער מאַנטער...

— גאָלדענע הענט האָט ער...

די קולות זענען געוואָרן וואָס אַ מאָל לעבעדיקער און רוישיקער, נאָר אָט האָט עמעץ געברענגט אַ שמאָלן פּולט, צוגעדעקט מיט אַ רויטן לייוונט. אויפן פּלאַץ איז מיטאַמאָל שטיל געוואָרן. פון דער אָפּגערייניקטער ערד האָבן זיך געכוואַליעט פייכטלעכע ריחות. פון דער ווייטער שלאַקסערײַ האָט עס געזונגען מיט מעטאַלענע קלאַנגען. עמעץ האָט זיך נאָך דאָרט נישט געקענט אָפּרייסן פון דער אַרבעט. לעווקאָוויטש, מיטן אויטאָמאַט פאַרוואָרפן אויף די פּלייצעס, האָט געקוקט אויף די מענטשן און אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איין גרויסער לויטערער שמייכל האָט אַרומ-גענומען די ערד מיט די מענטשן, מיט דער פאַבריק.

— אונדזער פאַבריק — האָבן זיינע ליפּן שטיל געשעפּטשעט.

מיטאַמאָל האָט עס פון צענדליקער ברוסטן אַרויסגעזונגען:

„שטייט אויף איר אַלע, ווער ווי שקלאַפן..."

אַ ליכט, וואָס איז געקומען פון צעגליטע הערצער, האָט געשיינט איבער די אָפּגעצערטע פּנימער. דאָס געזאַנג פון אינטערנאַציאָנאַל איז פון מינוט צו מינוט געוואָרן אַלץ רוישיקער, מונטערער און ברויזנדיקער.

שפּעטער איז פרידמאַן אַרויפגעשפּרונגען אויף אַ קאַסטן. ער איז געשטאַנען אַ דערהויבענער, אַ צעלויכטענער און צעוויגטער. די שטראַלן פון דער מערבדיקער זון האָבן אויפגערודערט דאָס פייער אין זיינע אויגן.

זיינע פשוטע ווערטער זיינען ווי דורכגענומען געוואָרן מיט דעם פלאַם:
— עס זיינען די לעצטע טעג פון פאַשיזם — האָט זיין קול געדונערט איבערן גאַנצן פלאַץ — צוזאַמען מיט דער סאָוויעטישער אַרמיי מאַרשירן אויך פוילישע פרייהייט־קעמפער. די ערד, אויף וועלכער מיר זיינען אָפּגעגאַנגען מיט בלוט, איז איצט אונדזערע. קיינער וועט זי פון אונדז נישט אָוועקנעמען. נישטאָ דער כוח, וואָס זאָל אימשטאַנד זיין אָנטקעגנצושטעלן זיך דער מעכטיקער באַפרייונג־אַרמיי פון ראַטן־פאַרבאַנד.

די מחנה שטייענדיקע מענטשן האָט זיך אַ וויג געטאָן. עס האָט אויסגעזען ווי אַן איבערפלאַך, אונטער וועלכער עס הויבן זיך שטורמישע כוואַליעס. פרידמאַן האָט נאָך גערעדט וועגן האַרעפּאַשנעם מענטש, וואָס קאָן באַווייזן ווונדער, ווען די אַרבעט איז אַ באַפרייטע. ער איז אַלץ מער מיטגעריסן געוואָרן פון זיינע אייגענע ווערטער, פון דער געשפּאַנטקייט אויף אַלעמענס פּנימער.

ווען ער האָט געענדיקט, איז שיקאָרסקי שוין געשטאַנען נעבן אים מיט דער רשימה פון די קאַנדידאַטן צום פאַבריק־ראַט. אויף דער רשימה איז אויך געווען לעווקאָוויטש. באַלד האָבן פון אַלע זייטן זיך געהערט קולות, וואָס האָבן גערופן, אַז פרידמאַן זאָל ווערן פאָרזיצער פון פאַבריק־ראַט. פרידמאַן האָט זיך אין אָנהייב געווערט. אָבער די קולות זיינען געוואָרן אַלץ העפטיקער און אייגעשפּאַרטער.

ווידער האָט זיך צעקלונגען דער אינטערנאַציאָנאַל און עס האָט אויסגעזען, ווי צוזאַמען מיט דעם ריזיקן הויף מענטשן האָבן זיך אויך געפרייט און מיטגעזונגען: די מערבדיקע זון, די ווייטע ביימער מיטן גראָז פון די אויסגעשפּרייטע לאָנקעס, דער הימל און די ערד.

עס איז שוין געווען גוט טונקל, ווען אַלע זיינען זיך פאַנאַנדערגעגאַנגען. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט דער אויסגעוויילטער פאַבריק־ראַט אָפּגעהאַלטן זיין ערשטע באַראַטונג, אויף וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן אָנצורופן די פאַבריק מיטן נאָמען „די מלוכהשע אונטערנעמונגען פון פרעציזיע מעטאַל־אויסאַרבעטונגען".

לעווקאָוויטש מיט פרידמאַנען זיינען צוזאַמען אַהיימגעגאַנגען. דאָס געסל, ווו זיי האָבן געוווינט, האָט זיך געצויגן באַרג־אַרויף. פאַרן אַריינגאַנג אין דעם שטאָקיקן הייזל האָבן זיך ביידע גלייך אָפּגעשטעלט, פאַרסאַפּעטע פון מידקייט און פריידיקע איבערלעבונגען. פון דער הויך, פון

די באַוועלדערטע בערג איז דערגאַנגען אַהער דאָס שטילע רויקע שעפּ־טשען פון די בוימער. לינקס, פונעם ווייטן שאָסיי איז געקומען אַ טויב גערויש פון מאַשינען, וואָס האָבן אָן אויפהער געאײַלט אין דער ריכטונג פון דער בערלינער אויטאָסטראַדע.

— און דאָך האָבן מיר עס דערלעבט — איז פרידמאַנס קול געוועזן דורכגענומען מיט גליק — שוין נישט געגלויבט... אַזאַ קאָשמאַר...

לעווקאָוויטש האָט שטיל אויפגעשוידערט, ווי ער וואָלט מיטאַמאָל דערפילט די נאַכטיקע קילקייט.

— ווי מיינסטו, אפשר געדאַרפט צופאָרן קיין קראָקע זען צי עס לעבט נאָך עמעץ פון אונדזערע?

פון אַ דערנעבנדיק הויז מיט פאַרלאָשענע פענצטער האָט זיך מיט־אַמאָל דערהערט אַ שטיל שפּילן פון אַ פלייט, צוערשט לייכט, שטיל, ווי אַ זיידענער פאָדעם, געשפּונען מיט מיידלשע פינגער, נאָר וואָס ווײַ־טער, אַלץ שטאַרקער, הייסער און רופנדיקער. ביידע זענען אויף אַ ווײַל געבליבן שטיין, איינגעהערט זיך אין דער וווּנדערלעכער מוזיק.

דאַן האָט זיך פרידמאַן אויסגעדרייט צו לעווקאָוויטשן מיטן גאַנצן פּנים און אָנגערופן זיך שטיל, אָבער דייטלעך, אַקצענטירנדיק יעדעס וואָרט:

— אפשר... אפשר לעבט ווער... אָבער איצט טאָרסטו נישט אַוועק־פאָרן פונדאַנען. מיר האָבן אויף זיך גענומען אַ גרויסע אויפגאַבע — אויפבויען די פאַבריק.

רעפּאָרטאַזשן

אין קוילנגרובן

די בריגאַדירן אַדאַמיק און גלאַדיש אַרבעטן שוין יאָרנלאַנג אין פאַרשידענע קוילנגרובנס. ביידע האָבן דאָס דאָזיקע פאַך איבערגענומען בירושה. זייערע טאַטעס זענען אויך געווען קויל־גרעבער, געאַרבעט אין די זאַגלעמביער גרובנס און דאָרט אויך געענדיקט זייערע לעבנס. אַדאַ־מיקס פאָטער איז געהרגעט געוואָרן אויפן אָרט בעת אַ קאַטאַסטראָפע. גלאַדישס פאָטער איז געשטאָרבן אויף שווינדזוכט.

שפּעטער זיינען ביי זיי די מאַמעס גאַנצע טעג געשטאַנען ביי די באַליעס וועש, שעהן־לאַנג אין דער נאַכט געפּרעסט. די שוועסטערלעך האָבן די שווערע קוישן אָפּגעטראָגן צו די רייכע באַלעבאַטים און פון דאָרט געבראַנגט פרישע קוישן מיט שמוציקע וועש.

גלאַדיש איז געווען דער עלטסטער אין שטוב און כאָטש ער האָט שוין דעמלט געאַרבעט אין גרובן, האָט עס נאָך אַלץ אויסגעזען, אַז די מאַמע האָרעוועט אויף אים, ווייל פון זיינע פאַרדינסטן האָט קוים גע־קלעקט אויף דירה־געלד פאַר דער ווילגאָטנער שטוב, ווו דער טאָג האָט שטענדיק אויסגעזען ווי איין גרויסער פאַרנאַכט. דורך דעם קליינעם פענצטערל האָט מען נאָר געזען די נאַקעטע מויער פון דעם אַנטקעגנאיי־בערדיקן הויז, ווו עס האָט געוווינט אַדאַמיק מיט זיין מוטער און שוועסטער אין אַזאַ זעלביקער דירה.

אַדאַמיק איז פריער פון גלאַדישן געוואָרן אַרבעטסלאָז. יענע צייט האָט זיך אים גוט איינגעקריצט אין זכרון. דעמלט האָט ער געוומען באַגרייפן די גרויסקייט פון אַרבעט און די עוולה וואָס געשעט דעם אַרבעטנדיקן מענטש.

אין אָנהויב, ווי נאָר ער האָט פאַרלוירן די אַרבעט, איז ער נאָך אויפגעשטאַנען יעדן אינדערפרי און זיך געלאָזט צום קוילנגרובן. ביים לעצטן ראָג פלעגט ער שטיין בלייבן און דורכלאָזן די לאַנגע כוואַליע פאַרחושכטע מענטשן, וואָס האָבן זיך געשלעפּט צו־פוס און אויף ראָווערן.

ער האָט לאַנג געקוקט אויף זיי. אַלע איילן זיך, בלויז ער איז קיינעם נישט נויטיק.

אַן איבעריקער מענטש.

שפּעטער איז ער צוזאַמען מיט נאָך אַ סך אַרבעטסלאָזע געגאַנגען זוכן עפּעס באַשעפטיקונג. געווען אַזעלכע, וואָס האָבן באַקומען. די אי-בעריקע האָט זיך דעמלט אויסגעוויזן, אַז זיי וועלן שוין מער קיינמאָל קיין שום נוצן נישט ברענגען דער וועלט.

דאָס זוכן אַרבעט האָט מיט יעדן טאָג אויסגעזען אַלץ מער אָן אַ ציל. ער האָט גענומען אויסמיידן די באַוועגלעכע גאַסן און מענטשן, וואָס האָבן געהאַט באַשעפטיקונג, געשלעפּט זיך איבער די פּאַרקן, אויפן בית-עולם.

אַ סך שעהן האָט אַדאַמיק אַוועקגעגעבן דעם דאָזיקן בית-עולם, די קברים פון אומבאַקאַנטע מענטשן. שטיל איז דאָרט געווען און שיין. ער געדענקט נאָך היינט אַלע געדרייטע סטעזשקעס, אַלטעביימער און מצבות, פּשוטע שטיינער, באַוואַקסענע מיט גרינעם שימל. אין יענער צייט האָט ער אויף אויסנווייניק געדענקט די דאַטעס, ווען די מענטשן זענען געבוירן געוואָרן, געשטאָרבן, געקענט דעם יחוס פון גאַנצע משפּחות.

עס האָט זיך אים געוואָרפן אין די אויגן, די גרויסע צאָל פּאַר-שטאָרבענע יונגערהייט. אַזויפיל זיבעצן און אַכצן-יאָריקע. אַ סך נעמען זענען אים געווען באַקאַנט. זיי האָבן געאַרבעט אין די קוילנגרובן. אין דער אַרומיקער שטילקייט האָט ער געהערט זייער פּראָטעסט קעגן די שולדיקע אין זייער פריצייטיקן טויט.

עס איז געווען ווי ס׳וואָלט אין אים געבוירן געוואָרן נאָך אַ מענטש. וועלכער האָט אים געענטפערט אויף זיינע געשטעלטע פראַגן: דאָס איז דערפאַר, ווייל די באַלעבאַטים זאָרגן נאָר פאַר זייערע קעשענעס, אויפן חשבון פון טויזנטער.

אין אָנהייב — נישט קלאָר, דערנאָך אַלץ קלאָרער און שאַרפער האָט זיך אָנגעהויבן וועקן אין אים די האָפענונג, אַז עס מוז קומען דער טאָג, ווען דער אַרבעטער וועט ווערן דער באַלעבאָס.

שפּעטער איז אויך גלאַדיש געוואָרן אַרבעטסלאָז.

עס איז געווען דעמלט, ווען אַדאַמיק איז אַ גאַנצן טאָג נישט גע-ווען אין שטוב, אַרומגעדרייט זיך אין די גאַסן ביז שפּעט אין אָוונט. מיטאַמאָל האָט זיך אין דער אָנקומענדיקער פינצטערניש דערהערט

אַ שווער געשריי פון אַ גרויסן המון. ער האָט געווירקט ווי אַן אַר רוף. אין דער שוואַכער שיין פון גאַז־לאַמטערן האָט געכוואַליעט אַ טונ־קעלע מאַסע און געשריגן. אַדאַמיקן האָט דאָס האַרץ גענומען האַסטיק קלאַפּן. ער האָט זיך געשטופּט נענטער. דער געשריי איז געוואַקסן. קיין ווערטער האָט ער נאָר אַלץ נישט פאַרשטאַנען. מיטאַמאָל האָט זיך אים גענומען אויסדוכטן, אַז די ווערטער האָבן אַ שייכות אויך צו אים. פון דער כוואַליענדיקער מאַסע האָבן זיך גענומען אַרויסשיילן באַקאַנטע פּנימער.

אין משך פון לאַנגע יאָרן האָט אין אַדאַמיקס אויערן נישט אויפ־געהערט צו קלינגען יענער מעכטיקער געשריי פון די מאַסן. ער האָט געוועקט באַגייסטערונג, צאָרן און אומרו. ער האָט מיטאַמאָל פאַרטריבן די מאַכטלאָזע איינזאַמקייט און די אָפּגעשוואַכטע מוסקולן אָנגעגאָסן מיט גלוט.

ער איז געשטאַנען אַן אומבאַוועגלעכער אויפן טראָטואַר און געקוקט ווי עס מאַרשירן פאַרביי די מענטשן מיט רויטע פענער, מיט טראַנספּאַ־רענטן. ער האָט געזען אויפגעריסענע מיילער, וואָס רופן: ברויט, אַרבעט! און מיטאַמאָל האָט ער דערהערט זיין נאָמען: „וואָס שטייסטו און גאַ־פּיעסט? קום אַריין אין די רייען!"

דאָס איז געווען גלאַדיש.

עס איז אָנגעקומען פּאָליציי, צופוס און אויף פערד. די מאַסע האָט זיך אַ וויג געטאָן אַהין און צוריק. דער קאַמף אין דער נאַכט האָט גע־דויערט נישט לאַנג. דאָס געשריי איז ווי מיטאַמאָל איבערגעריסן גע־וואָרן, ס'איז געוואָרן שטיל, מאָדנע שטיל.

אין יענעם אָוונט האָט אַדאַמיק אָפּגעפירט גלאַדישן אַהיים אַ צע־בלוטיקטן.

אין אַ צייט אַרום זענען זיי צוזאַמען געפאָרן קיין פראַנקרייך, וווּ זיי האָבן געאַרבעט אין די קוילנגרובן. די געמיינזאַמע איבערלעבענישן, די בענקשאַפט נאָך דער היימישער ערד האָט זיי ביידע שטאַרק צוגע־בונדן צו זיך. זיי וואָלטן זיך קיינמאָל נישט צעשיידט, ווען נישט די אַרבעטסלאָזיקייט, וועלכע איז אויך אין פראַנקרייך געווען אַ געטרייע באַגלייטערין פון יעדן אַרבעטער.

אַדאַמיק איז אַוועק אין אַן אַנדערן גרובן זוכן באַשעפטיקונג. שפּע־טער איז געקומען די מלחמה. די היטלעריסטן האָבן אים אַרויסגעפירט

אויף אַרבעט אין די וואַלבזשיכער קוילנגרובן, ווו די באַדינגונגען זיינען געווען אכזריותדיקע.

אַדאַמיק האָט געוווסט וועגן דער וויכטיקער ראָל פון קוילן פאַרן פראָנט. דאָס האַרץ האָט וויי געטאָן פונעם געדאַנק, אַז מיט זיין אַרבעט העלפט ער צו דעם פאַשיסטישן שונא.

ער האָט זיך אָנגעהויבן נענטער צוצוקוקן און דערזען. אַז עפּעס קומט דאָ פאָר. אָט איז קאַליע געוואָרן דער אַגרעגאַטאָר, אָט האָט עס מיטאַמאָל אָנגעהויבן גיסן פון די אויבערשטע קאָרידאָרן. יעדן טאָג איז עפּעס אַנדערש געשען. פון צייט צו צייט האָט געסטאָפּאָ אָפּגעוואָרט ביים אַרויסגאַנג און פאַרנומען עמעצן פון די חברים.

עס האָט לאַנג געדויערט ביז אַדאַמיקן איז געלונגען צו ווערן נוצלעך פאַר די דאָזיקע מענטשן, אין וועלכע ער האָט דערפילט ברידער.

די דאָזיקע פּרטים האָב איך זיך דערוווּסט אין די לאַנגע שעהן, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט מיט דעם סעקרעטאַר פון דער פּאַרטיי-אָר-גאַניזאַציע אינעם וואַלבזשיכער קוילנגרובן „וויקטאָריאַ".

עס איז געווען אין די טעג, ווען אין דעם קוילנגרובן איז אָנגעגאַנגען דער קאַמף פאַרן ציקל. דאָס צימער פונעם פּאַרטיי-סעקרעטאַריאַט האָט דעמלט געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מיליטערישן שטאַב. דער סעקרעטאַר, לעאָנטשוק האָט נישט אַרויסגעלאָזט דאָס טעלעפאָן-טרייבל פון האַנט. ער האָט פון דער הייך נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון יעדן פּראָצעס, די רעגולערע ליפערונג פון די האָלץ-און קוילן-טראַנספּאָרטערן, דעם פאַנאַנדערשטעל פון די גרופּן. ס'האָט אויסגעזען ווי אין דעם גאַנצן קוילנגרובן וואָלט נישט עקזיסטירט מער ווי די איינע זעקסטע אָפּטיילונג. פון זיין ברייט באַוועגלעך פּנים און קורצע פאַראָרדענונגען האָב איך געלייענט דעם גאַנג פון דער ציקל-אַרבעט. די לופט איז פול געווען מיט שפּאַנונג און דערוואַרטונג.

ווען אַדאַמיק איז נאָכן פאַרענדיקן די אַרבעט אַריינגעקומען אין סעקרעטאַריאַט, האָבן לעאָנטשוק אויגן זיך געצויגן צו אים מיט אויסערגע-וויינלעכער וואַרעמקייט.

— אַ שווערער טאָג געווען?

אויף אַדאַמיקן האָט זיך נישט געזען קיין מידקייט. זיינע שמאָלע אויגן האָבן הייס געלויכטן; אַלע אברים זיינע האָבן געאָטעמט מיט כּוח, מיט גבורה.

אין די שפּעטע אָוונט-שעהן, ווען כ׳בין אין דער צעהוליעטער שניי-זאַוויערוכע געגאַנגען צו לעאָנטשוקן אַהיים. איז נאָך אין אים געווען די פרייד פון דעם גרויסן נצחון. דאָס פּנים זיינס איז געווען ליכטיק. כ׳בין געווען זיכער, אַז ער נעמט מיר גלייך דערציילן ווי אַזוי עס איז אַדורך דער היינטיקער ערשטער ציקל-טאָג. אָבער ער האָט פריילעך אויסגערופן:

— ס׳איז זאַוויערוכע! ווי מחיהדיק פּריש, אַלץ איז ווייס, אַפילו די שאָכטע... אָט קום איך ערשט פון דאָרט. קיין טראָפּן שוואַרצקייט זעט מען נישט.

ביים טיש איז געזעסן אַ יונגער בחור פון אַ יאָר צוואַנציק. ער האָט זיך אָנגערופן:

— די קוילנגרעבער האָבן נאָך ביי טאָג דערשמעקט די זאַוויערוכע. מיר זיינען אַרויפגעקומען פון אונטן איז נאָך דער הימל געווען ריין. אָבער דער שטיגאַר טשערני האָט געזאָגט, אַז עס וועט זיין אַ שטורעם.

— אָבער אַזאַ שטורעם ווי עס איז היינט געווען אונטן האָט נאָך „וויקטאָריאַ" נישט געהאַט...

פון ביידע האָט אַרויסגערעדט אַזאַ צופרידנקייט, ווי זיי וואָלטן שוין לאַנג אַרויסגעקוקט אויף דעם שטורעם. עס איז גוט געווען פון דעם, וואָס אינדרויסן בושעוועט די שניי-זאַוויערוכע און דאָ אין שטוב איז אַזאַ היימישע, טרוקענע וואַרעמקייט, אַ ליכטיקע.

די גאַנצע צייט, וואָס לעאָנטשוק האָט מיר דערציילט וועגן דעם ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען דער צוזאַמענטרעף פון אַדאַמיקן מיט גלאַדישן, האָט דער יונגער בחור נישט אַראָפּגעלאָזט פון אים דעם בליק. אויף זיין העל פּנים האָט זיך געמאָלט דער אויסדרוק פון געשפּאַנטקייט. לעאָנטשוק האָט פאַרמאָגט אַ פאַרביקע שפּראַך. ער האָט מיט אַ נידריקער שטים דערציילט:

גלאַדיש איז די גאַנצע צייט געווען אין פראַנקרייך און איז צוזאַמען מיט אים געקומען קיין פּוילן. די באַגעגעניש מיט אַדאַמיקן, דאָס ענדערן די לעבנס-באַדינגונגען, דעם גאַנצן לעבנס-שטייגער, האָבן אויף אים גוט געווירקט. זיין אַפּאַטיע און צעבראָכנקייט זיינען שנעל פאַרשוווּנדן. איצט געהערט ער צו אַדאַמיקס פאַרביסנסטע „קעגנער"...

די געשפּאַנטקייט אויפן פּנים פון דעם יונגן בחור האָט מיטאַמאָל נאָכגעלאָזט. ער האָט זיך פלוצלינג צעלאַכט:

— אַ גאַנץ לעבן מיט אַזעלכע קעגנער — איז מען אַ גליקלעכער מענטש.

אינדרויסן האָט געשריגן דער ווינט. דער שניי האָט מיט דינע שפּיזלעך געשלאָגן אין די שויבן. איצט האָט דער יונגער בחור אויך אָנ-טיילגענומען אינעם שמועס. אין דעם ליכטיקן וואַרעמען צימער האָבן זיך איצט געוויקלט בילדער פון דעם גרויסן פיבער, וואָס "וויקטאָריאַ" האָט דורכגעמאַכט אין די לעצטע צוויי טעג.

עס האָט זיך אָנגעהויבן אין אָוונט, אויף דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז גערופן געוואָרן דורכן קאָמיטעט פאַרן אַרבעט-פאַרמעסט. עס זיינען אַרומגערעדט געוואָרן די פעלערן, וועלכע האָבן געשטערט אויסצופירן די גענומענע אויף זיך פאַרפליכטונגען. לעצטנס האָבן זיך איבערגעחזרט עטלעכע אַוואַריעס. אויף גלאַדישס שיכט האָט צוויי מאָל געפּלאַצט די טאַשמע.

אַדאַמיק, וועלכער איז מיט גלאַדישס בריגאַדע געשטאַנען אין פאַר-מעסט און האָט אַלעמען פאַרזיכערט, אַז נאָר זיין בריגאַדע און נישט גלאַ-דישס וועט באַקומען די פּרעמיע, האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

— אמת, ס'איז נישט גוט, חברים, מיר מוזן געפינען אַן עצה ווי אַזוי אַרויסצוהעלפן גלאַדישס בריגאַדע. איך פון מיין זייט גאַראַנטיר אייך, אַז גלאַדישס בריגאַדע וועט דעם פּלאַן אויספירן.

שפּעטער האָט גענומען אַ וואָרט דער פאָרזיצער פון קאָמיטעט, דער ח' סטאַי. ער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ צייטונג און אויסנווייניק געלייענט דעם אַפּעל פון ביטאָמער קוילנגרעבער, דעם זעטעמפּאָוויעץ קאָוושיק.

אַדאַמיק אַרבעט שוין העכער פופצן יאָר ביי דער „וואַנט". ער זעט איצט קלאָר וואָס פאַר אַן איבערקערעניש קאָוושיקס איניציאַטיוו וועט מאַכן אין דער אַרבעט. אָט האָט ער מיט אַ קורצער צייט צוריק זיך אַליין געזשאַלעוועט פאַר לעאָנטשוקן, אַז ער קען זיך נישט קיין עצה געבן. עס קומט די לעצטע האַלבע שעה פאַרן פאַרענדיקן די שיכט הויבן אַלע אָן צו „מאַנקירירן". די קוילן זיינען פאַרלאַדעוועט ביזן לעצטן קרישקעלע. מ'דאַרף זיך נעמען „שיסן" פריש. ווערט גלייך אַ בייז געמורמלעריי: וואָס? פאַר אַ פרעמדער בריגאַדע אַרבעטן? נישטאָ קיין

נאַראָנים... נו, אויסרעכענען געגוי פאַר אַ גאַנצן טאָג קען מען דאָך נישט. אַזוי ווערן יעדן טאָג פאַרפאַלן גאַנצע שעהן.

ח׳ סטאַי האָט געענדיקט. אין זאַל בלייבט הענגען די אַזוי אָפט איבערגעחזרטע פראַזע:

— ווער נעמט אַ וואָרט?

— מעגלעך, אַז אויך אַנדערע האָבן דעמלט פונקט ווי אַדאַמיק אָפּגעשאַצט די וויכטיקייט פון קאָווטשיקס איניציאַטיוו, אָבער קיינער איז נישט גענוג דרייסט געווען אַנצורופן זיך און ענטפערן דער ערשטער אויף זיין אַפּעל. אַדאַמיק האָט געזוכט מיט די אויגן אַן אונטערשטיצונג ביי עמעצן פון זיין בריגאַדע, אָבער אַלעמענס פּנימער זענען געווען שטום. קיינער האָט דאָן נישט אויפגעהויבן די האַנט, בכדי צו נעמען אַ וואָרט.

די פאַרזאַמלונג האָט זיך געענדיקט. אַדאַמיק צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע קוילנגרעבער פון זיין בריגאַדע זענען אַרויס אין גאַס און פּאַ־וואָליע שפּאַצירט אַהיים.

עס איז געווען טונקל און פראָסטיק. דער וועג אַהיים ציט זיך דורכן גרויסן פּאַרק, וואָס שטייט ווי אַרומגעגאַרטלט מיט פאַרשנייטע בערג. אַדאַמיקן דאַכט זיך שטענדיק אין דער שעה, אַז די ווייסע בערג הייבן זיך, וואַקסן העכער און העכער. ער האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט. ער פילט זיך דאָ היימיש צווישן די לאַנגע אַלייען, וועלכע דער שניי מאַכט נאָך טיפער און אומענדלעכער. זיי זיינען געגאַנגען שטיל, נישט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום העל־באַלויכ־טענעם ערן־טאָוול, פון וועלכן עס שיינט אַראָפּ דאָס גרויסע בילד פון פּסטראָווסקין. זיי האָבן זיך אָוועקגעזעצט אויף דער אַנטקעגנאיבער־דיקער באַנק און פאַרויכערט.

אינעם איינגעשטילטן פּאַרק, שוואַך באַלויכטן מיט לבנהדיקער העלקייט, האָט פּסטראָווסקיס פּנים אויסגעזען נאָך ענערגישער און אַרויסרופנדיקער. דער אונטערשריפט: „ווער גיט מער קוילן פון מיר?״ האָט נאָך שטאַרקער געוועקט די אַמביציע פון קוילנגרעבער. מיט אַ צייט צוריק איז דאָ געהאָנגען אויך דאָס בילד פון אַדאַמיקן מיט זיין בריגאַדע. אָבער שוין אַ לענגערע צייט ווי ער איז הינטערשטעליק. ווער איז שול־דיק דערין? אַמאָל פעלן אויס עלעקטרישע קאַבלען. אַ צווייט מאָל איז נישטאָ גענוג וועגעלעך, אָדער אַ פאַרשפּעטיקונג מיטן צושטעלן הילצער־נע בעלקעס. די ערגסטע צרה איז אָבער דאָס איבערלאָזן יעדן טאָג

קוילן פאַרן איבערנעמען די „וואַנט". ס'טרעפט, ביז עטלעכע צענדליק טאָן קוילן. אָנומלט, נאָך אַזאַ נישט פאַרענדיקטער וואַנט, איז די גאַנצע בריגאַדע געווען פאַרנומען בלויז ביים לאַדעווען די איבערגעבליבענע קוילן.

אין דער לופט איז געהאָנגען עפּעס נישט באַשטימטס. אין די אויערן האָבן געקלונגען די ווערטער פון פאַרזיצער: „לאָמיר אָננעמען דאָס געוועט אויסצופירן אַ ציקל אין מעת-לעת. „וויקטאָריאַ" מוז צוריק פאַרנעמען אַן אָנגעזעען אָרט אין לאַנד". אַדאַמיקס אָטעם איז געוואָרן האַסטיקער, מיט אַ פייף. ער האָט גערעדט מיט אַ גראָבן באַס:

— מיר האָבן, חברים, שלעכט געטאָן, געדאַרפט נעמען אויף זיך די התחייבות פון אַ גאַנצן ציקל אין מעת-לעת.

אין דער העלער שיין, וואָס איז געפאַלן פון דעם לאָמפּ איבערן ערן-טאָוול, האָט אַדאַמיק געזען די פאַרשטענדעניש, וואָס האָט זיך געמאָלט אויף די פּנימער פון די חברים.

אַדאַמיק האָט זיך אומגעקערט צום פאַרמעסט-קאָמיטעט און געמאָלדן זיין באַשלוס.

מיט גלאַדישן איז עס אַנדערש געווען. ער איז אַליין נישט געקומען מעלדן זיין באַשלוס, נאָר ווען לעאָנטשוק איז געקומען צו אים אַהיים, האָט ער אים געטראָפן זיצן ביים טיש, אָנגעשפּאַרט דעם קאָפּ אויף ביידע דלאָניעס. נעבן אים איז געווען צעשפּרייט די צייטונג פונעם היינטיקן טאָג. עס איז דאָרט געווען באַשריבן קאָוואַלטשיקס אויפטו, ס'בילד זיינס. אויף לעאָנטשוקס דערציילן אים וועגן אַדאַמיקס באַשלוס, האָט ער דעליקאַט צונויפגעלייגט די צייטונג, אַ טיפן צי געטאָן דעם אָטעם, געשוויגן אַ מינוט און מיטאַמאָל אַ זאָג געטאָן:

— ווען מיר הייסט עס אַרבעטן צוזאַמען, ביידע בריגאַדעס ביי איין וואַנט.

דער בלאָנדער בחור ביים טיש האָט זיך אָנגערופן:

— זייט איר, חבר סעקרעטאַר, ערשט דערנאָך געקומען צו אונדז אין דער בורסע?

— נו, יאָ. איר זייט דאָך שוין געשלאָפן אַלע.

איצט האָט דער בחור גענומען דערציילן, ווי אַזוי עס האָט אויסגעזען לעאָנטשוקס אַריינקומען אין יענער נאַכט און זיין שילדערן די נייע אָרגאַניזאַציע פון דער ציקל-אַרבעט. חברה יונגוואַרג האָט גלייך פאַרשטאַנען, אַז דאָ דאַרף פאָרקומען עפּעס זייער וויכטיקס, אַדאַנק

וועלכן דער קוילנגרובן „וויקטאָריאַ“ וועט באַקומען אַ גאַנץ נייעם אויס־זען. באַזונדערס שטאָלץ זיינען געווען די, וועלכע האָבן געהערט צו אַדאַמיקס און גלאַדישס בריגאַדעס.

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט, האָב איך נישט אין זיין פּנים, נישט אין זיין אויסשפּראַך, געקענט דערקענען, אַז דער דאָזיקער צוואָנציק־יאָריקער בחור איז אַ ייד. ער האָט געהאַט טונקל־גרויע אויגן, קורץ־געשוירענע בלאָנדע האָר און אַ פיין־געשניצטע נאָז, עטוואָס פאַ־ריסן, וואָס האָט צוגעגעבן זיין לענגלעך העל פּנים דעם אויסדרוק פון חוצפּה און זעלבסטזיכערקייט. ביז נישט לאַנג האָט ער געהערט צו די בומעלאַנטן. ער איז שוין צוויי מאָל געווען אויף דער רשימה אונטער דער אויפשריפט: „די וועלכע באַרויבן „וויקטאָריאַ“ אויף טויזנטער טאָן קוילן“. עס וואָלט אים אפשר דערפירט ביז אין געריכט, אָבער לעאָנ־טשוק האָט באַשלאָסן צו פּרוּוון אים באַאיינפלוסן און אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג.

— כ׳האָב געזען — פאַרטיידיקט זיך לעאָנטשוק — אַ געזונטן שיינעם יונג, אַ געשיקטן, ממש אַ געבוירענער קוילנגרעבער. ער איז מיר אַ שאָד געווען, דער ציגלפאַרב.

אונדזערע בליקן האָבן זיך צוזאַמענגעטראָפן. פון זיין דערציילן האָב איך זיך דערוווּסט פון דעם, וואָס ער האָט שוין דורכגעמאַכט אין זיין לעבן. בשעת דער אָקופּאַציע האָבן אים די עלטערן זיינע אין קראָקע אָפּגעגעבן צו אַן אָרעמער פּוילישער אַרבעטער־משפּחה, וועלכע האָט אים די גאַנצע צייט געהאַלטן ווי אַן אייגן קינד. ער האָט שוין געהאַט פאַר־געסן זיין אייגענעם נאָמען. ערשט ווען די מלחמה האָט זיך געענדיקט, האָבן זיי אים דערציילט, אַז זיינע עלטערן זענען צוזאַמען מיט טויזנטער אַנדערע יידן אומגעקומען אין בעלזשעץ. ער האָט געוואָלט האָבן זיין פריערדיקן נאָמען, האָבן זיי אים געמאַכט אַ נייע מעטריקע, אין וועלכער עס איז געווען זיין אמתער נאָמען: קלמן ציגלפאַרב.

אין שטאָט האָט מען אים ווייטער גערופן: קאַזשיק. אַזוי האָבן אים אויך גערופן די נייע יידישע חברים, וועלכע האָבן זיך צוזאַמען מיט אים געלערנט אין שול.

ציגלפאַרבן איז אָבער שווער געווען צו דעריאָגן די פאַרשווונדענע צייט. ער פלעגט בלייבן מיט אַ יונגערן חבר, וואָס האָט אים צוגעוויזן, ביז שפּעט.

— ווּ ביסטו געווען אַזוי לאַנג? — האָט אים געפרעגט די פרוי, וועלכע ער האָט גערופן מאַמע. זי איז געווען פאַרזאָרגט און האָט געקוקט אויפן זייגער. שפּעטער האָט זי אים געגלעט איבער די העלע האָר און געזאָגט:

— קינד מיינס, לערן זיך, לערן זיך. אונדזערס אַ מענטש קאָן היינט דורך לערנען אַ סך דערגרייכן.

איר מאַן, וועמען ציגלפאַרב האָט געהאַלטן פאַר אַ פאָטער, האָט שטאַרק געהוסט. איינמאָל, אַהיימקומענדיק פון שול, האָט ער די מוטער געטראָפן זיצן זייער אַ טרויעריקע. זי האָט אים דערציילט, אַז דעם טאַטן האָט מען גענומען אין שפּיטאָל. ער איז שווער קראַנק.

ציגלפאַרב האָט פאַר יעדן פּרייז געוואָלט העלפן די מענטשן, וועלכע זיינען צו אים אַזוי גוט און האָבן ריזיקירט מיט זייער לעבן פאַר אים. ער האָט באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין אַ פאַך-שול. אין דער בורסע האָט ער באַקומען פולע אויסהאַלטונג.

ווען מען האָט אין דער בורסע דורכגעפירט אַן אַנקעטע, ווער עס וויל פאָרן אין די קוילנגרובן אַרבעטן, איז ציגעלפאַרב געווען צווישן די ערשטע, וואָס האָבן זיך גלייך אָנגעכאַפּט דערין. די שווערקייט פון דער אַרבעט האָט אים אויף קיין האָר נישט געשראָקן. ער האָט אויך געוווּסט, אַז דאָ וועט ער גוט פאַרדינען און קאָנען אַרויסהעלפן מיט געלט די מענטשן, וועלכע האָבן אים פאַרטרעטן טאַטע-מאַמע.

דער שטיגאַר, וואָס האָט זיי געלערנט, איז געווען אַ גוטער יונג און געקאָנט געבן צו פאַרשטיין אַזוי, אַז ס׳זאָל צוגעבן חשק. שפּעטער ביי דער „וואַנט” איז אויך געווען אינטערעסאַנט און היימיש, ביז ס׳האָט זיך איינמאָל געמאַכט אַ קריגעריי, וואָס האָט זיך שיער נישט געענדיקט מיט אַ געשלעג.

עס איז געווען נאָך דער שיכט. זיי זענען געפאָרן מיט דער ווינדע אַרויף. ראַיעק, אַ יונגער קוילנגרעבער, אַ פּאַרטיי-אַגיטאַטאָר, האָט פּלוצים אַרויסגעפּלאַצט:

— האָסט שיעור נישט אָנגעמאַכט אַן עסק, קאַזשיק. ווייסטו דען נישט, אַז אונטן טאָר מען נישט רויכערן. ווען ס׳וואָלט אַזוי געווען גאַז... מ׳וואָלט אונדז אַפילו קיין לויה נישט געמאַכט. ס׳וואָלט געווען אַ סוף מיט אונדז אַלע. אָט וואָס אַ שנעק קאָן אָנמאַכן.

— אַ שנעק ביסטו אַליין — האָט ציגלפאַרב נאָך מער פאַריסן די נאָז.

די ווינדע האָט זיך אַ וואַקל-געטאָן. עמעץ האָט אים אָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. ציגלפּאַרב האָט נישט באַוויזן צו זען ווער. פינף שוואַרצע פּנימער האָבן אויף אים געקוקט מיט ברענענדיקער שנאה:

— אונטן טאָר מען נישט רויכערן.

צומאָרגנס איז ער נישט געקומען צו דער אַרבעט. שפּעט ביינאַכט האָט מען אים געבראַנגט צופירן אין דער בורסע אַ שיכורן. אין אַ וואָך אַרום האָט עס זיך איבערגעחזרט.

לעאָנטשוק האָט אין אים אויפגעוועקט עפּעס זייער דעליקאַטס. זיין יעדעס וואָרט וועגן פּלאַן האָט אים אַריינגעפירט אין אַ וועלט, וואָס איז אים ביז איצט געווען אומבאַקאַנט.

כ׳וועל זיין אַ גוטער קוילנגרעבער — האָט ער זיך דרייסט געזאָגט. ער האָט נישט געטראַכט וואָס אַזעלכעס ער וועט טאָן, ווי אַ שווימער, ווען ער שפּרינגט אין וואַסער, טראַכט נישט וואָס פאַר אַ באַוועגונגען ער וועט מאַכן. געפילט האָט ער, אַז עפּעס איז אים ליכטיקער געוואָרן אין די אויגן און ער זעט פאַר זיך קלאָרער דעם וועג, אויף וועלכן ער וועט דאַרפן גיין אין דעם נייעם לעבן.

פון דעמלט אָן האָט זיך צווישן אים און לעאָנטשוקן פאַרבונדן אַ האַרציקע פריינדשאַפט.

די ידיעה וועגן אַדאַמיקס באַשלוס האָט אים אינגאַנצן אויפגערו-דערט. ער האָט דערפילט אַ באַנייטע קראַפט. ענדלעך וועט זיך די אַרבעט אַ ריר טאָן. ער וועט באַווייזן לעאָנטשוקן, אַז ער איז נישט קיין בומעלאַנט.

אין דעם דאָזיקן טאָג איז ציגלפּאַרב געקומען אין קוילנגרובן פריער ווי אַלעמאָל. דער שטיגאַר טשערני האָט צוזאַמען מיט אַדאַמיקן און גלאַדישן צעשטעלט יעדע גרופּע, צו דריי מענטשן, ביי באַזונדערער אַרבעט. גלאַדיש אַליין איז געבליבן ביים „שיסן". ציגלפּאַרב מיט נאָך צוויי האָבן באַדאַרפט בויערן מיט די עגבער-מאַשינען. די איבעריקע זענען געוואָרן צוגעטיילט צום בויען און לאַדעווען.

ביי דער וואַנט, ביי וועלכער עס האָבן איצט געאַרבעט די פּאַריי-ניקטע בריגאַדעס פון אַדאַמיק און גלאַדיש, איז אין דער פאַריקער נאַכט איינגעפירט געוואָרן פאַוועלטשוקס אויפטו ביים פאַרלייגן דעם „פאַנצער".

נאָך אין דער הייך, פאַרן אַראָפּפאָרן אונטן, האָט זיך געקאָכט מיט דעם איינפאַל. אַלטע קוילנגרעבער האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס. זיי

האָבן שוין געאַרבעט אין פאַרשידענע קוילנגרובנס אין פראַנקרייך, אין אַמעריקע, פונוואַנען עס האָט זיי צוריקגעבראַנגט די בשורה וועגן אַ באַפרייט פוילן. אינערגעץ האָבן זיי נישט געהערט פון אַ "צוזאַמענ-שאַר-פאַנצער" אויף רעדלעך. אין די מאָדערנסטע קוילנגרובנס דויערט דאָס איבערטראָגן דעם "פאַנצער" גאַנצע ניין שעה און דאָ קומט צו גיין אַ יונגער שנעק און נעמט זיך אונטער אויסצופירן די אַרבעט אין אַ שעה מיט פופצן מינוט. דאָס קלינגט אומגלויבלעך.

די קוילנגרעבער, וועלכע זענען אַרויפגעקומען פון דער פאַרענדיס-טער נאַכט-שיכט, האָבן איבערגעגעבן, ווי זיי האָבן געהאָלפן פאַוועל-טשוקן איבעררוקן דעם פאַנצער אויף רעדלעך. ער האָט גלייכצייטיק גע-ענדערט דעם אינעווייניקסטן צוזאַמענשטעל פון דער געביידע. אַנשטאָט דעם אָנגענומענעם סיסטעם פון דריי בעלקעס. האָט ער איינגעפירט נאָר צוויי בעלקעס, און דעם "פאַנצער" פאַרפעסטיקט אין די נעסטן, געמאַכ-טע אין דער וואַנט.

אַדאַמיק האָט זיך דערפרייט. דער דאָזיקער אויפטו וועט אים אַ סך צוהעלפן אין דער ציקל-אַרבעט.

אַריינקומענדיק אין דעם שוואַך-באַלויכטענעם הויפט-דורכגאַנג, ווו די הייסע געשפּרעכן פון די קוילנגרעבער זענען ווי שטילער, געדעמפטער געוואָרן, האָט ציגלפאַרב פאַרשנעלערט די טריט. ער האָט שוין וואָס גיכער געוואָלט זיין אויף דעם שמאָלן "בריקל" און זיך אַליין איבער-ציי‏גן און דער ריכטיקייט פון פאַוועלטשוקס אויפטו. צו זיינע אויערן זענען נאָך דערגאַנגען אָפּגעריסענע ווערטער: „...סאַבאָטאַזש... עס וועלן זיין קרבנות...‟ ציגלפאַרב האָט געשוויגן. ער האָט זיך איצט דערמאָנט לעאָנטשוקס ווערטער:

— אַזאַ נאַטור ביי געוויסע מענטשן. שווער זיי צוצוגעוויינען צו נייע זאַכן. די מורא פאַרן נייעם איז אָפטמאָל גאַנץ געפערלעך. מע דאַרף עס באַקעמפן.

דאָס הייסע געפיל, וואָס האָט אויפגעפלאַמט אין יענעם אָוונט בעת דעם שמועס מיט לעאָנטשוקן, און וואָס איז שפּעטער געלעגן פאַרטוליעט אין ווינקל פון האַרץ, איז איצט שטיל געוואַקסן.

די, וועלכע אַרבעטן אין דער זעקסטער אָפּטיילונג פון קוילנגרובן „וויקטאָריאַ‟, קענען גוט דאָס דאָזיקע הייסע געפיל, וואָס איז אין יענעם טאָג פון גרויסן נצחון געשטיגן ביז גליק.

„וויקטאָריאַ" — דער אָפּגעשטאַנענסטער גרובן אין נידערשלעזיע — האָט אין יענעם טאָג איבערגעשטיגן דעם פּלאַן אויף הונדערט פּופצן פּראָצענט.

די נעמען פון אַדאַמיק און גלאַדיש און זייער טאַט האָבן דורכן ראַדיאָ אָפּגעהילכט אין גאַנצן לאַנד. אין אַלע רעדאַקציעס האָט מען מיט שפּאַנונג נאָכגעפאָלגט דעם גאַנג פון דער ציקל-אַרבעט. פון די פּאָדערשטע זייטן פון אַלע צייטונגען האָבן אַראָפּגעשיינט זייערע בילדער.

עס איז שוין געווען שפּעט נאָך האַלבער נאַכט, ווען ציגלפּאַרב האָט געענדיקט שילדערן די פרייד, וואָס האָט אין פאַרגאַנגענעם טאָג גע-הערשט צווישן אַלע אַרבעטער אין די קוילנגרובן. דער ווינט אינדרויסן האָט נאָך אַלץ געהוליעט, זיך געטראָגן ווי אויף ווייסע, הייס-צעקאָכטע פערד. לעאָנטשוק האָט זיך אָנגערופן:

— ווי וועט איר איצט גיין אין האָטעל אַריין?... אַזאַ זאַוויערוכע. איר וועט שוין בלייבן שלאָפן ביי מיר.

כ'בין לאַנג נאָך געלעגן מיט אָפענע אויגן, פאַרקוקט אינעם פענצ-טער, דורך וועלכן עס האָט אריינגעקוקט די נאַכט מיט אַראָפּגעלאָזטע ווייסע וויעס. צו מיינע אויערן איז דערגאַנגען ציגלפּאַרבס שטילער שעפּטש:

— ווי מיינט איר, חבר לעאָנטשוק, מיר וועלן באַווייזן צו דעריאָגן „כראָברי" און „מיעשקאָ"?

מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז איך זע ווי לעאָנטשוקס קלוגע אויגן און ליפּן שמייכלען. זיין ענטפער אָבער האָט געקלונגען ערנסט, ווי מיט אַ זיפץ:

— אָהאָ, מיר דאַרפן נאָך אַ סך אַרבעטן איבער אונדזער קאָלעק-טיוו און... הענט, ס'פעלן אַרבעט-הענט. נאָר דעריאָגן דאַרף מען...

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, איז שוין קיינער נישט געווען אין שטוב. אַ דינער, האַרטער שניי האָט געשלאָגן אין די פענצ-טער, צו וועלכע עס האָט זיך געטוליעט דער בלוי-ווייסער באַגין.

אין פאַרטיי-סעקרעטאַריאַט ביי לעאָנטשוקן האָט שוין געוואַרט אויף מיר דער שטיגאַר טשערני, וועלכער האָט מיך געדאַרפט באַגלייטן

בעת מיין באזוכן דעם קוילגרובן, ווייזן און באקענען זיך מיט די אינ־טערעסאנטע פרטים.

די לופט אין דעם אויסגעברייטערטן „דורכגאנג" איז געווען א גע־דיכטע. עס האט געשמעקט מיט פרישן אויפרייס. די העלע פלעמלעך פון די לאמטערנדלעך האבן פריילעך געבליצט. מיר האבן זיך באוועגט אין דער ריכטונג פון גלאדישס וואנט, פונוואנען עס האט זיך דערטראגן אהער, דער גערויש פון די עגבער־מאשינען.

לענגויס דער וואנט האבן די מענטשן געלאדעוועט די קוילן, וואס דער אויפרייס האט ארויסגעווארפן. פון דעם פאלן פון די קוילן אויף דער אייזערנער רינגע איז געגאנגען א פארטויבנדיק טראסקעריי. גרויסע שטיקער קוילן האבן אונטערשפרינגענדיק געגליטשט זיך אין דער טונקעלער און טיפער ווייטקייט.

די „וואנט" איז געווען א לאנגע. איידער מיר זענען צוגעקומען צו אדאמיקן, האבן מיר געמוזט דורכשפרינגען קופעס פריש־אנגעלייגטע שטעמפל־בעלקעס, אויסמיידן די רינגע מיט די ריזיקע שטיקער לויפנדי־קע קוילן.

— ווער קריכט עס דארט? — האט עמעץ, א האלב־נאקעטער, גע־שריגן אין אונדזער ריכטונג.

— ווו איז ערגעץ אדאמיק?

— עך, אדאמיק. א טייוול איז עס. ער איז ערשט דא געווען. איצט איז ער שוין געוויס אין צווייטן עק וואנט.

אין יענעם עק האט געארבעט דודעקס מעכאנישע קוילן־זעג. זי האט זיך מיט כריפעריי ארייננעשניטן אין דער וואנטביים סאמע דיל. דא איז אויך געשטאנען ציגלפארב און די אויסגעבויערטע עפענונג אנגעפילט מיט מעטאניט.

— צעלייג ווי ס׳געהער צו זיין דעם מעטאניט — איז נעבן אים גלייך אויסגעוואקסן אדאמיק. — מיר האבן אויף זיך גענומען אויסצו־ברענגען נישט מער ווי נייבצן דעקא אויף א טאן.

— א גאנצער מייסטער — האט עמעץ פון דער זייט בייז געמרוטשעט — א גאנצן טאג האלט ער היינט אין איין אייגברענגען, וועמען שפארט ער דאס, צו אלדי רוחות?...

די לעצטע ווערטער זענען ארויסגעקומען געגוג הויך. אדאמיק האט זיי אויך דערהערט. ער איז צוגעגאנגען נענטער, יענעם אונטערגעהויבן

דעם העלם, אַ סעקונדע אים אַריינגעקוקט אין די אויגן און ווי אויסגע־כריפּעט מיט אַ הייזעריק צעשפּאָלטן קול:

— פאַר וועמען איך שפּאַר? פאַר מיר, פאַר דיר, פאַר נאָזשיקן און פאַר דיינע זעקס ממזרים, וואָס דו קאָנסט זיי נישט באַשיכן... ווייל ביסט אַ פוילענצער... ווייל דיר איז נאָך אַלץ נישט אַריין אין פאַרשטאָפּטן קאָפּ, אַז דו אַרבעטסט און שפּאָרסט, נישט פאַר יענעם, נאָר פאַר זיך... וואָרט, כ׳וועל עס דיר סוף כל סוף אַריינהאַקן אין דיין מוח...

— קוקט אים נאָר אָן, אים דאַרט עס דער קאָפּ פאַר מיינע ממזרים — יענער האָט מיט כעס אַוועקגעוואָרפן די לאָפּאַטע און זי גלייך צוריק אויפגעהויבן. די אונטערשטע ליפּ האָט ביי אים געציטערט — דו האָסט נאָך געטראָגן קורצע הייזעלעך, ווען איך האָב שוין געאַרבעט אין די קוילנגרובן... און אַז היינט איז דער קוילנגרובן אַ בשותּפותדיקע זאַך, ווייס איך אויך פונקט ווי דו, אָבער אַרויסיאָגן די קישקעס דאַרף מען נישט, און דו האָסט היינט אַוועקגעשיקט אַכט מענטשן פון אונדזער וואַנט. מיינסט, איך וועל אַרבעטן פאַר זיי?...

אַדאַמיק האָט אָנגעשפּיזט אין אים זיינע אומגעוויינלעך בלישטשנ־דיקע אויגן:

— מיר וועלן נאָך שמועסן.

אויף דעם אָרט, ווו ציגלפאַרב האָט געאַרבעט, איז אָנגעגאַנגען אַן אימפּעטיק געיעג. פלינק און מונטער האָט זיך ציגלפאַרבס שמאָלער קערפּער געבויגן איבער דער מעכאַנישער עגבער־מאַשין. אַדאַמיקס שטים האָט דאָ געקלונגען קלאָרער און גלייכצייטיק עקשנותדיקער:

— שפּאָרזאַם מיטן מעטאַניט!

אויגן און לעמפּלעך בליצן אינעם שוואַרצן חלל פון דעם שמאָלן „פּאַראַלעל“. די שוואַרצע וואַנט ווערט אַלץ קרישלדיקער און נאָכגיביקער. זי איז שוואַרץ און גלאַנציק. אָבער די שטרעקע ביז אַראָפּ איז שוין קלאָר פאַר די אויגן. נאָך אַן אָנשטרענג, נאָך עטלעכע שעה — און ווידער איז הינטער זיך אַ פאַרטיקער ציקל!

אין דעם דאָזיקן טאָג האָט די פאַריינקטע בריגאַדע אַרויסגעריסן פון דער שוואַרצע גלאַנצנדיקער וואַנט מיט צוויי־הונדערט פּראָצענט איבער דער נאָרמע. אויפגעלאָדן און אַרויסגעפירט די אויסגעהאַקטע קוילן, אָפּגערייניקט דאָס אָרט ביי דער פרישער קוילן־וואַנט, כדי אויפצומאָרגנס פאַרענדיקן דעם צווייטן ציקל.

ווי שוואַרצע בייטן האָבן זיך באַוויגן אינעם הויפּט-דורכגאַנג די בריגאַדעס, וועלכע זיינען געקומען פון אַלע „פּאַראַלעלן״. ביים אָפּ-וואַרטנדיקן באַלקאָן-צוג האָט עס געראַיעט פון לעמפּלעך, עגבערס און אָפּגעדעקטע אָרעמס. זיי האָבן זיך געשטופּט אין די קליינע וואַגאָנדלעך צו פינף, צו זעקס. פון ערגעץ אַ וואַגאָנדל, נעבן לאָקאָמאָטיוו, האָט זיך אַהערגעטראָגן אַ לידל, פריילעך אונטערגעכאַפּט פון אַנדערע.

פונדערוויטנס האָט עס אָפּגעהילכט, ווי דאָס געזאַנג וואָלט געגאַנ-גען פון טויזנטער ברוסטן. כ׳האָב געפילט ווי אַדאַמיקס טריט נעבן מיר זיינען געוואָרן פייערלעכער, צום ריטם פון דעם געזאַנג. ער האָט געהאַלטן אינמיטן דערקלערן מיר פאַרוואָס ער האָט היינט אָפּגעשיקט עטלעכע מענטשן צו אַן אַנדערער וואַנט:

— ...איר פאַרשטייט, די בריגאַדעס אַרבעטן פּאַרייניקטע, כאַפּסט אַ קוק, זעסטו: אויף איין אָרט שטופּן זיך עטלעכע מענטשן ביי אַן אַרבעט, וואָס איינער קאָן עס אויספירן. אויף דער דריטער וואַנט פעלן אויס הענט. איר ווייסט דאָך... „וויקטאָריא״ פירט נישט אויס דעם פּלאַן. נו, האָב איך געגעבן מענטשן... גלאַדיש האָט מיך פאַרשטאַנען, אָבער נישט אַלע. מ׳וועט דאַרפן רופן דערוועגן אַ באַראַטונג.

ער האָט מיטאַמאָל פאַרשנעלערט די טריט און זיך דערנענטערט צו אַ האַלב-ליידיק וואַגאָנדל. דאָס איינציקע לאַמטערן-פלעמל האָט דער-ציילט וועגן דער אָנוועזנהייט פון אַ מענטש. אויף אונדזער אַריינקומען האָט זיך יענער טיפער אַריינגערוקט אין ווינקל. די שיין פון אונדזערע לעמפּלעך האָט אויפגעדעקט אַ לענגלעך צעקנייטשט פּנים, בייז-גלאַנציקע אויגן און אַן אַראָפּהענגנדיקע אונטערשטע ליפּ.

— נו, ווי מיינסטו? די אַרבעט איז היינט געגאַנגען בעסער ווי נעכטן? — האָט זיך אַדאַמיק ווי געררייצט מיט אים. ער האָט געמוזט רעדן הויך, ווייל דער באַלקאָן האָט געמומען רירן מיט אַ דונערדיקן טראַסקעריי. ער האָט זיך גוט-ברודעריש צוגערוקט נענטער צו אים און מיט אַ ווייכערער אינטאָנאַציע אין קול געוועדט:

— זאָגסט, ביסט אַן אַלטער קוילנגרעבער. נו, וויפל איז די נאָרמע ביי די וואַגאָנדלעך? פּופצן, אמת? פאַרוואָס האָסטו אין פינף שעה פאַר-לאַדעוועט זיבן, און אין די אַנדערע דריי — צען? שווייגסט. נו, ווייל דו ווייסט אַליין, אַז ס׳איז געווען צו ענג. זיי דו בריגאַדיר, וועל איך זען צי דו וועסט אַנדערש האַנדלען.

כ׳האָב גלייך דערקענט יענעם, וועלכער האָט זיך אַזוי געבייזערט אין „פּאַראַלעל״ אויף אַדאַמיקס אַוועקשיקן די מענטשן. ער איז איצט געשטאַנען אַן אויסגעצויגענער, ווייל ער איז געווען עטוואָס נידעריקער פון אַדאַמיקן. ער האָט אויף אים געקוקט דראָענדיק, פאַרשעריש.

— נו, וואָס ווילסטו? — האָט ער זיך אָנגערופן מיט אונטערגע־שטראָכענער ווילדערישקייט. אָבער מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז טיף אין זיינע אויגן האָט אַדאַמיק אויך באַמערקט דאָס, וואָס ער האָט אפשר געזוכט ביי אים: פאַרלעגנהייט און עטוואָס פאַרשעמטקייט. יענעמס הענט זיינען מיטאַמאָל ווי איבעריקע אַראָפּגעהאָנגען. ער האָט גאָרנישט מער געענטפערט. אַדאַמיק האָט אויסגעלאָשן און אָנגעצונדן ס׳לעמפּל און ווייטער גערעדט:

— ביים אָפּנעמען ס׳געלט וועסטו ערשט זען דעם חילוק, און „וויקטאָריא״ וועט מאַכן דעם פּלאַן. וועסט זען.

יענעמס קול האָט זיך שווער דורכגעשלאָגן דורכן האַלדז:

— נו הער שוין אויף צו צאַפּן ס׳בלוט? מיינסט „וויקטאָריא״ ליגט מיר נישט אין האַרצן?

ווען דער חבר לעצאַנטשוק האָט מיר אין עטלעכע טעג אַרום דער־ציילט וועגן דער רירנדיקער זעלבסטקריטיק, וואָס עס האָט אָפּגעגעבן אויף דער באַראַטונג דער קוילנגרעבער יענדרעק, האָב איך גלייך דערזען דאָס פּנים פון דעם מענטש פון וואַגאָנדל.

אין דער טיף פון הויף זיינען געשטאַנען די קוילנגרעבער און הייס אַרומגעשמועסט דאָס געשעעניש פון ציקל־אַרבעט. צווישן די גרופּעס דערוואָקסענע זיינען געווען אויך יונגע מענטשן. אויף זייערע שוואַרצע פּנימער איז געווען פייערלעכע ערנסטקייט.

— אונדזער „וויקטאָריא״ וועט איבערשטייגן דעם פּלאַן... — האָב איך געהערט עמעצנס קול, און מיר האָט זיך אויסגעוויזן, אַז ס׳גייט נישט פון איין מענטש, נאָר פון אַלע גרופּעס, פון וועמענס מיילער עס האָט זיך געוויקלט וואַרעמע פּאַרע.

פון דער גרופּע, וואָס איז געשטאַנען ביי דער וואַנט־צייטונג מיט דעם פּריש־אויפגעקלעבטן קאָמוניקאַט וועגן היינטיקן נצחון, איז צו מיר דערגאַנגען דאָס רויקע, איבערצייגנדיקע קול פונעם פּאַרטיי־אַגיטאַטאָר:

— ...זיכער איז אַדאַמיק אַ כוואַט, אַ העלד. אָבער אַז מיר וועלן אים נישט אַלע צוהעלפן, איז די גאַנצע אָנשטרענגונג אַרויסגעוואָרפן. דו, יאַנאַשעק, הערסט נישט אויף צו שרייען, מע זאָל אָרגאַניזירן

אַ קינדער-היים. ווילסט די מלוכה זאָל אויסגעבן אויף דיר געלט. פונוואַנען וועט מען עס נעמען, אַז דו וועסט כסדר „בומעלירן”, אָדער פאַרשפעטיקן, אָדער אינגאַנצן נישט קומען.

מיין בליק איז געפאַלן אויף ציגלפאַרבן, וועלכער איז געגאַנגען צוזאַמען מיט אַדאַמיקן.ביידע זענען שוין געווען אָפּגעוואַשענע, ווייסע, בלויז אין די וויעס איז נאָך געווען שוואַרצער קוילן-שטויב, וואָס האָט נאָך מער אונטערגעשטראָכן דעם העלן גלאַנץ פון זייערע אויגן, ווי ס'וואָלט זיך אין זיי אָפּגעשלאָגן דער שניי אויף די נידעריקע דעכער פון די ביורא-בנינים. מיטאַמאָל האָט זיך פון ראַדיאָ-הילכער דערהערט אַ נידעריק באַסאָווע קול:

— אין דער מינוט איז אַריינגעפלאָסן די מעלדונג פון אַדאַמיקן אין נאָמען פון דער פאַרייניקטער בריגאַדע, וועלכע נעמט אויף זיך די התחייבות אויסצופירן צוויי אַרבעט-ציקלען אין מעת לעת.

די מענטשלעכע גערוישן אויפן הויף האָבן אַ מינוט אויפגעהערט. ציגלפאַרב מיט אַדאַמיקן האָבן זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיר.ביידנס אויגן האָבן הייס געפלעמלט. ציגלפאַרב האָט זיך אָנגערופן דער ערשטער:

— קיין שום כוח וועט מיך נישט אַוועקנעמען פון אַדאַמיקס בריגאַדע.

ביידע האָבן געלאַכט. אַדאַמיק האָט אים געהאַלטן אַרומגענומען מיט דער לינקער האַנט אַרום דער טאַליע. ס'לאַכנדיקע פנים איז געווען עטוואָס אָנגעבויגן צו זיינעם. מיט דער רעכטער האַנט האָט ער אַרויסגענומען פון ציגלפאַרבן דעם נישט-דעררויכערטן פאַפּיראָס און עטלעכע מאָל זיך פאַרצויגן. עס איז אָנגעקומען גלאַדיש מיט אַ פעקל פרישגעקויפטע פאַפּיראָסן און, אויסשטרעקנדיק די האַנט, אונדז מכבד געווען. אין אַדאַמיקס אויגן האָט זיך אַריינגעכאַפּט פאַרטראַכטקייט. זיין קול האָט געקלונגען דייטלעך:

— געדענקסט, גלאַדיש, מיט צוועלף יאָר צוריק, אַזאַ טאָג ווי היינט. מיר זענען געשטאַנען פונדרויסן און אַריינגעקוקט אויפן הויף פון קוילנגרובן. דער פאַרטיער האָט אונדז נישט אַריינגעלאָזט. די אַרבעטנדיקע האָבן מורא געהאַט צו רעדן מיט אונדז? געדענקסט, האַ?...

כ'האָב זיי נאָך שפּעטער געהערט רעדן וועגן דער נייער פאָרם פון אַרבעט-פאַרמעסט. עס איז געווען לעאָנטשוקס פאַרשלאָג: נישט נאָר קאַמף פאַר העכערע פראָצענטער, נאָר קאָנקרעטער פאַרמעסט צווישן

איין קוילנהעקער און צווייטן, צווישן איין שטיגאַר און אַנדערן, צווישן בריגאַדעס, צווישן אָפּטיילונגען און שפּעטער צווישן גרובנס. ציגלפאַרב האָט פאָרגעשלאָגן ספּעציעלע ביכלעך אויף אַריינצושרייבן די נעמען פון די, וואָס פירן דעם פאַרמעסט, זייערע התחייבותן און רעאַליזירונגען. „מיר, זעטעמפּאָווצעס, – האָט ער געזאָגט – וועלן זיך יעדן טאָג צו-נויפנעמען, אַרומרעדען די פעלערן.“ אין זאַל האָט געהערשט די שפּאַ-נונג פון זעלנער פאַר אַן אָנגריף. כ׳האָב מיטאַמאָל, ווי נאָך קיינמאָל ביז איצט, דערפילט די שטאַרקייט פון קאָלעקטיוון פאַרמעסט.

– מיר וועלן נאָך באַווייזן, וואָס „וויקטאָריאַ“ קאָן... – האָט צו מיר געזאָגט לעאָנטשוק ביים געזעגענען – מיר האָבן אַ שטאַרקן קאָ-לעקטיוו, איר זעט?

כ׳פיל נאָך איצט דעם פעסטן וואַרעמען האַנט-דרוק פון ציגלפאַרבן, פון אַדאַמיקן, פון גלאַדישן. אין אונדזער געזעגענען זיך איז נישט געווען קיין צעשיידונג. עס איז געווען קעגנזייטיקע הבטחה אויף נייע באַגעגע-נישן ביי אַלץ נייע און נייע נצחונות.

א פּ ו ל ו ו ע ר ט י ק ע ר מ ע נ ט ש

פינף בלינדע, פולשטענדיק בלינדע אַרבעטער.

כ'זע זיי אָפט אַרויסגיין צוזאַמען פון דער פּאָמפּן-סטאַציע ביי די וואַסערלייטונג-אונטערנעמונגען, ווו זיי אַרבעטן שטענדיק די ערשטע שיכט, פון זיבן ביז דריי.

ס'רוב גייען זיי געאָרעמט און פאַרנעמען דעמלט די גאַנצע ברייט פון טראָטואַר. זיי גייען ריטמיש און זיכער. זיי קענען גוט דעם וועג צום טראַמוויי. אויף זייערע פּנימער מאָלט זיך די צופרידנקייט פון מענטשן נאָך אַ גוט אָפּגעטוענער אַרבעט. זיי שמועסן הויך צווישן זיך און לאַכן. ווען נישט די ווייסע שטעקעלעך אין יעדנס האַנט, וואָלט שווער געווען אין ערשטן אויגנבליק צו דערקענען, אַז דאָס גייען בלינדע.

זייער אָפט זעט מען זיי גיין פּאַרלעכוויז, געפירט דורך יונגע אַרבעטערינס פון דער זעלבער פאַבריק. אין דער פולער גאַס, ווו עס טומלט זיך דאַן מיט הויך-רעדנדיקע און פריילעך-לאַכנדיקע אַרבעטער, הערט זיך אויך דאָס הילכיקע אָפּרופן זיך פון די בלינדע. זייערע שטימען האָבן אין זיך די זעלבע מונטערקייט און לעבנסלוסט פון אַלע אַהיימגייענדיקע אַרבעטער.

אין דער פּאָמפּן-אָפּטיילונג אַרבעטן זיי באַזונדער. יעדער האָט זיין באַשטימטע אַרבעט. ערשט ביים אָנטאָן זיך, נאָכן אַרויסגיין פון וואַש-רוים, טרעפן זיי זיך, נישט-אָפּגעשמועסטערהייט. זייערע רייד זיינען די זעלבע, ווי ביי אַלע אַנדערע אַרבעטער, מען רעדט וועגן דער הויך פון איבערגעשטיגענע נאָרמעס, וועגן באַזייטיקן דעפעקטן ביים פילטרעווען, וועגן פּרעמיעס און ד.גל.

נפתלי וואַלבערגער, איינער פון די דאָזיקע פינף, איז אַלט פינף-און דרייסיק יאָר. ער איז אַ מלחמה-אינוואַליד. ביז אַכט-און-צוואַנציק יאָר האָט ער געזען אויףביידע אויגן. אויפן פראָנט איז ער צוויי מאָל

לייכט פאַרוואונדעט געוואָרן. ערשט הינטער קאָלבערג האָט אים אַ קויל דורכגעשאָסן איין אויג און באַשעדיקט דאָס צווייטע.

אַ קורצע צייט נאָך דער אָפּעראַציע האָט ער נאָך אויפן לינקן אויג נישקשהדיק געזען. עס האָט אים בלויז כסדר ווי געטאָן, און ווען מען האָט אים אין שפּיטאָל, נאָך אַ קאָנסיליום, געזאָגט, אַז מען וועט אים מוזן אָפּערירן דאָס צווייטע אויג אָן אַ גאַראַנטיע פאַרן רעזולטאַט, האָט ער זיך הויך צעוויינט.

די קראַנקנשוועסטער, אַ רוסיש מיידל, איז דעם טאָג ביז שפּעט געזעסן ביי זיין בעטל און אים דערציילט וועגן דער פאַבריק, וווּ זי האָט געאַרבעט ביז דער מלחמה. דאָרט האָט געאַרבעט אַ יונגער מענטש איז ער געווען אינגאַנצן בלינד. ער האָט געענדיקט אַ קורס און איז געווען איינער פון די בעסטע פּאַקער פון כעמישע אויסאַרבעטונגען. זי האָט דערציילט, וואָס פאַר אַ פריילעכער ער איז געווען. ער פלעגט קומען אויף די פּאָליטישע לעקציעס, אויף דיסקוסיעס. ער האָט יעדן רעדנער דערקענט לויטן קול און שפּעטער פּאָלעמיזירט מיט זיי. אָנגערופן ביי די נעמען. ער האָט געוווּסט וועגן אַלעם, וואָס קומט פאָר אין דער פאַבריק און זיך אינטערעסירט מיט יעדער קלענסטער שטערונג, מיט יעדער דערגרייכונג.

אין די ערשטע טעג נאָך דער אָפּעראַציע איז נפתלין געווען געוואַלדיק שווער. ער האָט זיך נישט צוגערירט צום עסן און אָפּט שטיל געיאָמערט. באַרויקן פלעגט אים די קראַנקנשוועסטער, וועמענס ברייט מילד פּנים ער האָט גוט פאַרגעדענקט. ער האָט זיך איצט דערמאָנט אַזעלכע שטריכן, וועלכע זיינען פון אים פריער כמעט ווי נישט באַמערקט געוואָרן. ער האָט איצט נאָך שטאַרקער געפילט די העלע לויטערקייט, וואָס איז געגאַנגען פון אירע טונקל-גראָע אויגן. ווען זי האָט גערעדט, האָט זי געהאַלטן זיין האַנט אין אירע און ער האָט פאַרגעסן אָן זיין שווערן ווייטיק.

נאָך היינט, ווען מען קומט צו אים אַרויף אין דער וווינונג אויף דער נאָוואָמיעיסקע-גאַס — אַ שטיל געסל, נישט ווייט פונעם צענטער — ווייעט עס אין יעדן ווינקל מיט ליבלעכער וואַרעמקייט און געטריישקייט. די זעלבע קראַנקנשוועסטער, וועלכע איז היינט נפתלי וואַלבערגערס ווייב, זיצט היינט נעבן אים, פּונקט ווי אַמאָל. ער האַלט איר האַנט אין זיינער און דערציילט אונדז וועגן די ערשטע צייטן נאָך דער מלחמה, ווי זי האָט צוזאַמען מיט אים געזוכט זיין פאַמיליע, וועלכע איז אינגאַנצן

אומגעקומען און זשעשווו. ער איז מיט איר געשטאַנען אויף דעם פּאַרשמייעטן, פולן טראָטואַר נעבן דעם הויז, ווו ער האָט געוווינט מיט זיינע עלטערן. אים האָט זיך געדאַכט, ווי אָקאָרשט וואָלט עס געווען, ווען ער האָט אָנגעהויבן די אַרבעט ביים העלפן דעם טאַטן פירן דעם שלאָסער-וואַרשטאַט. ווי יונג און געזונט ער איז דעמלט געווען! און איצט?

נפתּלי'ס פּנים קרומט זיך אויס אין אַ גרימאַסע, וועלכע שאַפט אין אָנהייב דעם איינדרוק, אַז אָט אָט צעהעשעט ער זיך. אָבער גלייך נעמען די קנייטשן זיך אויסלייטערן. עס קומט אַרויס אַזאַ דינער און שטילער שמייכל, אין זיך אַריין. פּונקט אַזוי שטיל און פאַרטראַכט זיינען זיינע ווערטער, נישט אַרויסלאָזנדיק דעם ווייבס האַנט פון זיינער:

— נאָכן פאַרלירן די אויגן האָב איך צום צווייטן מאָל דערפילט די שטאַרקע יסורים, וואָס אַ מענטש קען נאָר איבערלעבן. אין אַזאַ מאָמענט דוכט זיך אויס, אַז דער טויט אין דער בעסטער דערלייזער. אָבער, אַז מען האָט נעבן זיך אַזאַ ליכטיקן פריינד, קערט זיך אום דער חשק צום לעבן. מיר זענען געפאָרן אַהער, קיין וורָאַצלאַוו, ווו אַלץ האָט זיך געבויט פונסייי. מיר האָבן באַקומען אַ וווינונג. מיין פרוי האָט גלייך אָנגעהויבן אַרבעטן אין קינדער-שפּיטאָל. איך האָב באַקומען אַ רענטע פון דער מלוכה.

ער איז אַ מינוט שטיל געוואָרן. עס האָט זיך געהערט דאָס זידן פונעם טשייניק, וואָס האָט זיך געקאָכט אויפן גאַז-אויוון. די בלאָנדע פרוי מיטן פרישן ראָזן פּנים האָט דעליקאַט אַרויסגענומען איר האַנט פון זיינער, זיך אויפגעשטעלט און גענומען גרייטן טיי מיט כּיבוד.

איינדרויסן איז געשטאַנען דער זונטיק-טאָג. אַן אָנגעגאָסענער מיט ליכטיקייט און בלענד. העל-גאָלדיקע זון-שטראַלן האָבן רחבותדיק זיך אַריינגעשאָטן אין דער ציכטיק-אויפגערוימטער שטוב מיטן באַשיידן-איינגעאָרדנטן מעבל. נפתּלי וואַלבערגער האָט אָנגעשטעלט צום פענצטער זיין אויסגעאיידלט, לענגלעך פּנים מיט די ליידיקע אויגן-לעכער, ווי נעסטן, וואָס וואַרטן אויף צוריקגעקומענע פייגל. עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אויף אים די מחשבות, וואָס האָבן אויפגעלויכטן אין זיין מוח. די ווערטער האָבן זיך פון זיין ענערגיש-געפאַרעמטן מויל אַרויסגעגליטשט פליסיק און מיט דער קלאָרסטער אָפנהאַרציקייט:

— אַמאָל, נאָך פאַר דער מלחמה, פלעג איך ליידן פון איינזאַמקייט. אַזאַ נאַטור געווען ביי מיר. היינט איז מיר דאָס געפיל אינגאַנצן

פרעמד. כ׳בין שטענדיק מיט מענטשן, וואָס האָבן די אייגענע אינ־טערעסן וואָס איך, באַגרייפן גלייך ווי איך דעם זין פון אַרבעט, פון לעבן...

ער האָט אַ ווײַלע איבערגעריסן, ווי נישט דאָס האָט ער געמיינט, און ווייטער גערעדט:

— כ׳זע... כ׳פיל, ווי דער מענטש אין היינטיקן פוילן ווערט פון טאָג צו טאָג אַלץ מער ענלעך צו די מענטשן, וואָס כ׳האָב באַגעגנט אין ראַטן־פאַרבאַנד, ווו יעדער האָט זיין אָרט אין לעבן, איז נוצלעך פאַר דער געזעלשאַפט, און ווו העלדישקייט און מוט גייען צוזאַמען מיט איידעלער האַרציקייט.

אין דער פּאַמפּן־אָפּטיילונג אַרבעט נפתלי וואַלבערגער שוין העכער דריי יאָר. ער באַוועגט זיך דאָרט פאַרזיכטיק, אָבער פריי, צווישן די פינף הונדערט בעטאָנענע ברונעמער, וואָס שאַפן מיט זיך דעם נאַטירלעכן קוואַל, פונוואַנען די וואַסער־לייטונג שעפט דאָס וואַסער פאַר דער גאַנצער שטאָט. נפתלי קען גענוי דעם גאַנצן קאָמפּליצירטן פּראָצעס פון ריי־ניקן דאָס וואַסער, איידער עס דערגייט אין דער וואַסער־לייטונג. ער ווייסט דורך וועלכע פּאַמפּעס עס ווערט געפילטרעוועט דער אי־בערפלוס פון אייזן, פון מאַנגאַן, פון צ. אָ. 2, און אַנדערע שעדלעכע סובסטאַנצן.

ווען נפתלי איז אָנגעקומען אַהער אַרבעטן איז נאָך די אָפּטיילונג נישט געווען אינגאַנצן אויסגעהיילט פון די מלחמה־קלעפּ. עס איז נאָך אָנגעגאַנגען דער רעמאָנט. עס זיינען געווען צייטן, ווען טייל געגנטן פון שטאָט זיינען געבליבן אָן וואַסער אויף שעהן גאַנצע.

די אַרבעטער האָבן דאַן אָרגאַניזירט ביי זיך דעם סאָציאַליסטישן אַרבעט־געוועט. נפתלי האָט דעמלט געאַרבעט ביים „מערב״־קעסל און אָנטיילגענומען אין פאַרמעסט. נאָך אַ קורצער צייט זיינען דורך דער בריגאַדע, צו וועלכער ער האָט געהערט, אויפגעכאַפּט געוואָרן אַלע מינדסטע באַשעדיקונגען אין די טורבינעס. נפתלי כאַפּט אויף יעדן רויש, אַפילו פון צווייטן עק ריזיקן זאַל, כאָטש זיין אַרבעט איז אַ זיצנדיקע.

אויף דער אַרבעטער־פאַרזאַמלונג איז ער שטאַרק געלויבט געוואָרן.

זיין בריגאַדע פילט זיך מיט זיין אָנגעהעריגקייט אויף קיין האָר נישט שוואַכער. ביים אויסחשבונען די כוחות פאַר נעמען אויף זיך התחייבותן, ווערן נפתּלי׳ס כוחות פולווערטיק אָפּגעשאַצט.

אַ דאַנק דער פריינדשאַפט, וואָס רינגלט אים אַרום, האָט נפתּלי׳ שנעל געוומען זיך אָריענטירן אויך אין דער אַרבעט פון די אַנדערע אָפּטיילונגען, פון די פּאַרע-טורבינעס, פון די גענעראַטאָרן און אונטער-ערדישע סטאַציעס. ער האָט ליב זיך צוצוהערן צו די דיסקוסיעס, וואָס די אַרבעטער פירן צווישן זיך וועגן נייע ראַציאָנאַליזאַטאָרישע איינאָר-דענונגען. אין אָוונט דערציילט ער עס זיין פרוי, וועלכע פרייט זיך פונקט ווי ער מיט יעדער דערגרייכונג.

אויף די פייערלעכע פאַרזאַמלונגען פאַרנעמט נפתּלי׳ אָפט אַן אָרט אין פּרעזידיום. אין דער וואַנט-צייטונג ווערט זיין נאָמען דערמאָנט אַלס מוסטער פון אַרבעטזאַמקייט און איבערגעגעבנקייט צו דער אונ-טערנעמונג.

איך האָב אים געהערט אַרויסטרעטן אויף אַ פאַרזאַמלונג פון אַלע אַרבעטער. אין זאַל האָט דאַן געהערשט אַ פייערלעכע שטילקייט. אַ זעלטענע נשמהדיקע ערלעכקייט האָט אַרויסגעשיינט פון זיינע ווער-טער, אַ הייסער גלויבן אינעם כוח און זיג פון מענטש פון אַרבעט.

דער באַן-מאַשיניסט וואָלף מאַנדרער דערציילט

ער איז נאָר-וואָס אָנגעקומען מיט דער באַן. אין זיינע פאַרסאַדזשעטע אַרבעט-מלבושים האָט ער אויסגעזען נאָך מאַסיווער און ברייט-פּלייציקער. זיינע טונקל-גרויע אויגן האָבן געקוקט אויף אונדז לעבעדיקע, פריילעכע. ער האָט גערעדט הויך און דייטלעך:

– אַדרבא, שרייבט. כ׳וועל אייך אַלץ דערציילן, נאָר טרייבט נישט איבער. מיינע חברים האַלטן מיך אַזוי אויך פאַר אַ פאַרוקטן אויף דעם פונקט פון אָפּשפּאָרן קוילן.

מיר זיינען געזעסן אין דעם גרויסן ליכטיקן קולטור-קלוב אויף דעם הינטערשטאַטישן וואָקזאַל אין גאַנטי.

הינטער אַ העל-פּאָלירטן בופעט איז געזעסן אַ בלאָנד מיידל און געלייענט אַ בוך. דאָ און דאָרט זיינען ביי די טישלעך געזעסן באַן-אַרבעטער און געבלעטערט די אָנגעוואָרפענע צייטונגען אין דינע ניקלנע ראַמלעך.

מאַנדרער האָט באַמערקט ווי מיין בליק האָט זיך פאַרהאַלטן אויף דעם ערן-טאָוול, וווּ זיין פאַרגרעסערטע פאָטאָגראַפיע האָט אַראָפּגעקוקט מיט אַ טריומפירנדיקן שמייכל. אויף זיין גלאַנציק-בראָנז פּנים איז דורכגעלאָפן אַ לייכטע פאַרויטלטקייט.

נאָך אַ קורצן שטילשווייגן האָט ער ווידער אָנגעהויבן רעדן:

...וועגן מיין לעבן ביז צו דער מלחמה האָב איך נישט קיין שום אינטערעסאַנטעס צו דערציילן.

צוויי מאָל האָט מיין טאַטע רעזיגנירט פון די פּראָפעסיעס, וואָס ער האָט פאַר מיר אויסגעקליבן. ער האָט געזען, אַז עס וועט פון מיר נישט זיין נישט קיין סוחר, נישט קיין בוכהאַלטער, אָפּגעבן מיך אויף דער לער צו אַ בעל-מלאכה האָט אים זיין סוחרישער יחוס נישט דערלויבט. ער האָט געטענהט: אַ סוחר איז אַ מענטש, און אַ בעל-מלאכה איז נישט מער ווי אַ בעל-מלאכה.

...ווען די דייטשן זיינען אַריין צו אונדז אין שטאָט, האָב איך גלייך געזען, אַז כ׳האָב דאָ נישט וואָס צו טון. מיין פאָטער איז שוין איינמאָל געווען אַרעסטירט אַלס ערובניק פאַר דער קאָנטריבוציע, וואָס איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די יידן פון שטאָט. ווען איך האָב אים נאָך זיין באַפרייט ווערן געמאָלדן, אַז כ׳האָב באַשלאָסן צו שוואַרצן די גרענעץ קיין לוואָוו, האָט ער עס אויפגענומען שווייגנדיק. עס האָט אים ווי געטאָן די צעשיידונג, אָבער ער האָט, מסתמא, איינגעזען, אַז עס איז נישטאָ פאַר מיר קיין אַנדערער אויסוועג. ער האָט נאָר, ווי צו זיך אַליין, געמורמלט: „פאָרסט אין דער פרעמד, וואָלסט כאָטש געהאַט עפּעס אַ פאַך״...

אָנקומענדיק קיין לוואָוו, האָב איך געמוזט גיין צו שוואַרצער אַר-בעט ביים אויפבויען די באָמבאַרדירטע גאַראַזשן פאַר לאָקאָמאָטיוון.

עס איז מיר געווען קלאָמוטנע אויפן האַרץ. מיר האָט זיך גע-דוכט, אַז כ׳וועל שוין שטענדיק מוזן זיין באַשעפטיקט ביי שוואַרצער אַרבעט״.

דאָס דערציילן, וואָס איז מאַנדרערן אין אָנהייב אָנגעקומען עטוואָס שווערלעך, איז איצט געוואָרן וואָס אַמאָל פליסיקער. ער האָט איצט גערעדט אָן דער מינדסטער אָנשטרענגונג. פאַר מיינע אויגן האָט זיך ווי לעבעדיק געשטעלט דאָס בילד, ווי מאַנדרער איז מיט עלף יאָר צו-ריק צומערשטן מאָל געפאָרן אין לאָקאָמאָטיוו אַלס געהילף פון אַ סאָ-וויעטישן מאַשיניסט, אַ מיטליאָריקן גרוזינער. כ׳האָב געזען דעם פייער-דיקן קעסל, אין וועלכן מאַנדרער האָט אין אָנהייב נישט באַוויזן איינצו-האַלטן די נויטיקע הייך פון דער טעמפּעראַטור. ער איז נאָך נישט צו-געוווינט געווען צו דעם כסדרדיקן וואַרפן די קוילן, צו דער שטענדי-קער היץ און שוויס.

אָבער נישט דאָס איז מאַנדרער אויסן צו דערציילן. אין אים רעדט איצט די באַגייסטערונג פאַר דער פריינדשאַפט, וואָס דער גרוזינער האָט אים אין יענער צייט אַרויסגעוויזן. ער האָט אים געלערנט פאַרנדיק אין לאָקאָמאָטיוו און פאַרברענגנדיק צוזאַמען אין די פרייע שעהן.

מאַנדרערן האָט זיך געדאַכט, אַז דער שנעל-רעדנדיקער און האַר-ציקער גרישע וואָלט זיך נישט געקענט באַגיין אָן אים, אָן דעם לערנען און איבערגעבן אים זיינע קענטעניש.

נאָך עטלעכע חדשים האָט וואָלף מאַנדרער געקאָנט דעם מעכאַניזם פון לאָקאָמאָטיוו. אַ געוויסע צייט איז ער נאָך נישט געווען גענוג דרייסט און זעלבסטשטענדיק צו לאָזן דעם לאָקאָמאָטיוו אין גאַנג. גרישע מיאַשווילי האָט אין אים איינגעפלאַנצט די זעלבסטזיכערקייט.

דעם 17טן-מערץ 1940 איז וואָלף מאַנדרער צומערשטן מאָל אַרויס־געפאָרן אַלס זעלבסטשטענדיקער מאַשיניסט.

שפּעטערדיקע פּאַרגעקומענע פּאַסירונגען און געשעענישן זיינען שוין לאַנג פאַרמעקט אין זיין זכרון, נאָר דעם דאָזיקן טאָג האָט מאַנ־דרער פאַרבאַהאַלטן אין זיך. קיין איין בילד, קיין איין שעה פון יענעם טאָג האָט ער נאָך ביז היינט נישט פאַרגעסן. ער איז דעמלט געפאָרן אַ צווישנשטאַטישע שטרעקע פון פופציק קילאָמעטער. עס איז געווען אַ לאַנגער און שווערער ווינטער. די גאַנצע לאַנדשאַפט איז געווען וויים. פון דער ווייסקייט האָט זיך געצויגן אַן אומרויקייט און שטאָלץ אינאיינעם. מיט אַ צאַפּלדיק האַרץ האָט ער אויף יעדער סטאַציע געקוקט אויפן זייגער. ער האָט אינערגעץ נישט פאַרשפּעטיקט. אים האָט זיך שטאַרק געוואָלט, אַז אויף דער סטאַציע זאָל זיך באַווייזן זיין טאַטע און זען ווי ער פירט דעם צוג. דער טאַטע איז נישט געקומען. ער האָט זיך שוין קיינמאָל נישט דערוווסט, אַז זיין וואָלף איז אַ מאַשיניסט.

דאַקעגן אָבער האָט אים אויף דער לעצטער סטאַציע אָפּגעוואַרט גרישע און זיך האַרציק מיט אים צעקושט.

— וועסט זיין אַ מאַשיניסט — האָט זיך גרישע געפרייט — האָסט זיך נישט פאַרשפּעטיקט.

מאַנדרער גייט איבער צו דערציילן וועגן דער מלחמה-צייט, ווען ער האָט זיך מיט זיין צוג, אַ פולן מיט עוואַקוירטע, געריסן דורך באָמ־באַרדירנדיקע עסקאַדרעס, און שפּעטער — צום פראָנט מיט אַמוניציע און זעלנער. הינטער זשיטאָמיר איז זיין צוג געוואָרן שטאַרק באָמבאַרדירט און ער אַליין שווער פאַרוואונדעט אין קאָפּ און אין ביידע פיס.

צוריקקומענדיק קיין פוילן האָט מאַנדרער לאַנג געזוכט עמעצן פון זיין משפחה. נישט געפונענדיק קיינעם, האָט ער זיך באַזעצט אין נידער־שלעזיע, ווו ער האָט באַקומען דעם פּאָסטן פון נאַטשעלניק איבער דער סטאַציע אין גאָנטי.

מאַנדרער איז אַנטשוויגן געוואָרן. איך האָב דערפילט, אַז ער וואָלט גערן אויסגעמיטן דאָס דאָזיקע קאַפּיטל פון זיין לעבן.

עס איז אַנטשטאַנען אַ פּיינלעך שווייגן. ס'האָט זיך געהערט דער צעצויגענער סיגנאַל פון אַן אָנקומענדיקן צוג.

ער האָט דער ערשטער איבערגעריסן דאָס שווייגן און מיט אַ שטילער קול געצויגן די ווערטער:

„אייגנטלעך איז מיר דאָ שוין אין אָנהייב געווען גוט. די אַרבעט האָב איך לייכט באַהערשט. דעם דאָזיקן קלוב האָב איך געהאָלפן איינאָרדנען, כ'האָב אָרגאַניזירט אַן אָרקעסטער, דאָך האָט מיר עפּעס געפעלט.

כ'בין אַרומגעגאַנגען אויפגערעגט. ווי עמעץ וואָלט מיר געטאָן אַן עוולה. כ'בין מודה, כ'האָב זיך פּאַר דער מינדסטער קלייניקייט און טיילמאָל אָן שום סיבה געטשעפּעט צו די אַרבעטער, געזידלט, און געפּילט, אַז כ'בין נישט געראַכט. אויף אַ באַראַטונג פון דער גרונטיקער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע האָט מען עס מיר אויפגעוויזן.

כ'האָב נישט געהאַט מיט וואָס זיך צו פּאַרטיידיקן און געבעטן, מען זאָל מיך באַפרייען און איבערטראָגן צו מיין פאַך אַלס מאַשיניסט."

ביסלעכווייז ווערט מאַנדרערס קול פולער און לעבעדיקער:

— אפשר — זאָגט ער — איז די סיבה פון מיין אויפרעגונג געווען דאָס, וואָס מיר האָט געפעלט דער לאָקאָמאָטיוו. איצט פיל איך זיך אַסך בעסער.

ווען מאַנדרער האָט אויף זיך גענומען די התחייבות צו באַהייצן זיין לאָקאָמאָטיוו מיט פּערציק פּראָצענט „מיאַל", כדי איינצושפּאָרן קוילן האָבן די איבעריקע מאַשיניסטן אָפן געלאַכט.

— וועסט נישט ווייט פאָרפאָרן — האָבן אַנדערע אים ערנסט געדראָט.

אין מאַנדרערס אויגן האָט אויפגעבליצט אַ שמייכל, ער האָט זיך איבערגעקוקט מיט זיין געהילף, וועמענס צעפלאַמט פּנים האָט זיך צו אים געצויגן מיט צוטרוי און גלויבן. ער האָט זיך אויפגעשטעלט:

— אונדזער צוג וועט זיך נישט פאַרשפּעטיקן אויף קיין מינוט — האָט ער פעסט דערקלערט.

די רעזולטאַטן פון די ערשטע טורנוסן האָבן אַרויסגערופן אַ סענסאַציע צווישן די באַן-מאַשיניסטן. אַ סך האָבן נישט געגלויבט.

— ער גנבעט אויפן וועג קוילן — האָבן זיי צווישן זיך געשמועסט — און אונדז וויל ער איינרעדן, אַז ער הייצט מיט „מיאַל"...

איינמאָל אַ נאַכט, מאַנדרער מיט זיין צוג איז געשטאַנען אין אָסטראָוו. דער לאָקאָמאָטיוו איז שוין געווען אָנגעטרונקען. ער האָט

פאַרויכערט אַ פּאַפּיעראָס און גענומען זיך גרייטן צום אָפּפאָרן, ווי מיט־אַמאָל גיבן אַ שפּרינג אַריין צוויי באַקאַנטע מאַשיניסטן פון וורעצלאַוו מיט אַ געהילף. זיי זיינען שנעל אַרויפגעקראָכן אויפן קוילן־קאַסטן און מיט לאָפּאַטעס זיך גלייך גענומען צעשאַרן דעם מיאַל. זיי האָבן געזוכט די באַהאַלטענע קוילן...

זיי האָבן די גאַנצע צייט פיינטלעך געשוויגן. ערשט נאָכן איבער־שאַרן דאָס פייער אינעם אויוון און איבערצייגן זיך, אַז זייער זוכן איז אומזיסט, זיינען זיי פאַרסאַפּעטע, דערשוויצטע געבליבן שטיין צווישן מאַנדרערן און זיין געהילף. פון אָפענעם אויוון האָט געזעצט אַ היץ. ביטאָמסקי, אַן עלטערער מאַשיניסט, וואָס האָט געפלעגט צומערסטן אָפּחוזקן פון מאַנדרערס התחייבות, איז איצט געשטאַנען און איינגעקוקט זיך אין דעם פלאַם, ווי ער וואָלט זיך געוואָלט עפּעס דערמאָנען, און מיטאַמאָל אויסגעדרייט דאָס פנים צו מאַנדרערן. אויף זיינע ליפּן האָט זיך באַוויזן אַ פריינדלעכער שמייכל:

— יאָ, איצט זע איך, אַז אַלץ איז אמת.

און אַז מאַנדרער האָט געגעבן דעם סיגנאַל צום אָפּפאָרן, האָט ער אים אויסגעשטרעקט די האַנט, פעסט געדריקט און איילik אַרויסגעשפּרונגען פון לאָקאָמאָטיוו.

דער צוג האָט פּאַוואָליע געריירט. מאַנדרער האָט געזען, אַז ביטאָמסקי איז נאָך געשטאַנען און געפאָכעט צו אים מיט דער האַנט.

ער האָט געוווסט, אַז אויף דער קומענדיקער פאַרזאַמלונג וועט ביטאָמסקי אַרויסטרעטן מיט דער התחייבות איינצושפּאָרן קוילן.

עוואַ ראָטשילד

דער נאָמען ראָטשילד פלעגט אין מיין יינגלשער פאַנטאַזיע אויס־מאָלן בילדער פון אומגעהייערער רייכקייט, פון ווייטע און פרעמדע מענטשן.

עוואַ ראָטשילד, וועלכע איך האָב באַקענט אויף דעם אָוונט נאָך די עקזאַמענס אין וואָרצלאַווער פּאָליטעכניקום, איז אינגאַנצן אַן אַנדערע, אַזאַ נאָענטע און היימישע. צוזאַמען מיט אירע יידישע און פּוילישע חברים האָט זי זיך געפרייט מיט די געלונגען־אָפּגעגעבענע עקזאַמענס און מיט דער ליכטיקער פּערספּעקטיוו פון אַ שעפערישער צוקונפט.

עוואַ ראָטשילד איז קיינמאָל רייך נישט געווען. איר פאָטער, וועלכער האָט געטראָגן דעם פּשוטן נאָמען חיים־רפאל, איז געווען אין וואָידעוויצע אַ געוויינלעכער שניידער, וועמען עס האָבן שטענדיק אויס־געפעלט עטלעכע טעג צו דער וואָך. ער פלעגט טענהן, אַז ווען די וואָך איז אַביסל לענגער און אַרבעט עטוואָס מער, וואָלט מען געקאָנט פאַר־דינען אויף שבת און נישט דאַרפן קידוש מאַכן איבער ברויט...

די פּויערים פון די אַרומיקע דערפער, וועלכע פלעגן קומען צו אים איבערניצעווען אַ מלבוש, האָבן אים ליב געהאַט, ווייל ער פלעגט פאַר זיי נייען ביליק. די קורטקעס פלעגט ער זיי אויסשטעפּן מיט אַ וואַטאַלי־נע, וואָס איז אים געבליבן פון גבירישע מלבושים. אַז אַן אָרעמער פּויער איז נישט געקומען אָפּנעמען ס׳מלבוש, ווייל ער האָט נישט געהאַט צו באַצאָלן קיין מלאכה־געלט, האָט עס אים חיים־רפאל ראָטשילד אַליין אָפּגעטראָגן, זאָגנדיק:

— נישקשה, נאָכן שניט וועסטו מיר באַצאָלן.

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן און די היטלעריסטן האָבן אָנגע־הויבן די אַקציעס צו פאַרניכטן די יידן, איז עוואַ אַלט געווען זעכצן יאָר. דער פּריצייטיקער טויט פון איר מוטער, האָט שטאַרק געווירקט

אויפן פּאַטער, וועלכער איז אין אַ קורצער צייט אַרום קראַנק געוואָרן אויף טיפוס און געשטאָרבן.

איר עלטערער ברודער סיני האָט באַשלאָסן אַוועקצוגיין אין וואַלד אַריין, נאָר ער האָט נישט געוווּסט וואָס צו טאָן מיט דער שוועסטער, וועלכע האָט נאָך דעמאָלט אויסגעזען ווי אַ קינד. זי איז געווען קליין, דאַר און שוואַך.

אָבער די געפאַר פון אַ צווייטער אַקציע האָט נישט געלאָזט וואַרטן. ער האָט באַשלאָסן זי מיטצונעמען אין וואַלד אַריין.

נאָך די ערשטע פינף קילאָמעטער קריכן איבער די ליימענע וועגן אין דער פינצטערער נאַכט, האָט עווא באַלד דערפילט די מידע צע-בראָכנקייט. דאָס חדשים-לאַנגע צוהונגערן האָט זיך אָנגערופן, און זי איז אַ האַלב-פאַרחלשטע געבליבן ליגן אויפן פעלד.

סינין איז דעמאָלט איינגעפאַלן אַריינצוגיין צו דעם פויער שקאַראַדאָזו. דאָס איז געווען אַן עלטערער מענטש. דעם איינציקן זון האָט אים מיט עטלעכע יאָר צוריק די פּאָליציי צוגענומען פאַר קאָמוניסטישער טעטי-קייט. דער אַלטער פלעגט אָפט קומען צו זיי. אין שטוב האָט מען צו אים אַלעמאָל געהאַט צוטרוי. אפשר וועט ער באַשטיין אויסצובאַהאַלטן עווען אויף עטלעכע טעג, ביז זי וועט געזונט ווערן און ער וועט קענען קומען נאָך איר.

האַלב קריכנדיק אויף אַלע פיר, האַלב אויף סיניס אַקסלען, האָבן זיי זיך דערשלעפּט צו שקאַראדאָווס כאַטע.

אַ גליקלעכער איז דעמאָלט סיני אַרויסגעקומען מיט דער בשורה, אַז דער פויער איז באַשטאַנען זי אויסצובאַהאַלטן, נאָר אויף עטלעכע טעג, ביז ער וועט צוריקקומען זי אָפּנעמען.

דאָ רייסט עווא ראָטשילד איבער דאָס דערציילן, ווי ס'וואָלט איר פּלוצים אַ שטאַרקע מידקייט באַפאַלן. עס איז שוין געווען שפּעט אין דער נאַכט. די פריילעכע קולות פון די טאַנצנדיקע סטודענטן האָבן שוין לאַנג אויפגעהערט. אין דער אַלייע, וווּ מיר זיינען איצט געזעסן קעגנאיבער דעם באַלויכטענעם פּאָליטעכניקום, איז געוואָרן אַלץ ליידי-קער. אַלע ווײַלע זיינען אַנדערע פּאָרלעך און גרופּן יונגוואַרג אויפגעשטאַנען פון די בענק און שטיל אונטערזינגענדיק זיך אַוועקגעלאָזט צו דער שטאָט, וואָס האָט אַהערגעוווּנקען מיט פריילעכע ליכט-פלעמלעך.

אַ לענגערע ווײלע איז עווא ראָטשילד געזעסן אַ שטילע, אַ שווײגנדיקע. דאָך האָב איך געפילט, אַז זי האָט איצט נישט בדעה אַוועקצוגיין. איך האָב געפילט איר באַדערפעניש ווײטער צו דערציילן וועגן אירע איבערלעבונגען. אין אירע אויגן, פאַרקוקטע אין די באַלויכטענע פענצטער פון פּאָליטעכניקום, איז געשטאַנען אַ העלע פײכטקייט. זי האָט גלײך ווידער אָנגעהויבן רעדן, שטיל, פּאַוואָליע, ווי זי וואָלט אין יעדן וואָרט אַ שטיק נשמה אַרײנגעלייגט.

— צי וועל איך אימשטאַנד זײן אַמאָל אָפּצוצאָלן די דאָזיקע מענטשן פאַר זײער גוטסקייט, פאַר די געפאַרן און טויט־שרעק, וואָס זיי האָבן צוליב מיר דורכגעמאַכט?

סיני איז מער נישט צוריקגעקומען. שפּעטער האָבן זיי זיך דערוווּסט, אַז ער איז אַרײנגעפאַלן צו די דײטשן, נאָך איידער ער איז דערגאַנגען צו די פּאַרטיזאַנער, און איז געוויס ערגעץ פאַרפּײניקט געוואָרן צום טויט.

דאָס אַלטע פּאָרפאָלק האָט זי אָפּגעהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ. אַ גאַנצן טאָג איז זי געווען פאַרבאַהאַלטן אין אַ פאַרמאַסקירטער קאַמער אויפן בוידעם. יעדע נאַכט האָט מען זי אַרומגעפירט אין פאַרהעמערטן הויף. די אַלטע האָט איר געריבן די פיס, פאַרשטײפטע פון אַ גאַנצן טאָג אָן באַוועגונג.

וועגן דעם גרויסן בראָך האָט זי זיך ערשט דערוווּסט, ווען די סאָוויעטישע אַרמיי האָט באַפרײט דאָס דאָרף

פון דער פּראָדוקטיוויזאַציע־אָפּטיילונג ביים וראָצלאַווער יידישן קאָמיטעט האָט מען זי אויף איר פאַרלאַנג רעקאָמענדירט צו לערנען אַ פאַך אין דער אָרט־שול. זי האָט געוווינט אין דער יידישער יוגנט־היים. מיט דער הילף פון קורסן האָט זי געענדיקט די מיטל־שול־בילדונג מיט אַ גוטער צייגעניש און האָט באַשלאָסן אַרײנצוטרעטן אין דער הויכשול, אויף דעם עלעקטראָטעכנישן פאַקולטעט.

אין יענער צײט איז שוין עווא ראָטשילד געווען צו אַן אַקטיוו געזעלשאַפטלעך לעבן, וואָס זי האָט געפונען אין דער בורסע, אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אין דער הויכשול האָט איר גלײך פאַרכאַפּט. עס זײנען שוין דעמלט געווען אַ סך סטודענטן, וואָס זײנען אַהערגעקומען פון די פאַבריקן, פון

אַלערליי אַרבעט-אונטערנעמונגען, פון דאָרף. דאָס זיינען געווען פשוטע, אייגענע מענטשן. אַרום זיי האָט געווימלט מיט אַ ניי לעבן. אויף די לעקציעס, אויף די דיסקוסיעס אין די קרייזלעך האָט זיך געפילט דער גערויש פון דער פאַבריק, פון אַרבעט-פאַרמעסט. די סטודענטן האָבן זיך נישט באַגנוגנט בלויז מיט טעאָריע. אין די פאַבריקן, ווו די סטודענטן זיינען אָפט געקומען אויף פּראַקטיק, אויף די געמיינזאַמע פאַרזאַמלונגען מיט די אַרבעטער און ראַציאָנאַליזאַטאָרן, זיינען באַהאַנדלט געוואָרן פּראָבלעמען פון יעדן פאַך. צווישן פּראָפעסאָרן און סטודענטן איז געווען אַ וואַרעמע חברישע צוזאַמענאַרבעט.

אין דער בייגאַכטיקער שטילקייט האָט זיך אָנגעטראָגן אַ האָפערדיק געזאַנג פון דינע מיידלשע קולות, אונטערגעהאַלטן פון מונטערע מענע-רישע שטימען. אַרום איז ווידער פול געוואָרן מיט פריידיקער יוגנט. צוואַ ראָטשילדס דערציילן איז ווי דורכגענומען געוואָרן מיט דער דאָזיקער יוגנטלעכקייט. איך האָב פאַר זיך געזען לעבעדיק די מענטשן פון דעם קרייז, צו וועלכן זי האָט געהערט. אָט איז כענטניק, וועלכער טראָגט זיך שטענדיק אַרום מיט געצייכנטע פּראָיעקטן פון פאַבריק-ראַציאָנאַליזאַטאָרן. אָט שטייט פאַר מיר אַ לעבעדיקער וויערביצקי, וועלכער פאַרנעמט שטענדיק דאָס ערשטע אָרט אויף די חודשלעכע איבערזיכטן, וואָס דער קרייז פירט דורך אויף צו קאָנטראָלירן די פאָר-שריטן פון די אייגענע מיטגלידער. אַלע ווייסן, אַז ער זיצט אָפּ גאַנצע אָוונטן אין דער פאַבריק פון עלעקטרישע מאַשין-אויסאַרבעטונגען.

אין דער דאָזיקער פאַבריק קומט אויך אָפט צוואַ ראָטשילד.

— עס טרעפט — איז איר שטים ווי צו זיך געווענדט - אַז ביים מאַכן די לעקציעס פאַרבענקט זיך נאָך אמתער אַרבעט, צו שטיין אַ פאַרשמירטע, אַן איינגעבויגענע איבער דער מאַשין און פילן זיך אַן איינגעשלאָסענע אין דעם ריטם פון אַ ריזיקער פאַבריק.

אין אירע ווערטער איז פאַראַן אַזויפיל אינערלעכער כוח און אַזויפיל זיכערקייט, אַז זי וועט די אַרבעט אין פאַבריק באַהערשן.

— ליבע צו אַרבעט - דאָס קלינגט פאַטעטיש, און דאָך איז עס אין דער אמתן נאָך מער ווי ליבע. און אפשר איז טאַקע נישטאָ נאָך די פאַסיקע באַצייכענונג פאַר דעם געפיל, וואָס באַהערשט אַ סטודענט, ווען ער קומט אין באַרירונג מיט דעם פולסירנדיקן פאַבריק-לעבן, ווען ער דערפילט די ריזיקע כוחות, וואָס וואַרטן אויף אים. דעמלט פילט

מעַן זיך ווי דורכגעגליט מיט דער הייסקייט פון מאַשינען און אַרבעטער-העַנט. דאָס איז אַ גרויס געפיל, אַ שטאַרקס.

דאָס געזאַנג פון די שפּאַצירנדיקע גרופּן יונגוואַרג איז איצט דער-גאַנגען פון ווייט, פון דער טיפעניש פון דער אַלייע, נעַנטער צום אָדער-טייך. אין מיין געהער האָט עס זיך אויסגעמישט מיט דעם שטילן און וואַרעמען קלאַנג פון אירע רייד. עמעץ האָט דאָרט אָנגעהויבן אַן אַרבעט-ליד, וואָס איז גלייך געוואָרן אונטערגעכאַפּט פון אַ סך קולות. אין דעם ליד איז ווי אויפגעגאַנגען דער עכאָ פון עווא ראָטשילדס ווערטער און האָט זיך געטראָגן איבער דער אַלייע, ווי דאָס געזאַנג פון נייע דורות.

די שלאָגלער פון „וויקטאָריאַ"

די פידל־טענער, וואָס קומען פון דעם פינף־לעמפיקן ראַדיאָ־אַפּאַראַט, הערן זיך אין אַלע צימערן. יחזקאל יאַסעפּסאָנס קול מישט זיך אויס מיט די מוזיק־טענער.

— אַמאָל האָב איך נישט געקענט אונטערשיידן בעטהאָווענען פון מאָצאַרטן, שימאַנאָווסקין פון שאָפּענען. כ'האָב בכלל נישט פאַרשטאַנען דעם מהות פון מוזיק. ווען האָט מען זיך געקאָנט מיט דעם פאַרנעמען?

זייער פּרי איז ביי יחזקאל יאָסעפּסאָנען רייף געוואָרן דער קלאַסן־באַוווסטזיין. אין דער שטוב, וווּ ער האָט געוווינט מיט זיינע עלטערן פאַר דער מלחמה, זיינען די ווענט געווען שמוציק און אָפּגעדראַפּעט. אין זעלבן הויז האָט געוווינט דער ווירט. דאָרט זיינען די צימערן געווען ליכטיקע און וואַרעמע. אַלץ האָט דאָרט געבלענדט פון רייכקייט. אין די אָוונטן פלעגן פון יענע בלאַנקענדיקע פענצטער דערגיין פּיאַנאָ־קלאַנגען, וועלכע דער קליינער יחזקאל האָט ליב געהאַט צו הערן.

די פידל־קלאַנגען דורך דעם ראַדיאָ האָבן אויפגעהערט. אַ טיפע ברוסטיקע שטים האָט מיט וואַרעמקייט גערעדט וועגן אַנגענומענע התחייבותן פון די קוילנגרעבער אין „וויקטאָריאַ". דער ספּיקער האָט אויסגעדריקט דעם שטאָלץ פון דעם פּוילישן אַרבעטער־קלאַס מיט די פאָרויסגייענדיקע בריגאַדעס פון אַדאַמיק, גלאַדיש און וואַלטאַש.

יאָסעפּסאָנס אויגן האָבן זיך אָנגעצונדן. אַ שמייכל האָט אויפגעשיינט אויף זיין פּנים. ער קען זיי גוט די קוילנגרעבער, וואָס אַרבעטן בשכנות פון דער קאָקסאָווניע, ווו ער אַליין איז פּאָפּולער אַלס איינער פון די בעסטע שלאָגלער.

יאָסעפּסאָן איז נישט קיין באַרעדעוודיקער. אין דער קאָקסאָווניע, ביי די אויוונס, איז די אַרבעט אַ קאָנצענטרירטע. פון די אָפענע צעגליטע טירן, ווו די אַטמאָספער דערגייט ביז 1090 גראַד, שלאָגט

אַ היץ, וואָס גיסט אָן קראַפט אין די מוסקולן, אין אַלע אברים. עס ווילט זיך נישט רעדן. אַלע געדאַנקען דרייען זיך אַרום דער וויכטיקייט פון דער דאָזיקער אַרבעט. וואָס פאַר אַ ווערטער קענען דען אויסדריקן דעם אינערלעכן פאַרלאַנג אָנטיילצונעמען אין דעם גרויסן פאַרמעסט?

אַן אַנדערע איז אָבער יאָסעפסאָנס ווייב, פייגע, וועלכע צייכנט זיך אויס מיט איר באַרעדעוודיקייט. זי האַלט, אַז רעדן איז דער בעסטער אופן פון אָפּרו, און איז טאַקע צופרידן צו קאָנען דערציילן וועגן דעם שווערן לעבן פון אַמאָל, ווען איר מאַן דער שמיד האָט געמוזט גיין צו פוס איבער די דערפער הינטער קאַלושין זוכן אַ שטיקל אַרבעט ביי די פויערים. אַז מען האָט זי געפונען, די אַרבעט, פלעגט זי האַלטן צוגע-שמידט צו זיך אַכצן שעה אין מעת-לעת. שפּעטער האָבן זיך ווידער געצויגן טעג פון זוכעניש. ערשט אין ראַטנפאַרבאַנד, נישט געקוקט אויף דער שווערער מלחמה-צייט, האָבן זיי זיך געפילט באַפרייט פון די שווערע זאָרגן.

ביים דערמאָנען דאָס לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד ווערט יחזקאל יאָסעפסאָן אויך באַרעדעוודיק:

— דאָרט האָב איך אויך געאַרבעט אַלס שמיד, אָבער די באַדינגונגען זיינען געווען גאָר אַנדערע, מיר האָבן געאַרבעט בשותפות און איך האָב זיך געפילט ווי אַ טייל פון אַ קאָלעקטיוו. היינט וואָלט איך שוין מער נישט געקענט אַרבעטן אַליין. האָב איך טאַקע אין וואַלבזשיך באַשלאָסן צו אַרבעטן אין דער קאָאָפּעראַטיווע. ביי קיין שום אַרבעט האָב איך זיך נישט געפילט אַזוי שטאַרק פאַרבונדן מיט די איבעריקע אַרבעטער, ווי ביי דער. קיין שום פּראָצעס קאָן דאָ נישט געטאָן ווערן אַליין, אָן דער הילף פון דער בריגאַדע, און אָן אַרבעט, וואָס ווערט געטאָן קאָלעקטיוו, איז נישט שווער.

... היינט אַרבעט יאָסעפסאָן אויף דער צווייטער שיכט. די פינף-און-זעכציק אויוונס, וועלכע די בריגאַדע באַדינט, ווערן קיינמאָל נישט פאַרלאָשן. פון דעם טאָל צווישן די באַוואַלדיקטע בערג, ווו עס געפינט זיך די קאָקסאָווניע, הערן זיך טאָג און נאַכט די גערוישן פון די פאַר-שידענע מאַשינען, דאָס צישן פונעם וואַסער איבער די גליאיקע קוילן און דאָס הילכיקע נאָכאַנאַנדיקע פאַרקלאַפּן זיך פון די אייזערנע טירן. לאַנגע שעהן האַלטן זיי אין זיך דאָס טויזנטגראַדיקע פייער, דורך וועלכן עס ציען זיך רערן מיט פאַרשידנערליי כעמיקאַליען, אַרויסגעצויגענע פון דער ברענענדיקער קוילן-מאַסע.

— אונדזער קאָקס איז דער בעסטער אין לאַנד — שטאָלצירט דער יונגער מייסטער לאַכאָווסקי — ער ווערט נישט גענוצט צום ברענען, נאָר צו וויטערדיקע לאַבאָראַטאָרישע אַרבעטן.

די צוויי הונדערט קוואַדראַט-מעטערדיקע מאַשין, וועלכע נעמט אויף דעם קוילן-שטויב, פּרעסט אים אין אַ ריזיקער פּילטאָניקער מאַסע און שטופּט אים אַריין אין אויוון, ווערט איצט באַדינט דורך דעם מאַשיניסט בנימין גראָבער. זיין פּנים: געזונט, פּירקאַנטיק, ווי פון שטיין אויסגע-קריצט. ווען מען שטייט נעבן אים אַ לענגערע צייט, דאַכט זיך, אַז מען ווערט אָנגעשטעקט מיט זיין לעבנסלוסט. ווען מען אָבסערווירט זיינע קאָנצענטרירטע באַוועגונגען ביי דער דאָזיקער מאַשין, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר אַן אומגעהויער ריזיקן בנין, און די פרייד אין זיינע טונקעלע אויגן — פאַרגלוסט זיך אַליין אַרבעטן. אַרבעטן אַזוי ווי ער און פילן אויף זיך די דרך-ארץ-פולע בליקן פון דער גאַנצער בריגאַדע, דעם פאַרליבטן שמייכל פון דעם מייסטער לאַכאָווסקי, וואָס זאָגט צו יעדן באַזוכער די ווערטער, וועלכע ער חזרט אָפּט איבער אויף פאַרזאַמלונגען:

— בעניאַמין גראָבער איז דער שטאָלץ פון אונזער קאָקסאָווניע.

שוין פינף יאָר אַרבעט גראָבער אין דער קאָקסאָווניע „וויקטאָריאַ". נאָך קיין איינמאָל האָט מיט זיין מאַשין גאָרנישט פּאַסירט. און קיין איינמאָל האָט ער נאָך צו דער אַרבעט נישט פאַרשפּעטיקט.

אַמאָל, פאַר דער מלחמה, האָט בנימין גראָבער געוווינט אין וואַרשע, געווען אַ געהילף ביי אַ שטובן-מאָלער. היינט ווייסט ער פאַר קיין שום פּרייז נישט צוריקגיין צו דעם מאָלער-פאַך. די קאָקסאָווניע האָט ער ליב באַקומען נאָך אין מאַגניטאָגאָרסק, ווו ער האָט געאַרבעט בעת דער מלחמה. קומענדיק אין 46-טן יאָר קיין וואַלבזשיך, איז ער גלייך אַריינגעטרעטן אין „וויקטאָריאַ" און מיטגעצויגן מיט זיך אויך אַנדערע.

— אין אַ קאָלעקטיוו גייט די אַרבעט אינגאַנצן אַנדערש — טענהט גראָבער נאָך ביזן היינטיקן טאָג.

— פון דער קאָקסאָווניע וועלן מיר קיינמאָל נישט אַוועקגיין — איז יאַסעפּסאָן מסכים מיט אים.

ווען דער אָוונט פאַלט צו, פלאַקערן די פייערן פון די צעעפנטע אויוונס הויך און ליכטיק. די פלאַמען הייבן זיך אויף צום אָפענעם באַ-שטערנטן הימל און וואַרפן אַ שיין אויף די אַרומיקע בערג. אין ערשטן

מאָמענט דערמאָנען די דאָזיקע פלאַמען אין שריפות. אָבער גלייך פאַלט דער בליק אויף די מענטשלעכע פיגורן, אָנגעטועטע אין ברייט-ראַנדיקע קאַפּעלושן, פון אונטער וועלכע עס קוקן אויף דיר אויגן מיט מוט און גלויבן. מאָזאָליעדיקע הענט ציען מיט לאַנגע אייזערנע גאָפּלען די פינפטאָניקע שטיקער פייער, וועלכע לעשן זיך אונטער דער מעכטיקער קראַפט פון די וואַסער-שטראָמען. עס פאַרשווינדט מאָמענטאַל דער איינדרוק פון אַ שריפה. פון דעם פלאַקערנדיקן טאָל, פון די אַלע מאַסיווגעפלאָכטענע און פאַרשידנפאָרמיקע אייזערנע סטרוקטורן, פון דעם ענערגישן און פרייליכן לאַכאָווסקין, פון יאָסעפּסאָנען און גראָבערן גייט אויף אַ מונטער געזאַנג פון לעבן, נישט בלויז דעם באַנייטן, נאָר טאַקע — ווי יאָסעפּסאָן זאָגט — דעם ניי-געבוירענעם.

דאָס פייער איז פאַרלאָשן. עס קומט אַ פינפמינוטיקער איבעררייס. מענטש און אויוון רוען און אָטעמען טיף. יאָסעפּסאָנס בליק איז פאַרקוקט אין דער הייך, צו די טונקעלע בערג-שפּיצן. צי זעט ער דאָרט זיין אַלטע היים, זיין חרובע קושניע אין קאַלושין? ניין. צו קרעפּטיק איז די פרייד אויף זיין העל פנים. גיכער זעט ער זיך איצט אַ מאַרשירנדיקן צוזאַמען מיט גרויסע מענטשן-מאַסן אויף די וואַלבזשיכער גאַסן. דאָס איז געווען דעם 1-טן מאַי. פאָרויס טראָגן די קאָקסאָווניעאַרבעטער זיין בילד, אַ גרויסן פּאָרטרעט: יחזקאל יאָסעפּסאָן דער ערשטער שלאָגלער פון דער קאָקסאָווניע „וויקטאָריאַ“. איבער די קעפּ אַ געפלאָנטער פון אויפגעכוואַליעטע פענער. אויף אַלע פנימער, — יום-טוב! און ביי אים אין האַרצן — פרייד, גליק.

שנעל לויפן די אָוונט-שעהן. דער הימל פינקלט מיט מיליאָנען שטערן. דער אָוונט איז קאַלט און פראָסטיק. אָבער דאָ אין טאָל הערשט שטענדיקע וואַרעמקייט. עס דערמאָנט זיך יאָסעפּסאָנס ווערטער:

— אין ערגעץ פילט מען זיך נישט אַזוי געבונדן מיט די מענטשן ווי ביי דער אַרבעט אין דער קאָקסאָווניע.

אַ בּיינדל דערפינדונג

ווען העניעק גאָלדרינג איז נאָכן ערשטן טאָג אַרבעטן אַרויסגעקומען פון דעם ריזיקן פאַבריק-בנין אין דער שטילער גאַס אַריין, האָט זיך אים פּשוט פאַרגלוסט פאַרהאַלטן יעדן דורכגייער און אים דערציילן וועגן גרויסן ווונדער, וואָס ער האָט געזען אין דער פאַבריק.

דער טראַמוויי איז אָנגעפאָרן. די אַרבעטער, וואָס זיינען צוזאַמען מיט אים אַרויס פון דער פאַבריק, האָבן זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן און אים כמעט ווי מיטגעשלעפּט מיט זיך.

ערשט אין שטוב האָט ער אויפסניי געגומען דורכטראַכטן דאָס אַלץ, וואָס ער האָט אין דעם דאָזיקן טאָג איבערגעלעבט. פאַר די אויגן איז אים די גאַנצע צייט געשטאַנען די ריזיקע מאַשין, וואָס האָט הונדערט און פערציק מעטער די לענג און וועגט טויזנט מיט פינפהונדערט טאָן. אָט אַזעלכע מאַשינען וועט ער מיט אייגענע הענט העלפן בויען. צי איז עס צו גלייבן? צי וואָלט ער זיך דאָס מיט אַ קורצער צייט צוריק פאָרגעשטעלט?

אין יענעם טאָג האָט העניעק גאָלדרינג אַ סך געטראַכט וועגן זיינע גאָר יונגע יאָרן אין ריישע, ווו די עלטערן האָבן אים אַריינגעגעבן צום רייכן בלעכער אַלס לערן-יינגל. ער האָט זיך דערמאָנט ווי ער האָט אַמאָל, שוין נאָך אַ יאָר לערנען זיך, געשניטן בלעכן צו מילך-קאַנען און איין בלעך עטוואָס קורצער צוגעשניטן. דער באַלעבאָס איז אויף אים אַרויפגעפאַלן מיט די פויסטן. העניעק האָט נישט אויסגעהאַלטן. ערשט ווען ער האָט דערזען דעם באַלעבאָס ליגן אַ צעבלוטיקטן, האָט ער זיך געכאַפּט און איז אַרויסגעלאָפן פון וואַרשטאַט.

קיין אַרבעט האָט ער שוין ביים פאַך אינערגעץ נישט געקריגן און געקוקט אויף זיך ווי אויף אַ קאַליקע, וואָס וועט זיך שוין קיינמאָל גאָרנישט אויסלערנען.

מיטן אויסברוך פון דער מלחמה האָט ער זיך עוואַקואירט קיין ראַטנפאַרבאַנד.

אין דער סאָוויעטישער אַרמיי איז ער אַריינגעטרעטן אַלס פרייוויליקער, זיך דערדינט צו דער ראַנגע פון אַ סטאַרשינאַ מיט אָרדערס און אויסצייכענונגען.

דאָס מיידל, מיט וועלכער גאָלדרינג האָט חתונה געהאַט נאָכן דעמאָביליזירן זיך פון דער אַרמיי און קומען קיין פוילן, האָט אים דאָס אַזוי צוגערעדט צו גיין אין דער פאַבריק. ער איז איר איצט דאַנקבאַר דערפאַר.

עס איז דאָ אַלץ אַזוי שווער, אַזוי גיגאַנטיש, און דאָך האָט ער די זיכערקייט, אַז ער וועט זיך דאָס אַלץ שנעל אויסלערנען, שנעלער ווי דאָס בלעכעריי אין ריישע.

ער האָט זיך קוים דערוואַרט, זיין אירענע זאָל קומען אַהיים פון דער אַרבעט אין טאַבאַק מאָנאָפּאָל. זי האָט נישט באַוויזן אויסצוטון דעם מאַנטל, ווי ער האָט איר שוין גענומען דערציילן:

— שטעל זיך פאָר אַ שנעלקייט פון אַ מאַשין, זעקס־הונדערט מעטער אין אַ מינוט. אַ מאָטאָציקל אין שטאָט לויפט דאָך נישט שנעלער, און טרעף וויפל שעה עס פאַרנעמט אויפצושטעלן אַ פּאַרטיקע פּאַפּירמאַשין?

זיין פריילעך־פלאַטערנדיקע אירענע זוכט אין מוח די קלענסטע ציפער און זעענדיק העניעקס לאַכן, וויל זי אָנגעבן נאָך אַ שנעלערן טערמין.

— פינף און אַכציק טויזנט אַרבעט־שעה — טריומפירט העניעק — דויערט דאָס אויפשטעלן פון אַ פּאַפּיר־מאַשין. פּעריציק מענטשן מוזן אַ גאַנץ יאָר אַרבעטן ביים אויספירן דרייצן־הונדערט קוו. מעטער צייכענונגען צו דער איינער מאַשין.

אויך אויפן צווייטן טאָג האָט העניעק געהאַט אַזוי פיל נייעס צו דערציילן אירענען. ער האָט באַגעוויזנט דאָס אָפּטראַנספּאָרטירן אַזאַ מאַשין. וועלכע האָט פאַרנומען צוויי צוגן. יעדער צוג האָט געהאַט פינף־און־דרייסיק וואַגאָנען. די טיילן, פון וועלכע אַ סך וועגן צו נײַנציק טאָן, ווערן אין די וואַגאָנען איבערגעוואָרפן דורך ספּעציעלע טראַקטאָרן. יעדער אַזאַ טראַקטאָר האָט די קראַפט פון עטלעכע טאַנקען.

העניעק גאָלדרינג האָט אָנגעהויבן גיין אויף טעכנאָלאָגישע קורסן, וועלכע די פאַבריק-דירעקציע האָט איינגעאָרדנט. די שרעק, וועלכע ער האָט אין אָנהויב געהאַט פאַר די שווערע טעכנישע טערמינען, איז גלייך נאָך די ערשטע לעקציעס פאַרשווונדן. דאָס דערלערנען די גרונט-יסודות פון צוואַנגלויפיקער באַוועגונג האָט אים קלאָר-געמאַכט אַ סך פון דעם באַהאַלטענעם געבוי אין דער מאַשין, ביי וועלכער ער האָט געאַרבעט. די קאָמפּליצירטקייט פון דער ריזיקער מאַשין איז אים פון טאָג צו טאָג געוואָרן אַלס קלאָרער.

חוץ דער ביבליאָטעק, וואָס געפינט זיך אין קולטור-קלוב, פאַרמאָגט די פאַבריק אויך אַ וויסנשאַפטלעכע ביבליאָטעק, וואָס ציילט צוואַנציק טויזנט ביכער, פאַך-ליטעראַטור. יעדער אַרבעטער האָט אַ צוטריט צו דער דאָזיקער ביבליאָטעק. אין די אָוונטן איז דאָס דערבייאיקע שטודיר-צימער פול מיט לייענענדיקע אַרבעטער. גאָלדרינג נעמט ביכער אַהיים. נישט פאַרשטענדלעכע ערטער פרוווט ער צעקייען צוזאַמען מיט אירענען. אין צווייען איז לייכטער. בכלל איז ער צופרידן, וואָס אירענע לערנט זיך אויך גלייכצייטיק און האָט שוין אַ גרויסע אָנונג אין מאַשינען-בוי. די חברים, וועלכע קומען אין די זונטיקס צו אים אויף באַזוך, וווּנדערן זיך אויף אירענעס באַהאַוונטקייט, און העניעק איז שטאָלץ דערמיט. אויף די אויספלוגן, וועלכע די פאַבריק אָרדנט איין אין די זוניקע זונטיק-טעג, פילט זיך אירענע ווי אַן אייגענע. זי נעמט אָנטייל אין די שמועסן, און אַ סך כאַפּן זיך נישט, אַז זי איז אַן אַרבעטערין פון אַ צווייטער פאַבריק.

נאָכן ערשטן יאָר אַרבעטן אין דער פאַבריק האָט שוין גאָלדרינג גוט געקענט דאָס פאַך. אָבער ער האָט זיך נישט געוואָלט באַגנוגענען מיט דעם דערגרייכטן און ווייטער געלערנט, געגאַנגען אויף די קורסן און זיך אַרומגעטראָגן מיט ראַציאָנאַליזאַטאָרישע איינפאַלן.

דער מוח פון דער פאַבריק איז דאָס קאָנסטרוקציע-ביוראָ, וואָס האָט אַ גרויסן שטאַב אינזשעניערן און טעכניקער. דאָרט ווערן געמאַכט די פּראָיעקטן פון די מאַשינען-קאָנסטרוקציעס, וועלכע גייען פאַרן גאַנצן לאַנד און פאַר אַ סך אַנדערע לענדער. אַזעלכע פאַבריקן זייַנען קוים

פאַראַן עטלעכע אין גאַנץ אייראָפּע. אין מיטל-אייראָפּע איז זי די איינ-ציקע פון אַזאַ פאַרנעם.

ווען גאָלדרינג איז צום ערשטן מאָל געגאַנגען איבער די גרויסע גלאָז-געדעקטע זאַלן, צווישן די ענדלאָזע רייען שטאָלענע שטענדערס, האָט ער מיט קנאה געקוקט אויף די אינזשיניערן און טעכניקער, צייכע-נער און קאָפּירער, וואָס זיינען דאָ געשטאַנען אין ווייסע כאַלאַטן און געאַרבעט מיט פאַרשידענע צייכן-אינסטרומענטן.

אַרום האָט געהערשט אַ דערהויבענע שטילקייט. דאָ האָבן געאַרבעט אַ סך, וועלכע זיינען נאָך מיט אַ יאָר צוריק געשטאַנען ביי דער מאַשין, אין דער זעלבער אָפּטיילונג, ווו גאָלדרינג איז איצט. אַלע זיינען געווען קאָנצענטרירט ביי זייערע צייכענונגען.

נעבן קוזשניעצן האָט גאָלדרינג זיך אָפּגעשטעלט. ווען העניעק איז מיט העכער אַ יאָר צוריק אָנגעקומען אין פאַבריק, האָט קוזשניעץ שוין געאַרבעט זעלבסטשטענדיק. ער האָט אים דעמלט אַ סך געהאָלפן. ער איז געווען צו אים זייער חבריש. זיין אָפן-פריינדלעך פנים האָט שטענדיק געשמייכלט. עס איז געווען אין די ערשטע וואָכן, וואָס גאָלדרינג האָט געאַרבעט. אין דער גאַנצער אָפּטיילונג האָט דעמלט געקאָכט מיט קוזשניעצס אַ ראַציאָנאַליזאַטאָרישן פּראָיעקט. גאָלדרינג האָט זיך נאָך דאַן נישט אָריענטירט אין וואָס עס גייט. ער האָט דעמלט קוים פאַר-שטאַנען, וואָס עס איז אַזוינס אַ ראַציאָנאַליזאַטאָרישער פּראָיעקט און פאַרוואָס עס שאַפט זיך אַרום אים אַזאַ לעבעדיקער אינטערעס פון אַלע אַרבעטער.

קוזשניעץ האָט זיך מיט אים דערפרייט און גלייך אָנגעהויבן שמועסן וועגן דער אַרבעט. ער האָט זיך געפרייט מיט די פאַרשריטן, וואָס גאָלדרינג האָט געמאַכט. מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט האָט ער זיך צו-געהערט צו דעם געדאַנק, וואָס גאָלדרינג האָט שעמעוודיק אַרויסגע-בראַכט וועגן אַ ראַציאָנאַליזאַטאָרישן איינפאַל, וואָס איז אייגנטלעך אויך געווען דער ציל פון זיין באַזוך אין דעם קאָנסטרוקציע-ביוראָ.

קוזשניעץ האָט אים געבעטן אין אָוונט אַריינקומען צו זיך.

ווען ער איז געקומען איז שוין אויפן שרייב-טיש געלעגן אויפ-געוויקלט אַ צייכענונג פון דער מאַשין, ביי וועלכער גאָלדרינג אַרבעט. מיט אַ רויטן בלייפעדער זיינען געווען אונטערגעשטראָכן די טיילן, וועגן וועלכע זיי האָבן אייַנדערפרי גערעדט.

קוזשניעץ איז געווען גאָר גוט געשטימט.

— דיין געדאַנק געפעלט מיר. נאָר מען וועט דאַרפן אַביסל אַר־בעטן איבער דעם פּראָיעקט. ס׳וואָלט גוט געווען מען זאָל אים צוגרייטן איידער מען הייבט אָן צייכענען די מאַשין פאַרן נייעם טראַנספּאָרט.

גאָלדרינגס געדאַנק איז באַשטאַנען דערין, אַז עס זאָל ווערן אויסגענוצט די פּאַפּיר־פּליסיקייט אין איר ערשטן סטאַדיום אַלס דרוק־קערפּער און דערמיט איינבערענגען דעם ספּיראַל אין די קעגל־רעדער.

נאָך אַ גאַנצער וואָך אַרבעטן, רעכענען און מעסטן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען מוז געניי אויסרעכענען די דורכשניטלעכע פּליסי־קייט פון יעדן סאָרט פּאַפּיר. גאָלדרינג האָט שוין געוואָלט רעזיגנירן פון דעם אויפטו זיינעם.

זיי האָבן זיך איצט געמוזט נעמען צו אַ ניי געביט, מיט וועלכן זיי האָבן ביז איצט געהאַט ווייניק צו טון — צו כעמיע. דער אויפטו האָט זיך איצט ביידן אויסגעוויזן צו ווערן נאָך צווייפלהאַפטער, אָבער קוזשניעץ האָט נישט אָפּגעלאָזט. אַז מען האָט זיך געדאַרפט באַראַטן וועגן עפּעס מיט אַן אינזשיניער, האָט עס געטאָן קוזשניעץ. גאָלדרינג איז נישט דרייסט געווען און האָט בכלל שיעור נישט פאַרלוירן די האָפענונג, צי ס׳וועט עפּעס ווערן דערפון.

איינמאָל, אַרויפקומענדיק צו קוזשניעצן אין שטוב, האָט ער דערזען אויפן שרייב־טיש איינגעאָרדנט פון בלעך אַ פּראָוויזאָרישן אַפּאַראַט פאַר דרוק־פאַרטיילונג. די שטוב איז פול געווען מיט ריחות פון פאַרשי־דענע צעלאָזטע כעמישע שטאָפן, און קוזשניעץ — פאַרנומען מיט מישן און גיסן אין די גלעזערנע טרייבלעך פוןביידע זייטן אַפּאַראַט.

העניעקן איז מיטאַמאָל וואַרעמער געוואָרן. ביז שפּעט אין דער נאַכט זיינען זיי דעמלט געזעסן און געצייכנט. ענדלעך איז פאַר זיי אַלץ קלאָר געוואָרן. פון קוזשניעצן האָט געשפּריצט מיט פרייד.

אין אַ שטאָל-פאַבריק

ווען כיל שניידער איז נאָכן באַפרייט ווערן פון לאַגער געקומען אַהער קיין מילאָנע, האָט ער אין דער פאַבריק אָנגעטראָפן אינגאַנצן דריי מענטשן, די שפּעטערדיקע דירעקטאָרן. זיי האָבן אַמטירט אין וועכטער-שטיבל, ווייל ווייטער האָט מען זיך נישט געקאָנט דורכקריגן. אַלץ איז געווען צעהאַקט און באָמבאַרדירט. גלייך מיט זיי האָט ער זיך גענומען צו דער אַרבעט, וואָס איז באַשטאַנען אין אָפּקלייבן און מאַגאַזינירן די גוטע טיילן פון מאַשינען, היטן ביינאַכט די פאַבריק, צונעמען נייע מענטשן — איינטיילן די אַרבעט און אַליין העלפן רייניקן און קאָמפּלעטירן די מאַשינען.

ביסלעכווייז זיינען די ריזיקע האַלעס און וואַרשטאַטן געקומען צו זיך. אַרבעטער און אינזשיניערן האָבן אַליין רעקאָנסטרואירט די באַשעדיקטע מאַשינען. עס איז אַנטשטאַנען אַ פאַבריק, וואָס פאַרנעמט אַ גאָר אָנגעזען אָרט אינעם סאָציאַליסטישן אויפבוי פון פוילן.

דער אַמאָליקער לאָדזשער בלעכער-געהילף און איצטיקער אָנפירער פון אַ שלאָסער-בריגאַדע, שליאַמאָוויטש, איינער פון די בעסטע אַרבעטער, דערציילט מיר וועגן זיין צוגעבונדנקייט צו דער פאַבריק.

ביז צו דער מלחמה האָט ער אויף אַ פאַבריק געקוקט ווי אויף אַ תּפיסה, וואָס שלינגט איין הונגעריקע און שפּייט אויס קראַנקע, טובערקולאָזע מענטשן, קאַליקעס. היינט, פון זינט ער אַרבעט דאָ, איז די פאַבריק זיין ערשטע היים. דאָ אין דער ווילע, וואָס שטייט אויפן הויף פון דער פאַבריק, אַרומגערינגלט מיט אַ שיינעם בלומען- און בוימערגאָרטן, וווינט ער צוזאַמען מיט דעם דירעקטאָר און אינזשיניער פון זיין אָפּטיילונג. צוזאַמען מיט זיי פלעגט ער נאָך אין יאָר 1945 פאָרן איבער דער געגנט און צווישן חרובע פאַבריקן זוכן און מאָנטירן פאַרשידענע טיילן צו קאָמפּלעטירן די מאַשינען פון זייער פאַבריק.

— כ׳האָב זיך קיינמאָל נישט פאָרגעשטעלט — שמייכלט שליאַמאָ־וויטש — אַז מען קאָן אַזוי ליב באַקומען אַ פאַבריק. איצט וואָלט איך נישט געקאָנט לעבן אָן איר.

דעם 15־טן יולי 1946 האָט די פאַבריק אַרויסגעגעבן די ערשטע פּראָדוקציע. די דאַטע איז געבליבן ווי אַ יום־טוב פון דער פאַבריק. יעדעס יאָר ווערן אין דעם טאָג געגעבן פּרעמיעס פאַר די אויסגעצייכנטע אַרבעטער. היי־יאָר האָבן זיך צווישן די 75 בעסטע געפונען אויך די יידישע שלאָסער העניק ווערטהיים, אָזיאַש לערנער און דער יונגער טאָקער ליטמאַנאָוויטש.

ביז צום חודש יולי 1949 האָט די פאַבריק אויסגעאַרבעט צענדליקער טויזנטער טאָן פאַרשידענע אייזן־קאָנסטרוקציעס: די טורעמס אין פּויזנער ראַט־הויז; די האַלעס פון שוועד־אינדוסטרי אויף דער אויסשטעלונג אין ווראָצלאַוו און פּויזן א.ד.גל.

איצט פירט מיך אינזשיניער מילער, דער פּראָדוקציע־לייטער, פון האַלע צו האַלע, פון מאַשין צו מאַשין. יעדער וואַרשטאַט האָט זיין געשיכטע פון ווידערגעבורט און געבוירן ווערן. ביים אינזשיניער מילער זיינען די ווענט פאַרהאָנגען מיט דיפּלאָמען און אויסצייכענונגען פאַר זיינע פאַרדינסטן ביים רעקאָנסטרואירן די פאַבריק. אַליין שטאַמט ער פון לוקאָוו. ער האָט געדינט אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, געאַרבעט אין ראַטן־פאַרבאַנד אין אַ מעטאַל־פאַבריק און געזען ווי מענטשלעכע פּראַצע דערגרייכט די מדרגה פון העלדישקייט.

ער האָט עס אויך דאָ אין דער פאַבריק אויפגעהויבן די אידעע פון פאַרמעסט און איז ביזן היינטיקן טאָג דער פאָרזיצער פון דער קאָמיסיע פאַר אַרבעט־געוועט.

איך באַמערק, ווי די אַרבעטער גריסן זיך מיט דעם אינזשיניער מילער פריינדלעך, האַרציק, רופן זיך איבער מיט חברישע באַמערקונגען. כ׳האָב דעם איינדרוק, אַז ער האָט מיט זיין אַריינקומען אַריינגעבראַכט אַ פריידיקע אויפרודערונג.

מיר גייען אַדורך דעם פאַבריק־הויף. עס ליגט אַ געפלעכט פון אייזערנע פּרענטן. דעם מאַטעריאַל באַקומט די פאַבריק פון אויבער־שלעזישע הוטעס. דאָ ווערט עס געדעקט, געבונדן, צונויפגעניטעוועט און געגאָסן לויט די צייכענונגען, וועלכע עס האַלט אין דער האַנט דער אינזשיניער זאַגורסקי. די אַרבעטער אין די גראַנאַטענע קאָמבינעזאָנען גייען אַרום דעם אייזן־געפלעכט, וועלכער וואַקסט פון מינוט צו מינוט,

מיט האַמערס און שרויפן אין די הענט. דער טומל פון די ברומענדיקע מאַטאָרן, קלינגענדיקע שינעס און שטאָבעס איז דאָ אַ מעכטיקער, אַ פאַרטויבנדיקער. מילער בלייבט שטיין, קוקט זיך צו צו דער אַרבעט, נעמט ביי זאַגורסקין די צייכענונגען, רעכנט עפּעס שנעל אויס אויפן פּאַפּיר און ווייזט עס זאַגורסקין.

מיר גייען ווייטער, נאָר אין דעם מאָמענט הערן מיר הינטער זיך פריילעכע אויסרופן. פון דער גרופּע, באַשעפטיקטע ביים בויען די בריק, רייסט זיך אַרויס אַן עלטערער שלאָסער, לויפט צו צו מילערן און דריקט אים פעסט די האַנט.

— אינזשיניער — זאָגט ער מיט טרערן אין די אויגן — דורך אייער איינפאַל וועלן מיר היינט האָבן אויף 500 פּראָצענט איבערגעשטיגן די נאָרמע. אונדזער בריגאַדע וועט זיין די זיגערין אין אַרבעט-פאַרמעסט... יאָ, זאַגורסקי האָט עס אונדז געזאָגט.

פונדערווייטנס שטייען די יונגערע אַרבעטער מיט די האַמערס אין די הענט. פון זייערע צעגלאַנצטע אויגן שטראַלט אַרויס ליבשאַפט. עמעץ שרייט אויס:

— אינזשיניער מילער זאָל לעבן!

מיר קומען אַריין אין דער אינסטרומענטן-האַלע. ביי דער אויטאָ-מאַטישער זעג-מאַשין שטייט אַן עלטערער שלאָסער פון אַ יאָר זעכציק און טענהט עפּעס מיט אַ יונגן בחור מיט אַ בלאָנדער טשופּרינע.

מילער ווענדט זיך צו אים אין זיין לעמבערגער יידיש:

— נו, הויזדאָרפער, וויפל האָט איר שוין דורכגעלאָזט לערן-יינגלעך?

ביי הויזדאָרפערן צעשייגען זיך די קנייטשן אויפן טונקעלן פּנים. ער ווייזט אויף דעם באַשעפטיקטן בחור און שמייכלט:

— ער איז דער 29-טער, פּיעשקאָ. זאַוואַדזקי האָט נעכטן געמאַכט 190 פּראָצענט — זאָגט ער זיגעריש שטאָלץ מיט זיין לערן-יינגל, וואָס אַרבעט איצט דעם צווייטן חודש זעלבסטשטענדיק.

הויזדאָרפער שטאַמט פון ראַדאָם, ווו ער האָט פאַר דער מלחמה געאַרבעט אַלס בלעכער. בעת דער מלחמה איז ער מגולגל געוואָרן קיין אוראַל, ווו ער האָט געאַרבעט אין אַ מעטאַל-פאַבריק און געוואָרן אַ שלאָסער. דאָ אין דער פאַבריק אַרבעט ער פון 46-טן יאָר. מיט אייפער האָט ער געלערנט נישט קוואַליפיצירטע פּוילישע יוגנטלעכע. דאָס האָבן געטאָן אַלע עלטערע פאַכמענער.

צווישן די שטאַרקע אייזערנע מענטשן, וואָס דער נייער פּוילישער קלימאַט האָט אויסגעשמידט, איז נישטאָ קיין אָרט פאַר בלינדער שנאה. עס הערשט דאָ ליבשאַפט צום מיטמענטש, וואָס העלפט בויען און זיגן אין דעם סאָציאַליסטישן געוועט.

די פאַבריק האָט אַן אייגענע שול, ווו עס ווערט געזאָרגט וועגן דער פאַך-אויסבילדונג פון די אַרבעטער און פאַרן הויבן זייער אַלגעמיינעם קולטור-ניוואָ. פאַראַן דאָרט אַ קולטור-קלוב, אַ לייען-זאַל מיט אַ רייכן אויסוואַל פון צייטונגען, אַן אייגענע ביבליאָטעק, וואָס איז שטענדיק געפּאַקט. די פאַבריק אַרבעט אויף צוויי שיכטן. אין דער פרייער צייט לייענט דער אַרבעטער און לערנט זיך.

ווייט אָפּגערוקט פון דער פאַבריק געפינט זיך אויך אַן אייגענע פאַרשול, ווו עס ווערט שטאַרק געזאָרגט פאַר די אַרבעטערס קינדער. דאָ בלענדט אַלץ פון ווייסקייט און ריינקייט. אינעם שיין-געפלעגטן גאָרטן איז איינגעאָרדנט אַ גאַנצער לונאַ-פּאַרק מיט פאַרשיידנאַרטיקע שפּילע-רייען פאַר די קינדער. געזאַנג און פרייד הערשט דאָ אין יעדן ווינקעלע.

דעם זומער האָט די פאַבריק איינגעאָרדנט צענדליקער אויספלוגן איבער דער פאַרשידנאַרטיקער געגנט פון נידערשלעזיע. עס זיינען איינ-געאָרדנט געוואָרן צונויפטרעפן מיט די אַרטיסטן פון נידערשלעזישן טעאַטער.

דאָ ווערט געזאָרגט גלייכצייטיק פאַרן גוף און פאַר דער נשמה, און מענטשלעכע מי ווערט געקרוינט מיט פרייד.

ברוך לעוואַנדאָווסקיס מתנה צום 1-טן מאַי

אין דעם טאָג פאַרן 1-טן מאַי 1946 איז צום ערשטן מאָל נאָך דער מלחמה געלאָזט געוואָרן אין גאַנג די מלוכהשע זייד-פאַבריק.

חדשים-לאַנג האָבן די מענטשן געאַרבעט, כדי צו ברענגען אין אָרדנונג די חרובע פאַבריק-האַלעס און מאַשינען. טאָג און נאַכט האָבן געאַרבעט די אינסטאַלאַטאָרן און מעכאַניקער-ספעציאַליסטן. צענדליקער אַרבעטער האָבן געקליבן שרייפל צו שרייפל, געסדרט און גערייניקט די פאַרשידענע צעוואָרפענע טיילן. וואָס נאָענטער עס האָט זיך אָנגערוקט דער 1-טער מאַי — אַלץ פיבערדיקער און אָנגעשטרענגטער איז געוואָרן די אַרבעט. פון די ווענט האָט שוין דאַן גערופן די דערמאָנונג, אַז צום 1-טן מאַי, צום טאָג פון גרויסן אַרבעטער-יום-טוב, דאַרף די פאַבריק זיין אין באַוועגונג.

ברוך לעוואַנדאָווסקי האָט דעמלט געאַרבעט אין גאַראַזש אַלס גע-הילף ביים אויטאָ-מעכאַניקער. אויך דאָ איז די אַרבעט געווען אין פולן ברען. פונקט ווי אין אַלע אָפטיילונגען, האָט אויך זייער בריגאַדע גענומען אויף זיך די התחייבות אויסצורעמאָנטירן אַלע דריי טראַנספּאָרט-מאַשינען, וועלכע דאַרפן אָנטייל נעמען אין דער 1-טער מאַי-דעמאָנסטראַציע.

אין יענע צייטן זיינען פאַרווישט געוואָרן די גרענעצן צווישן אינ-זשיניער און איינפאַכן נישט קוואַליפיצירטן אַרבעטער. אַ פאַרפעצטער פלעגט אינזשיניער טשערווינסקי שטיין אויף די קני גלייך מיט אַלע, אַן איינגעבויגענער איבער די צונויפגעקליבענע מאַשין-טיילן, גערייניקט זיי מיט גלאָז-פאַפּיר, מיט אייל און נאַפט. די אַרבעטער האָבן זיך נישט גערעכנט מיט קיין שעהן. נאָך דער באַשטימטער אַרבעט-צייט האָבן זיי זיך פרייוויליק געמאָלדן צו העלפן אין די פאַרשידענע אָפטיילונגען, און

זאַמען מיט די מעכאַניקער-ספּעציאַליסטן געהאָלפן רעמאָנטירן, אינסטאַלירן און אויסרעגולירן די מאַשינען.

ברוך לעוואַנדאָווסקי, כאָטש ער האָט געאַרבעט אין גאַראַזש, האָט ער אָבער שוין גוט געקענט אַלערליי מאַשינען, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער פאַבריק. אין דער גאָרקיך, אין דעם פּראָוויזאָרישן קולטור-הויז, אומעטום, ווו די אַרבעטער פלעגן זיך צונויפקומען, האָט ער זיך שטענדיק איינגעהערט צו די שמועסן וועגן די מאַשינען, וועגן מאָטאָרן און טראַנסמיסיעס. ער האָט שוין פון אויסנווייניק געוווּסט. ווו און וואָס עס פעלט, געקענט די נעמען פון די מאַשינען און זייערע פאַרשידענע טיילן.

דער קליינער קאָלעקטיוו האָט דעמלט געהאַלטן די וואַכטע. דעם טאָג פאַרן 1-טן מאַי זיינען געוואָרן איינגעהייצט די צוויי ריזיקע וואַסער-רעריקע קעסלען. עס איז געווען אַ גרויסע פרייד. ברוך לעוואַנדאָווסקי, וועמענס בריגאַדע האָט נאָך מיט אַ טאָג פריער פאַרענדיקט אויסרעמאָנטירן די טראַנספּאָרט-מאַשינען, האָט איצט צוזאַמען מיט זיינע חברים אָנטיילגענומען אין דער גרויסער שמחה. ער האָט גלייך מיט אַלע געוווּסט, אַז די דייטשן האָבן אַרויסגענומען די גליטשגעלעגערס פון ביידע טורבינען. פון דעם טורבין „באָרסעג" האָבן זיי אַרויסגענומען אַלע רעגולאַטאָרן. עס זיינען געמאַכט געוואָרן נייע. איצט אַרבעטן זיי. דער דריי- און צוואַנציק-יאָריקער ברוך לעוואַנדאָווסקי האָט דאַן לאַנג אָבסערווירט די אומגעהויערע קראַפט, וואָס זעצט פון די מאַשינען. אויף זיין פּנים איז געווען אַ פאַרוווּנדערטער שמייכל. ער האָט אַליין נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס עס פעלט אים. פילט ער פרייד? נו, יאָ... אָבער אויך אַ געוואַלדיקע בענקשאַפט און אַזאַ ווייטיקלעכער פאַרלאַנג צו באַנעמען און באַהערשן אָט די דאָזיקע קראַפט.

ברוך לעוואַנדאָווסקי פילט, אַז דער דאָזיקער פאַרלאַנג קאָן ווערן אַ ציל אין לעבן.

לעוואַנדאָווסקי איז נאָך דעמלט לאַנג געשטאַנען ביי די ריזיקע קעסלען און געקוקט, ווי קונציק זיי ווערן דאָס געהייצט מיט דעם קוילן-שטויב. ער ווערט אַריינגעדריקט אין דער עפּענונג מיט דער קראַפט, וואָס גייט פון די אַפּאַראַטן, וועלכע אַרבעטן אויס די אָנגעשטרענגטקייט פון דער לופט. די אומגעהויער-גרויסע עלעוואַטאָרן-באַנדן פירן די קוילן-שטיקער, וואָס ליגן אויפן הויף אין גרויסע אויפגעטורעמטע הויפנס, צו די מאַשינען. זיי ווערן צעקרישלט אויף קלענערע שטיקער.

דאָן גייען זיי אויטאָמאַטיש דורך די טרוקן־האַלעס אין די ספּעציעלע בונקערס. פון דאָרט צו די מילן, פונוואַנען זיי קומען אַרויס פאַר־וואַנדלטע אין שטויב און מאַכן דורך זייער לעצטן וועג אין די קעסל־קאָלעקטאָרן.

אין אַלע האַלעס האָט אין יענעם טאָג אויפגעוואַכט אַ נײַ לעבן. די זעלבע אַרבעטער, וועלכע זײַנען נאָך מיט עטלעכע טעג צוריק געשטאַנען אין הויף צווישן די אָנגעוואַלגערטע שטיקער אײַזערנע און שטאָלענע טיילן, האָבן זיך איצט פלינק באַוועגט צווישן די ריזיקע, גלאַנציקע מאַשינען און מיט אַזאַ פריידיקער קאָנצענטרירטקייט געטאָן די אַרבעט.

שפּאַצירנדיק איבער די אויפגעלעבטע און צערוישטע פאַבריק־האַלעס, איז ברוך לעוואַנדאָווסקי אַרײַנגעקומען אין דער אָפּטיילונג, וווּ עס קומט פאָר די ערשטע פאַזע פון דער זייד־אויסאַרבעטונג. עס איז געווען אינטערעסאַנט צו אָבסערווירן ווי דאָס האָלץ־פּאַפּיר, דורכגעווייקט אין קאַוסטישער סאָדע, גייט דורך דעם שנעל־באַוועגלעכן מאַרזשער, ווערט צעשלאָגן אין אַ געדיכטער פליסיקייט. פונדאַנען גייט זי אין דער רייף־אָפּטיילונג און ווערט פאַרוואַנדלט אין צעלולאָזע. ווי אַ פאַרכישופטער, האָט ער נאָכגעפאָלגט די פאַרשידענע פּראָצעסן, וועלכע פאַרוואַנדלען די דאָזיקע פליסיקייט אין ציטרין־קאָלירקע זייד־פעדעם. בײַ איינער אַזאַ מיש־מאַשין, אינמיטן צעשלאָגן די צעלולאָז־מאַסע, האָט זיך מיטאַמאָל עפּעס פאַרהאַלטן. דער בריגאַדיר האָט שנעל אָפּגעשטעלט די מאַשין, געשיקט נאָכן מייסטער און אַליין דערווײַל גענומען זוכן די סיבה פון דעם מאַרזשערס פאַרהאַלטן זיך. אין ברוך לעוואַנדאָווסקין האָט אַ רעד געטאָן דער מעכאַנישער אָדער. ער האָט זיך דערנענטערט צו דער מאַשין און צוזאַמען מיט דעם בריגאַדיר געפּרווט מייסטרעווען בײַ די אַטמאָספער־דריקערס. ווײַזט אויס, אַז ער האָט עפּעס אַן אומגעלונגענעם ריר־געטאָן, ווײַל דער בריגאַדיר האָט געקריגן אַ דערשראָקענע מינע, אים אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און געזאָגט:

— האָסט איצט געקאָנט קאַליע מאַכן די קאָליר פון ערשטן טראַנספּאָרט זייד.

לעוואַנדאָווסקי האָט זיך פאַרשעמט און איז געוואָרן אומעטיק צוליב זײַן אומבאַהאָלפנקייט און נישט פאַרשטיין די מאַשין.

אַט דער דאָזיקער מאָמענט — דערציילט היינט לעוואַנדאָווסקי — האָט געווירקט אויף זיין באַשלוס זיך צו נעמען לערנען און דערגיין ביז צו דער הויכשול.

אָנגעקומען איז עס אים גרינגער, ווי ער האָט זיך עס אַליין פאָרגעשטעלט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דירעקציע האָט פונקט דעמלט זיך פאַרנומען מיט דער פראַגע פון אויסטיילן יוגנטלעכע אַרבעטער אויף שטודירן. ברוך לעוואַנדאָווסקיס ווענדונג איז גלייך אָנגענומען געוואָרן, מיטן באַדינג, ער זאָל נאָכן דערהאַלטן דעם דיפּלאָם בלייבן אַרבעטן אין דער פאַבריק. ער האָט עס געערן אונטערגעשריבן און מיט התמדה זיך גענומען צום לערנען.

עס זיינען אים צוגערעכנט געוואָרן די צוויי יאָר ליציי, וואָס ער האָט דורכגעמאַכט אין נאָוואָסיבירסק. דאָס ערשטע יאָר אויפן פּאָליטעכניקום איז געווען זייער שווער. עס איז אויסגעקומען צו האָרעווען ביז שפּעט אין דער נאַכט. די סטיפּענדיע האָט קוים געסטייעט אויף די נויטיקסטע באַדערפענישן. דאָך האָט ער פון צייט צו צייט זיך אַראָפּגעכאַפּט אין פאַבריק. די פאַבריק האָט באַזיגט פאַרשידענע שוועריקייטן און פון טאָג צו טאָג געוואקסן אין פאַרנעם.

לעוואַנדאָווסקיס ערשטע שריט, נאָכן פאַרענדיקן די הויכשול, זיינען גלייך געווען אין דער זייד-פאַבריק. ער האָט פון אָנהייב איבער גענומען די פונקציע אַלס געהילף-לייטער פון דער שפּינערריי-אָפּטיילונג, ווו עס קומט פאָר די לעצטע פאַזע פון זייד-אויסאַרבעטונג. די דרימען ווערן געדרייט אויף שפּולן, אַדורכגייענדיק גלייכצייטיק דעם לעצטן פּראָצעס פון וואַשן.

נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעט האָט ברוך לעוואַנדאָווסקי, נאָך אַ גאַנצער ריי פּראָבן, אַריינגעטראָגן אַ ראַציאָנאַליזאַטאָרישן פאָרשלאָג צו פאַרבייטן דעם ביז-איצטיקן „פּערמוטוט", וועלכער דינט אויף ווייך צו מאַכן דאָס וואַסער, מיט אַ נייעם פּרעפּאַראַט. אַ דאַנק דעם האָט זיך באַקומען אַ געוואַלדיקע עקאָנאָמיע אין געלט.

היינט אַרבעט דער אַכט און צוואַנציק-יאָריקער ברוך לעוואַנדאָווסקי אַלס לייטער פון דער מעכאַנישער אָפּטיילונג. ער איז באַליבט צווישן די אַרבעטער. ער ווייזט אַרויס דעם וואַרעמסטן אינטערעס צו יעדן נייעם פּראָיעקט, וואָס עס טראָגט אַריין אַן אַרבעטער. ער באַמיט זיך צו העלפן זיינע עלטערע און יונגערע חברים.

אָבער חוץ דעם, האָט ברוך לעוואַנדאָווסקי שטיל אין האַרצן געטראָגן אַ פאַרפּליכטונג, וועלכע ער האָט געוואָלט רעאַליזירן אינעם טאָג פאַרן ערשטן מאַי, אין דעם טאָג, ווען ער האָט מיט פינף יאָר צוריק צום ערשטן מאָל דאָ אין דער דאָזיקער פאַבריק באַשלאָסן צו לערנען זיך אויף אינזשיניער.

ער האָט דעם דאָזיקן מאָמענט גוט געהיטן אין זכרון. שטענדיק, ווען ער פלעגט קומען אין פאַבריק און שוין נאָכדעם, ווען ער האָט אָפיציעל באַנייט זיין אַרבעט, האָט ער דורכגייענדיק פאַרביי דער מאַשין, וואָס איז דעמלט קאַליע געוואָרן, זיך אָפּגעשטעלט און באַטראַכט אירע רעגלמעסיקע באַוועגונגען און גוט פאַרגעדענקט יעדן פּראָצעס אירן.

מיט אַ קורצער צייט צוריק האָט אים באַזונדערס פאַרינטערעסירט דער פּראָצעס, ווען די וויסקאָזן-מאַסע שטופּט זיך דורך אונטערן דרוק פון פינף אַטמאָספער און גייט דורך שוין אַלס זייד-פאָדעם דעם ספּעציעלן „קאַפּילאַרקע״-אַפּאַראַט. דער דאָזיקער אַפּאַראַט פלעגט זיך אָפט פאַרהאַקן צוליב דער נישט גלייכער געדיכטקייט פון דער וויסקאָזן-מאַסע. ברוך לעוואַנדאָווסקי האָט זיך דאַן גענומען אַרומטראָגן מיטן געדאַנק צו ענדערן די קאַפּילאַרקע, צוגעבנדיק צו איר אַ ספּעציעל רערל, וואָס זאָל דינען אַלס קאַנאַל אָפּצוציען די צו-געדיכטע טיילן צוריק צו דער מיש מאַשין.

דעם געדאַנק האָט ער לאַנג געהאָדעוועט אין זיך, אויסגעאַרבעט אַלע דעטאַלן, נויטיקע פאַר דער רעאַליזירונג פון דעם פּראָיעקט, און געוואַרט דערמיט צום טאָג פאַרן ערשטן מאַי.

מיט עטלעכע טעג פריער האָט ער דעם פּראָיעקט, אַ פאַרענדיקטן מיט אַלע דעטאַלן, אַריינגעטראָגן אין דער קוואַליפיציר-קאָמיסיע ביים ראַציאָנאַליזאַטאָרן-קלוב.

דעם זעלבן טאָג איז דורכגעמאַכט געוואָרן די פּראָבע. נאָכן אַדורכפירן קליינע ענדערונגען, איז דער פּראָיעקט אַריין אין לעבן.

דער שלאָגלער באָריס לערנער דערציילט...

אויף דעם געדיכט-באַגראָזטן ברעג פון אָדער-טייך, דאָרט, ווו ער שניידט זיך דורך ווי אַ גרענעץ פּאַס צווישן וורָאַצלאַוו און קאַרלאָוויץ, רוישט עס אין די נאָכמיטאָג-שעהן מיט הילכיקע קולעכלעך פון אָרומ-לויפנדיקע קינדער, וועלכע די עלטערן נעמען דאָ אַהער מיט זיך צו כאַפּן אַ שפּאַציר נאָך דעם אַרבעטס-טאָג אין פאַבריק.

באָריס לערנער האָט ליב אָוועקצוזעצן זיך הארט ביים וואַסער, אויף דעם שטייניק-געפלאַסטערטן ברעג, אויסטון די שיך און לאָזן די צעהיצטע פיס גלעטן און שווענקען פון די פריילעכע גרין-שוימיקע כוואַליעס.

עטוואָס ווייטער שפּילט זיך זיין לייבעלע, אַ קוואַל קינדערשער חן ליגט אויף זיין פּנימל, וואָס איז ברוין און לעבעדיק. ער האָט שוואַרצע קלוגע אייגעלעך, און אויף זיין קעפּל באַמבלט זיך אַ פּוכיק-שוואַרצע טשופּרינע פון געקרייזלטע האָר.

ער לערנט זיך גוט, לייבעלע. באָריס האָט פון אים אַ סך נחת. ער שיקט אים אין דער יידישער שול און איז שטאָלץ, ווען ער הערט ווי זיין לייבעלע לייענט אַ יידיש ביכל און דעקלאַמירט יידישע און פּוילישע לידער. באָריס האָט לעצטנס אַליין אויך אָנגעהויבן צו לייענען. ביכער נעמט ער אין דער פאַבריק-ביבליאָטעק.

צווישן אייגענע האָט באָריס אַ סך צו דערציילן וועגן זיין לעבן פון פאַר דער מלחמה, אין ראַטנפאַרבאַנד און גאָר באַזונדערס וועגן זיין לעבן אויף דער פאַבריק.

באָריס געדענקט גענוי דעם חודש און טאָג, אין וועלכן ער האָט צומערשטן מאָל אָנגעהויבן אַרבעטן אין פאַבריק. זיינע טונקעלע געדיכט-באַברעמטע אויגן צעשמייכלען זיך פאַרטראַכט, ווען ער דערציילט:

...עס קאָן זיך דוכטן, אַ טאָג, ווי אַלע טעג. אַ ביסל מער צוטומלעניש. געוויש פון מאָטאָרן, פון מענטשן. אָבער די וואַרעמקייט, דאָס באַגריסן זיך פון די אַרבעטער, פונעם דירעקטאָר, און דאָס אינטערעסירן זיך מיט פאַרשידענע קליינקייטן, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיין איינאָרדענען זיך — דאָס פאַרגעסט זיך נישט. איך האָב דערפילט, אַז איך באַקום זייערע נאָענטע פריינד.

איך האָב זיך פאַרשידנס אָנגעהערט וועגן דעם, ווי אַרבעטער פילן זיך דעם ערשטן טאָג אין פאַבריק. מיין ערשטער איינדרוק איז געווען: ס'איז אַ ניי לעבן. דאָס געוויש איז מיר געווען ליב און אייגן. פאַר דער מאַשין האָב איך נישט קיין מורא געהאַט, ווייל די ערשטע טעג האָב איך נאָר באַדינט די אַרבעטער ביי דער מאַשין און זיך צוגעקוקט ווי זיי אַרבעטן און כ'בין געווען זיכער, אַז כ'וועל זיך אויסלערנען.

„כ'מוז מודה זיין, אַז עס איז מיר נישט לייכט אָנגעקומען דאָס לערנען זיך. עס איז פאָרט אַלץ געווען ניי פאַר מיר. כ'האָב קיינמאָל נישט געהאַט צו טאָן מיט קיין מאַשין. און אַז כ'האָב נאָך עטלעכע וואָכן אַרבעטן אַליין געלאָזט די מאַשין אין גאַנג און זי האָט זיך מיר באַלד אָפּגעשטעלט, האָב איך פאַרגעסן צו זוכן די סיבה אין איבערגעריסענעם פאָדעם, נאָר געפּרוווט פאַנאַנדערשרויפן די קאָרבע און זיך גוט אָנגעשוויצט ביז קוטשאַיעווסקי, וועלכער האָט שוין דעמלט באַדינט זעקס מאַשינען, האָט מיר מיט אַ שמייכל געוויזן דעם איבערגעריסענעם פאָדעם.

אין משך פון דער צייט האָב איך באַקומען נאָענטע חברים צווישן די אַרבעטער אין פאַבריק. קוטשאַיעווסקי האָט אָנגעהויבן צו מיר צו קומען אַהיים, כ'האָב זיך דערוווּסט פון אים אינטערעסאַנטע זאַכן. ער איז פון ווילנע. בעת דער אָקופּאַציע איז ער געווען פאַרשיקט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער פאַר אויסבאַהאַלטן ביי זיך אַ יידיש מיידעלע — זיין חברס אַ קינד. אַז ער האָט גערעדט וועגן קינד, זיינען אים טרערן געשטאַנען אין די אויגן. בכלל איז ער זייער אַ האַרציקער.

קוטשאַיעווסקי איז דעמלט געווען בריגאַדיר. נאָך צוויי חדשים אַרבעטן, אָבסערווירן, העלפן די וועבער און מייסטער, האָט ער זיך צו מיר געווענדט:

— מ'דאַרף, באָריס, אַ טראַכט געבן פון זעלבסטשטענדיק אַרבעטן.

דעם אָוונט, איידער כ׳האָב באַדאַרפט אויף צומאָרגנס אָנהייבן זעלבסטשטענדיק אַרבעטן, איז קוטשאַיעווסקי געווען ביי מיר אין שטוב און צוויי שעה מיר נאָכאַמאָל איבערגעחזרט די הויפּט-כּללים, וואָס איך דאַרף וויסן, כּדי די לייוונט זאָל ביי מיר נישט אַרויס קיין בראַקירטע, וואָס פאַר אַ קאַטאַסטראָפעס עס קאָנען געשען ביי דער מאַשין, אויף וואָס מען דאַרף צומערסטן אַכטונג געבן.

— כ׳מיין — האָט ער געזאָגט ביים געזעגענען זיך — אַז וועסט זיך אַן עצה געבן. טאָמער וועסטו עפּעס נישט וויסן, וועסטו מיך צורופן.

דעם גאַנצן טאָג איז ער צו מיר נישט צוגעקומען. אַזאַ פּרינציפּ האָט ער געהאַט. ער האָט געהאַלטן אַז זיין אָנוועזנהייט וועט מיר שטערן צו אַנטוויקלען אין זיך דאָס געפיל פון זעלבסטשטענדיקייט.

אין מיר האָט די גאַנצע צייט געעגבערט אַ געדאַנק: כ׳זאָל זיך נאָר נישט פאַרשעמען פאַר קוטשאַיעווסקין. קיין ערנסטע קאַטאַסטראָ-פעס זיינען אין דעם טאָג ביי מיר נישט געשען. כ׳האָב דעמלט פאַר-טיק געמאַכט ביי אַ צוואַנציק מעטער לייוונט.

צומאָרגנס איז מיר געגאַנגען נאָך בעסער. סוף וואָך קומט צו מיר צו קוטשאַיעווסקי און זאָגט:

— פון מאָרגן אָן גייסטו איבער אויף אַקאָרד-אַרבעט. זע, זאָלסט זיך אַן עצה געבן מיט דער נאָרמע.

באָריס לערנער רייסט איבער אַ ווײַלע דאָס דערציילן, געפינט אָפּ מיט די אויגן זיין לייבעלע, וואָס שפּילט זיך עטוואָס ווייטער מיט אַ גרופּע קינדער. זיי פּלאַטערן און טומלען פאַרשוויצטע, פאַרפלאַמטע און איבער זיי רוישט אַ פרייליכקייט. באָריס באַרויקט זיך און רעדט ווייטער מיט אַ פאַרטראַכטן בליק, געווענדט צום לויטערן הימל:

„בכּדי איבערצוגעבן די פרייד ביים ערשטן מאָל איבערשטייגן די נאָרמע דאַרף מען האָבן דעם טאַלאַנט פון אַ שרייבער און אויך דער שרייבער מוז עס האָבן אַליין איבערגעלעבט. איך קאָן אייך נאָר זאָגן, אַז ווען כ׳בין דעמלט געקומען אַהיים פון דער אַרבעט, בין איך געווען ווי שיכּור פון פרייד. איך האָב מיין פרוי צענדליקער מאָל איבערגעחזרט דעם פּראָצעס פון דער אַרבעט און ווי אַזוי דער מייסטער האָט מיך געלויבט.

מיין פרוי האָט מיר געזאָגט, אַז איך רעד און פיר זיך אויף אינגאַנצן ווי אַ יינגל. אָבער איך האָב לייכט באַמערקט, אַז אויך זי איז בישקשהדיק איבערגענומען מיט מיין נצחון.

...מיר זיינען געווען אַ בריגאַדע פון עלף וועבער און עטלעכע געהילפן. מיר האָבן געפירט דעם פאַרמעסט פאַר העכערער קוואַליטעט. דער בריגדיר יאַן קלעטשקאָ, אַן אַלטער וועבער, האָט זיך איינגעשפּאַרט, אַז ער מוז דעם פאַרמעסט אין דעם עטאַפּ געווינען. אויף דער פאַר־זאַמלונג האָט ער אָפּגעגעבן אַ פאַרפליכטונג צו רעדוצירן די פעלער־האַפטיקייט ביז פינף פּראָצענט.

דאָס איז געווען אַ גענויאַגטקייט. אין יענער צייט האָט די „פּרימאַ"־אויסאַרבעטונג אין אונדזער פאַבריק באַטראָפן נישט מער ווי פופציק פּראָצענט. צווייטע קאַטעגאָריע — דרייסיק. בראַקעס זיינען ביי אַלע בריגאַדעס געווען זייער אַ סך.

נאָך דעם פאַרמעסט האָט זיך די „פּרימאַ"־אויסאַרבעטונג געהויבן אויף זעקס און זיבעציק פּראָצענט. די פעלערהאַפטיקייט האָט באַטראָפן נישט מער, ווי 1,8'. אויף דער פאַרזאַמלונג האָט דער פּראָדוקציע־קאָנ־טראָלער לעגוטקאָ דערקלערט, אַז אונדזער בריגאַדע גיט אַרויס דעם קלענסטן פּראָצענט פעלערהאַפטיקע סחורה. איך בין געווען צווישן די, וועלכע ער האָט אויסגערעכנט, אַז זיי האָבן די גאַנצע צייט ענג מיט געאַרבעט מיט די קאָנטראָלערן און זיך באַמיט אויסגעפינען און באַ־זייטיקן די סיבה פון יעדן פעלער.

דער מיטגליד פון פאַבריק־ראַט, פלאָרעק, האָט דעמלט אַריינגעטראָגן אַ פאָרשלאָג, אַז מען זאָל עטלעכע מיטגלידער פון אונדזער בריגאַדע צעוואַרפן איבער די שוואַכערע בריגאַדעס, זיי זאָלן דאָרטן צוהעלפן אויפהייבן די קוואַליטעט פון דער פּראָדוקציע.

אונדזערע האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט. עס האָבן זיך אַריינגעמישט דער דירעקטאָר און דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר. איך בין דעמלט באַשטימט געוואָרן אַלס בריגאַדיר פון אַ צווייטער בריגאַדע. כ'האָב שוין דעמלט געאַרבעט אויף פיר שטולן. מען האָט אויף מיר אַרויפגעלייגט נאָך איין אויפגאַבע צו העלפן פאַרגרעסערן אין דער אָפּטיילונג די צאָל פון פיל־שטוליקע וועבער.

כ'בין געוואָרן אויסגעוויילט אינעם קאָמיטעט פאַר אַרבעט־פאַר־מעסט. דאָס האָט מיר פאַרנומען צייט, אָבער אָבסערווירנדיק די רעזול־טאַטן, האָב איך דערפילט, אַז איך טו אַ וויכטיקע אַרבעט און האָב זיך אָפּגעגעבן מיט לייב און לעבן.

עס איז פאַר אַלע אַרבעטער אין דער פאַבריק געווען אַ פרייד די בשורה, וואָס מען האָט אָנגעזאָגט אויף דער פאַרזאַמלונג, אַז אונדזער פאַבריק

פאַרנעמט אין הינזיכט פון קוואַליטעט איינע פון די ערשטע ערטער אין פוילן. עס דאַרף אפשר נישט זיין אַזוי, אָבער עס איז אַ פאַקט, אַז מיר האָבן זיך געפרייט, וואָס אַזעלכע גרויסע פאַבריקן ווי „וויסלאַ“ און „לען“ שטייען אין דער הינזיכט הינטערשטעליק אין פאַרגלייך מיט אונדזער פיל קלענערער פאַבריק.

אין אונדזער פאַבריק קאָכט עס היינט מיט פאַרמעסטן אויף אַלע געביטן. זיין אַ שלאָגלער איז אַ גרויסער כבוד. איך בין אין משך פון דער צייט פיל מאָל פרעמירט געוואָרן, אָבער קיין שום געלט האָט מיך נישט אַזוי געפרייט, ווי די שלאָגלער-לעגיטימאַציע, וואָס איך האָב באַקומען פאַר סיסטעמאַטישן איבערשטייגן די נאָרמע אויף איבער צוויי הונדערט פראָצענט.“

* * *

...אויף דער רויקער פלאַך פון טייך האָט זיך באַוויזן אַ משא-שיף. דאָס וואַסער איז אויפגערודערט געוואָרן. אַ כוואַליע האָט מיט אַ שטאַרקן כוח זיך אַ ריס געטאָן צום ברעג. נאָך איר האָבן אויפגעשוימט אַנדערע כוואַליעס.

באָריס לערנער האָט איצט געמוזט אַרויסנעמען די פיס פון וואַסער און זיך אָפּרוקן. אַ פאַרטראַכטער, האָט ער געקוקט אויף די אויפגערודערטע כוואַליעס און מיטאַמאָל זיך צעשמייכלט:

— אין אַרבעט-פאַרמעסט זעט עס אויך אַזוי אויס. שווער איז נאָר דער ערשטער רעקאָרד. קוים איז ער געמאַכט געוואָרן, אַזוי גייען שוין נאָך אים אַנדערע. עס הויבן זיך די נאָרמעס, אָט ווי דאָס וואַסער איצט, און עס ענדערט זיך די אַטמאָספער, די סטרוקטור פון די אַרבעט-פראָצעסן. אַזוי זעט עס אויס אין יעדן פאַרמעסט.

א שטעטל אין נידערשלעזיע

שוין פון דעם ערשטן טראָט אין דעם שטעטל זשאַרי דערפילט מען גלייך דעם אָטעם פון אַן אַרבעטער-ישוב.

הויכע קוימענס און ריזיקע בנינים פון טעקסטיל-קאָמבינאַטן פון אַלערליי וואָל-, ביינוול- און ליין-אויסאַרבעטונגען, פון שפּירט-און עסיק-פאַבריקן, עטלעכע גרויסע פאַכשולן און ליציייען און דאַן, ווען מען קומט אַריין אין צענטער פון שטעטל, יידישע קאָאָפּעראַטיוון פון שניידער שוסטער, פריזיער, פליישער, מאָלער און בוי-אַרבעטער.

דער טאָג הויבט זיך דאָ אָן גאָר פרי. האַלב פינף אַזייגער וועקט זיך זשאַרי מיט דער מוזיק פון די פאַבריק-סירענעס. דאָס שטעטל צינדט זיך דעמלט אָן מיט די צעלויכטענע פענצטער פון די פיל-שטאָקיקע פאַבריק-בנינים. פלעמלעך צינדן זיך אויך אָן אין די ווייסע שטאָקיקע בנינים, ווו עס שטייען אויף און גרייטן זיך צו זייער טאָג-טעגלעכער באַשעפטיקונג די זשאַרער אַרבעט-מענטשן.

נישט ווייט פון דעם וואָל-קאָמבינאַט שטייט דאָס שטאָקיקע הויז פון דעם וועבער אבנר הערשקאָפף. דער וועג צו דעם הויז ציט זיך דורך אַ פרייען פלאַץ מיט הויכע קאַשטאַן-בוימער, אינמיטן דורכגעטיילט מיט אַ פּלויט. נעבן הויז אָפּגערוקט אין אַ זייט געפינט זיך די שטאַל, אין וועלכער אבנר הערשקאָפף האַלט זיינע קאָזעס און באַראַנעס. אַלץ דערציילט דאָ וועגן אַ רויק, צופרידן לעבן, וואָס איז פאַראַנקערט און פאַרפונדעוועט.

אינעווייניק אין שטוב גייט אָן אַ שטילע באַוועגונג. אבנר הערש-קאָפף אַרבעט היינט די ערשטע שיכט. זיין ווייב, אַ שטילע האַרציקע פרוי פון אוקראַינע, לאָזט אים נישט אַוועקגיין אָן אָנבייסן. אויפן גאַז-אויוועלע זידט שוין פריילעך די טיי. צום טיש ווערט געגרייט שטיל,

כּדי נישט איבערצוּוועקן דאָס קינד, דעם פיר-יאָריקן משהלע, אויף וועלכן סאַטע-מאַמע כאַפּן אַלע ווײַלע אַ וואַרעמען בליק.

— ס׳איז אַ פאַרמעגנס אַזאַ יאַטל — זאָגט אבנר, זופּנדיק די הייסע טיי.

אבנר וואָלט גערן איצט דערציילט דעם יחוס פון זיינע פינף יאָר אַרבעט אין זשאַרי, פון שווערן אָנהייב, פון מי און דערגרייכונג, אָבער די צייט איז קורץ. אין פאַבריק איז גוט צו קומען עטוואָס פריער, צוגרייטן די קעטע, די שפּולקעס. אַמאָל מאַכט זיך, מע דאַרף צוהעלפן אַ יונגן וועבער, וואָס אַרבעט ערשט נישט לאַנג ביים פאַך. עס קומט אויך אויס, אַז מ׳העלפט אַבנרן צו. עס האָט נאָך נישט פּאַסירט, אבנר זאָל אַליין דאַרפן אָוועקטראָגן די פאַרטיקע סחורה. די יונגע אַרבעטער און אַרבעטערינס ביי די אַרומיקע וואַרשטאַטן ווייסן, אַז הערשקאָפּף האָט קראַנקע פיס און זיי זיינען שטענדיק גרייט אים אַרויסצוהעלפן, בכדי צו פאַרגרינגערן אים די אַרבעט.

פאַכענקאָ איז נאָך אַ יונגער וועבער. ווען ער איז אַהערגעקומען אין דעם טעקסטיל-קאָמבינאַט זיך לערנען דאָס פאַך, איז ער די ערשטע טעג געווען ווי פאַרטויבט פון דעם געוואַלדיקן מאַשינען-געבראַזג. ער האָט געמיינט, אַז ער וועט זיך שוין קיינמאָל נישט אויסלערנען נאָכשפּירן דעם שווינדלדיקן לויף פון דעם שיפל. אבנר האָט עס באַמערקט און האָט אים גוטברידעריש געקלאַפּט איבער דער פּלייצע:

— זאָרג נישט, וועסט זיך שנעלער אויסלערנען דאָס פאַך ווי דו מיינסט. עס וועט ביי דיר נישט דויערן אַזוי לאַנג ווי ביי מיר.

פאַכענקאָ האָט דערפילט די גוטהאַרציקייט פון הערשקאָפּפס ווערטער און האָט זיך צוגעקלעפּט צו אים. ער האָט זיך פון אים דערוווּסט, אַז ביי אים האָט געדויערט 3 יאָר די לערן-צייט, ביז דער פאַבריקאַנט האָט אים צוגעלאָזט זעלבסטשטענדיק אַרבעטן ביי דער מאַשין, און פאַכענקא איז גליקלעך, וואָס אים קומט אויס צו לערנען זיך און אַרבעטן אין אַ צייט פון בויען דעם סאָציאַליזם, ווען די פאַבריק געהערט צו די אַרבעטער און איינער העלפט דעם צווייטן וואָס שנעלער זיך אויסלערנען דאָס פאַך.

אַ לענגערע צייט האָט פאַכענקא געאַרבעט אין דעם אָפּטייל, ווו די אַרבעט איז אָנגעשטעלט אויף איינציקע וועבשטולן. דאָ אַרבעטן אויסשליסלעך יוגנטלעכע, וועלכע באַציען זיך אַלע מיט גרויסן דרך-ארץ צו הערשקאָפּפן. צוליב זיינע קראַנקע פיס אַרבעט ער אויף איין וועב-

שטול. היינט, ווען פּאַכענקאַ געפינט זיך שוין אין דער בעסטער זמפּ-בריגאַדע און אַרבעט אויף צוויי שטולן, גייט ער גערן אַריין צו אבנרן זיך באַראַטן וועגן פאַרשידענע שוועריקייטן און גייט שטענדיק פון אים אַוועק אַ צופרידענער.

דאָ, אין דער פאַבריק, ווערן אויסגעאַרבעט טייערע וואָלענע שטאָפן. אבנרן ווילט זיך אויך באַדינען צוויי שטולן, אָבער די קראַנקע פיס דערלויבן נישט. דאָס איז אים איבערגעבליבן בירושה פון די קאַפּי-טאַליסטישע צייטן, ווען ער האָט געמוזט אַרבעטן מיט די פיס, אין שלעכטע היגיענישע באַדינגונגען. ער איז שוין געווען צוליב דעם אינגאַנצן אומפעיק צו דער אַרבעט. דער דאָקטאָר האָט אים מיט אַ קורצער צייט צוריק נישט דערלויבט באַדינען די וועבשטול.

עס איז דעמלט געווען אַ שווערע צייט פאַר אבנרן. עס איז שווער זיך צו שיידן מיט אַן אַרבעט, וואָס מען האָט ליב באַקומען. מיט דער פראַגע האָט זיך פאַרנומען דער גאַנצער וועבער-קאָלעקטיוו. עס איז אַ שאָד געווען צו פאַרלירן אַ גוטן וועבער, און עס איז אַרויסגעשווומען דער געדאַנק איינצוואָרדענען הערשקאָפּן אַן אויטאָמאַטיש בענקל, אויף וועלכן ער זאָל זיך קאָנען אַ זיצנדיקער פריי באַוועגן און באַדינען די מעכאַנישע וועבשטול.

דער דאָזיקער געדאַנק איז געווען אַ דרייסטער. עס איז דער ערשטער פאַל אין פוילן, אַז אַ מעכאַנישע וועבשטול זאָל באַדינט ווערן זיצנדיק. דאָך איז דער געדאַנק, וועלכער איז געגעבן געוואָרן דורך דעם פאָרזיצער פון פאַבריק-ראַט, משה גרין, אויפגענומען געוואָרן דורך אַלע אַרבעטער מיט גרויס באַגייסטערונג.

איצט באַוועגט זיך אבנר הערשקאָפּף זיצנדיקערהייט אַרום דער קלאַפּנדיקער מאַשין. אַ צופרידענער שמייכל שוועבט אויף זיין קנאָכיק, שמאָל פנים. ער פרייט זיך און איז שטאָלץ דערמיט, וואָס מען שרייבט וועגן זיינע דערגרייכונגען אין דער וואַנט-צייטונג, אין דער וואָיעוואָדישער פּרעסע, וואָס מען רעדט וועגן זיין אויספירן דעם יאָר-פּלאַן מיט צוויי חדשים פאַרן טערמין.

— כ׳מוז דעריאָגן הערשקאָפּן — זאָגט די יונגע נאַטאַליע קאַראַשין. די הויט פון איר פנים איז דין און גלאַט. אַ בלוט-רויטע פאַרב, אַ פרישע, ווי פון צעבליטע רויזן, שטייט איר אויף די באַקן און באַשיינט די האַרטע עקשנות, וואָס שלאָגט פון אירע גרינלעכע אויגן.

— הערשקאָפּף האָט מיך אויסגעלערנט אַרבעטן, — זאָגט זי — וועל איך אים טאַקע מיט זיין אייגענעם מעטאָד דעריאָגן.

און הערשקאָפּף שמייכלט אַ צופרידענער.

אָוונט־צו קאָן זיך אבנר קוים דערוואַרטן אויפן אָנקומען פון זיין יאַטל. אַ גאַנצן טאָג איז ער אין פּאָרשול. ווען ער קומט אַהיים ווערן די שטובן פול מיט יידישע און פּוילישע לידער, וואָס מען זינגט מיט זיי אין פּאָרשול. אבנר האָט דעמלט ליב צו שניצן פאַר אים פּאַרשידענע שפּילצייג. ווען אבנר איז יונג געווען האָט מען אויף אים געזאָגט, אַז ער וועט זיין אַ סקולפּטאָר, אַ מאָלער.

— אפשר וואָלט איך עס געוואָרן, ווען כ׳וואַקס אין אַזאַ צייט ווי היינט — זאָגט אבנר אַ פּאַרטראַכטער און פּאַרענדיקט דאָס אויסשניצן די וועבשטול, ביי וועלכער עס באַוועגט זיך אויף ספּרענזשינעס אַ מענטש, פּונקט ווי לעבעדיק. אויך אין דער וועבשטול פעלט נישט קיין איין שרייפל. דאָס שיפל לויפט אַהין און צוריק מיט אַן אומגע־הויערער שנעלקייט. די דינע, זיידענע סטענגע, געוועבט פון פאַרשידנ־קאָלירטע פעדעם ווערט אַלץ לענגער און לענגער.

דעם קינדס ברוינע אייגעלעך גלאַנצן מיט פרייד.

— טאַטע, אַז כ׳וועל זיין גרויס, וועל איך אויך מאַכן אַזעלכע מאַשינען, נאָר גרויסע, ווי אין דער פאַבריק...

ווען די טענענבוימס זיינען מיט פינף יאָר צוריק געקומען אַהער, איז נאָך זייער משפחה געווען אַ קליינע. שעיהלע איז דעמלט אַלט געווען זעקס און דבורהלע דריי יאָר. די דירה, וואָס מען האָט זיי צוגעטיילט, איז געווען אַ קליינע, אַן אַלטע. אַ סך יידן האָבן דעמלט באַקומען אַזעלכע דירות, נישט קיין צוגעפּאַסטע פאַר זייערע משפחות, אָבער זיי האָבן שנעל זיי אויסגעטוישט. מנשה טענענבוים איז נישט געגאַנגען בעטן. „די קינדער — האָט ער געזאָגט — זיינען אַ גאַנצן טאָג אין פּאָרשול, אין גאָרטן, צו וואָס דאַרף מען גרויסע צימערן". ביי זיין טאַטן אין וולאָדאַווע האָבן געוווינט מער מענטשן אין איין צימערל, איז עס געווען קלענער פון זיין קיך.

היינט איז שוין מנשה טענענבוים נישט אַזוי „באַשיידן". אַן אַרבע־טער דאַרף וווינען באַקוועם, דאַרף האָבן אַ באָד־צימער מיט פאַרשידענע

אַנדערע איינאָרדענונגען פאַר זיך, פאַר זיינע אונטערוואַקסנדיקע קינדער. ער האָט עס באַקומען מיט דער הילף פון שטאָטישן נאַציאָנאַל-ראַט. ביי טענענבוימען אויף דער נייער דירה איז ליכטיק און וואַרעם. אינעם ווייסן קינדער-צימערל וויגט זיך די פופצן-חדשימדיקע שרהלע אין אַ שיין-געפלאָכטענער וויג-שטול. דבורהלע און שׂיהלע מאַכן די לעקציעס ביים שיין פון די עלעקטרישע לעמפלעך. דבורה נעמט גיין אַהין און צוריק און חזרט זיך אַ דעקלאַמאַציע וועגן עלעקטרישע סטאַנציעס, וואָס רודערן אויף פאַרשלאָפענע וועלדער ביי ברעגעס פון טייכן; וועגן מעטאַלורגישע שמעלץ-אויוונס, טראַקטאָרן, פאַבריקן, וואָס מאַכן פול די לופט מיט אומרויק-אימפעטיקן אָטעם; וועגן אוניווערסי-טעטן, מוזייען און קונסט-גאַלעריעס.

אין דער אָנגענעם-געמיטלעכער אַטמאָספער, וואָס קומט פון דער שטילער מוזיק פון ראַדיאָ-אַפּאַראַט, זיצן אין צווייטן צימער די טענענ-בוימס. עס קומט אַריין הערש רויטשטיין, אַ סטאַליער פון טענענבוימס בריגאַדע. מיט זיי אַרבעטן אויך אינייִנעם שמואל מעדניק און אברהם זיכער. שוין פינף יאָר האַלטן זיי זיך צוזאַמען. פאַראַן פון וואָס צו שמועסן. די פאַבריק וואַקסט אין די אויגן. זיי געדענקען נאָך די ערשטע טעג, ווען עס איז נישט געווען קיין איין גאַנצער בנין אויפן שטח פון קאָמבינאַט.

— אומעטום, ווו איר שטעלט נאָר אַ טראָט, איז פאַראַן אונדזער אַרבעט — שטאָלצירט מנשה טענענבוים.

און רויטשטיין נעמט זיך דערמאָנען, ווי עס האָט אויסגעזען אַמאָל, פאַר דער מלחמה. ער פלעגט פאָרן פון אָטוואָצק קיין וואַרשע זוכן אַ שטיקל אַרבעט און צוריקקומען אַ דערשלאָגענער, אַ הונגעריקער, אָן אויסזיכטן אויף אַ בעסערער צייט.

— און היינט, וואָס פעלט מיר? ס'יידישע טעאַטער זאָל נאָר וועלן אַביסל אָפטער אַהערקומען צו אונדז...

ביים דערמאָנען דאָס יידישע טעאַטער צעגלאַנצן זיך ביי אַלע די אויגן און עס גייט אָוועק אַ שמועס וועגן דער לעצטער פאָרשטעלונג, וואָס איז נישט לאַנג צוריק געווזין געוואָרן.

דבורה מיט שׂיהן האָבן שוין לאַנג פאַרענדיקט די לעקציעס. איצט קוקן זיי אַריין אין דעם לעצטן נומער „פאָלקס-שטימע". די פרוי טענענבוים, אַ פאַרקוקטע מיט ליכטיקע אויגן אין די קינדער, בעט זיך ביי זיי:

— כ'וויל דאָך אויך לייענען די צייטונג...

שעיה דערמאָנט דער ערשטער, אַז היינט קומט פאָר אַ פאַרזאַמלונג אינעם קולטור-קלוב.

דער טעקסטיל-קאָמבינאַט „באַוועלנא" איז נישט בלויז אַ פאַבריק-אונטערנעמונג, נאָר אַ שטאָט אַ גאַנצע, מיט גאַסן און געסלעך, פולע מיט אימפּעטיקער באַוועגונג. אויף לאַסט-אויטאָס און וואַגאָנען ווערט געלאָדעוועט די נאָר-וואָס אויסגעפאַרטיקטע פּראָדוקציע. פון אינדערפרי ביז נאַכט ציען זיך די לאַנגע שנורן לאַסט-אויטאָס.

אין דעם פשוט-מעבלירטן קאַבינעט פונעם פאַרזיצער פונעם פּרעזידיום פון די פאַבריק-ראַטן, משה גרין, הויבט זיך אָן שוין פון גאָר פרי די באַוועגונג. עס קומען אַרבעטער מיט אַלערליי טענות און פאָדערונגען, מיט עצות און פּראָיעקטן. מיט אומבאַגרענעצטן צוטרוי דערציילן אים די אַרבעטער וועגן אַלע זייערע זאָרגן און פּלענער. ער, משה גרין, איז דאָך צוזאַמען מיט זיי אויסגעוואַקסן אין דער פאַבריק. ער איז געקומען אַהער אין 46-טן יאָר אַלס שוואַרצער אַרבעטער. זיי געדענקען ווי ער פלעגט זאָגן:

— מיינע הענט האָבן נישט קיין מורא פאַר קיין שום אַרבעט.

אָבער ביי משה גרינען האָבן קיין מאָל נישט געאַרבעט בלויז די הענט. אין יעדער אַרבעט האָט ער זיין געדאַנק אַריינגעלייגט. און דער מזל-ברכהדיקער סינטעז פון געדאַנק און פיזישער אַרבעט האָט זיך געלאָזט פילן אין די רעזולטאַטן, פאַר וועלכע ער איז שטענדיק פּרעמירט און אויסגעצייכנט געוואָרן.

חוץ דעם מוח האָט גרין דער אַרבעט אַוועקגעגעבן האַרץ. „כ'פיל נישט קיין מידקייט — זאָגט ער אויך היינט — אין דער אַרבעט פאַר אונדזער פאַבריק".

ווען די אַרבעטער קומען פינף אַ זייגער פאַרטאָג צו דער ערשטער שיכט, איז שוין גרין לאַנג אין זיין קאַבינעט. אין די דאָזיקע שעהן זיצט ער איבערגעבויגן איבער זיין שרייב-טיש און אַרבעט איבער די פאַרשידענע פּלענער און פּראָיעקטן, אינדיווידועלע און קאָלעקטיווע פון בריגאַדעס און גאַנצע אָפּטיילונגען. שפּעט אין אָוונט, ווען אין דער

לופט האָבן שוין אויפגעהערט צו ציטערן די מאַשין-גערוישן פון די פאַרשידענע פאַבריק אָפּטיילונגען, איז נאָך ביי גרינען אין קאַבינעט ליכטיק און פול מיט מענטשן. דעמלט קומען פאַר די באַראַטונגען מיט די פאַבריק-אַקטיוון, שלאָגלערס און מייסטערס.

משה גרין, וועלכער האָט זיך גאָר פאַר דער מלחמה געלערנט אויף צאָן-טעכניקער און קיינמאָל נישט באַדינט קיין וועב-מאַשין, איז היינט אַ געניטער קענער פון יעדן פּראָצעס אין דער פּראָדוקציע. נישט איינ-מאָל קומט אים אויס צו שטיין און שטודירן די באַוועגונגען פון די בעסטע וועבער, און וועבערינס, וואָס זייער פּראָדוקטיוויקייט איז העכער פון די דורכשניטלעכע נאָרמעס. ער לערנט זיך דעם סטיל און אופן פון זייער באַדינען די מאַשין, בכדי צו העלפן ביים איבערגעבן און אויס-לערנען אויך די אַנדערע אַרבעטער.

ביי גרינען אין נאָטיץ-ביכל איז פאַרצייכנט די צייט, ווי לאַנג עס דויערט יעדע גרונט-אָפּעראַציע ביי יעדן שלאָגלער באַזונדער. ער פאַר-צייכנט גענוי דעם חילוק אין סעקונדן ביים טוישן דאָס שיפל, די שפּול, ביים ליקווידירן אַ פאָדעם-איבעררייס. די סעקונדן ביי אַן אָפּעראַציע, וועלכע ווערט איבערגעחזרט דורך דעם אַרבעטער ביז טויזנט מאָל אין טאָג, רעכענען זיך אין שעהן גאַנצע.

גרין טיילט זיך מיט זיינע באַאָבאַכטונגען מיט אַלע איבעריקע אַרבעטער אין דער פאַבריק און גיט עס שפּעטער איבער אין דער צייטונג, ווו זיינע אַרטיקלען וועגן די מענטשן און זייער אַרבעט ווערט שטענדיק אָפּגעגעבן אַ חשוב אָרט.

שנעל דרייען זיך די ברוינע שפּולן אויף דער לאַנגער פופצן-מעטערדיקער שפּול מאַשין. שאַרף און אָנגעשטרענגט איז דער בליק פון רוזשע וואָנכאָווסקאַ, אַ וואַרשעווער מיידל, וואָס וווינט דאָ, אין זשאַרי, מיט אירע צוויי שוועסטער, וועלכע אַרבעטן אין דער יידישער זויגלינג-היים. רוזשע האָט פריער אויך געאַרבעט אין יידישן קאָמיטעט, נאָר עס האָט זי געצויגן צו דער פאַבריק. אין אָנהייב האָט זי אפשר נישט גע-טראַכט וועגן די גרויסע פאַרמעסטן, אין וועלכע איר קומט היינט אויס אָנטיילצונעמען. וואָס מער זי שטייגט איבער די נאָרמע, אַלץ שאַרפער

און אַנגעשטרענגטער ווערט איר בליק, וועלכער לאָזט נישט אַדורך קיין איינעם פון די שווינדלענדיקע פעדעם. אָט רייסט זיך אָפּ אַ דרים. רוזשע געפינט זיך שוין ביי דער שפול. פון די צוויי איבערגעריסנע דרימען ווערט צווישן אירע געשיקטע פינגער איינער אַ גאַנצער. שוין נישט מעגלעך צו דערקענען, אויף וועלכן אָרט עס איז פאָרגעקומען דער איבעררייס.

— די וועבער אונדזערע — זאָגט דער סעקרעטאַר פון פאַבריק-ראַט, אויגוסטיניאַק — האָבן ליב צו אַרבעטן מיט רוזשקעס שפולן. נישטאָ קיין קניפּן אין דער סחורה.

פון אָנהייב איז רוזשען נישט אַזוי גרינג אָנגעקומען. עס זיינען געבליבן גראָבע פאַרדריי-עקן. ביי אירע חברטעס איז עס בעסער אַרויס-געקומען. זי האָט איבערגעפרעגט אייניקע, אָבער רוזשע ווייסט נישט אויף זיכער צי יענע האָבן נישט געוואָלט, צי נישט געקאָנט אויסלערנען. רוזשע האָט אין דער פרייער צייט געזוכט דעם פאַסיקן אופן פון „אָנדרייען", ביז איר איז קלאָר געוואָרן, אַז מען טאָר נישט אַרויפלייגן איין דרים אויפן צווייטן, נאָר אַזוי צוזאַמענבינדן די איבערגעריסענע פעדעם ביי די סאַמע עקן עס זאָל אויסגעגליכט ווערן די דיק.

היינט איז רוזשע אַן ערשטקלאַסיקע שפּולערין. זי ווייסט, אַז אירע גלייכינקע פעדעם העלפן דעם וועבער אין זיין קאַמף פאַר קוואַליטעט און דעם גאַנצן פאַבריק קאָלעקטיוו רעאַליזירן דעם פּלאַן.

די שוועסטער שרה און געניע יחוסן זיך מיט רוזשקען, דער פאַ-בריק-אַרבעטערין.

געניע איז די לייטערין פון דער זויגלינג-היים. דאָ געפינען זיך די קינדערלעך, וואָס זייערע עלטערן אַרבעטן אין די פאַבריקן און קאָאָפעראַטיוון. געניע וואַנכאָווסקי, איר שוועסטער שרה, די לויפמאַן און אַלע אַנדערע דערציערינס און פלעגערינס גייען דעמלט אום ביי די קינדער ווי געטרייע צערטלעכע מאַמעס.

אין אָוונט קומען די מאַמעס, אָטעמען אין זיך איין די ציכטיקע זויבערקייט, וואָס פינקלט אַרויס פון יעדן ווינקל, די לויטערקייט פון די צעשמייכלטע קינדערשע פנימלעך, וועלכע דריקן אויס צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט צו זייערע פלעגערינס.

אַז איר געפינט זיך נאָך ווייט פון זשאַרער קינדערגאָרטן, הערט איר שוין קלינגענדיקע קינדער-שטימען. די לייטערין דאָרע בידערמאַן איז דאָס שטענדיק וואַכזאַמע אויג פון דער פאַרשול. זי אַליין לערנט מיט אַ גרופּע קינדער אַ יידיש ליד. אַן אַנדערע גרופּע מאַרשירט אויפן הויף אין טאַקט פון אַ סאָוויעטיש ליד.

אינעם גרויסן און ליכטיקן עס-צימער הענגט אַ וואַנט-צייטונג, וואָס איז צונויפגעשטעלט דורך די עלטערע קינדער.

„מיר ווילן קעמפן קעגן מלחמה — שרייבט דער קליינער פּידעל — די וואָס ווילן מלחמה האָבן מיר פיינט“.

ריין איז אין די קינדער-צימערן. דער דיל בלאַנקט, די פענצטער שפּיגלען, די וועש, פאַרהאַנגען אויף די בעטלעך בלענדן פון ווייסקייט. די קינדערלעך זיינען פריילעך. זייער בליקן און הענטלעך שטרעקן זיך מיט ליבשאַפט צו זייערע יונגע דערציערינס.

אין דעם וואַרשטאַטן-צימער לערנען זיך די קינדער צונויפשטעלן מעבל, הייזער. יינגלעך צייכענען אַעראָפּלאַנען, שיפן, אויטאָס. די גוטע צאַרטע מאַמע צו אַלע קינדערלעך, דאָרע בידערמאַן, אָבסערווירט אויפמערקזאַם די נייגונגען פון די טאַלענטירטע קינדער.

— אמת, כ'וועל זיין אַן אינזשיניער? — פרעגט זיך דער קליינער שלמהלע, וואָס זיין פאָטער אַרבעט אין פאַבריק.

— זיכער וועסטו זיין — גלעט דאָרע זיינע שוואַרץ-געקרייזלטע האָר.

אַ יונג געזאַנג, באַגלייט פון אַ האַרמאָנקע, קלינגט אָפּ אין דעם שטילן געסל, ווו עס געפינט זיך דער קלוב ביים קולטור-געזעלשאַפטלעכן פאַרבאַנד. אינעווייניק איז פול מיט יוגנטלעכע שילער פון פאַרשידענעם עלטער. פּידעל לערנט מיט זיי יידישע רעציטאַציעס, לייענט מיט זיי יידישע ביכער. די קינדער האָבן אים דערפאַר ליב. ער איז פאַר זיי נישט אַזאַ לערער, וואָס קנעלט, נאָר וואָס העלפט פאַרשטיין, באַנעמען, דערפילן.

און די טאַטעס, וואָס וועבן דעם גאַנצן טאָג הונדערטער מעטערס סחורה, גייען מיט לייטערס, פאַרבן סופיטן, וויגן זיך אויף הענגענדיקע רושטאָוואַניעס, אָדער פרעסן מלבושים פון אַלערליי מינים — פאַרברענגען דאָ אין די דערנעבנדיקע זאַלן, לייענען צייטונגען, ביכער און דיסקוטירן.

מיטאַמאָל ווערט עס שטיל אין אַלע צערוישטע זאַלן און צימערן. דורך די אינסטאַלירטע מעגאַפאָנען הערט מען אַ וואַרעמע שטים, אַ קלאָרע. פידעל לייענט לייב אַליצקיס נאָוועלע פון לעצטן נומער „יידישע שריפטן".

— זעט, ווי מען האָט עס אַמאָל געקעמפט פאַר אונדזער היינטיקן לעבן — רופט זיך אָן לעווי, דער וועבער פון „באַוועלנאַ", נאָכדעם ווי דער מעגאַפאָן איז פאַרשטילט געוואָרן. — גיט אַ קוק אויף אונדזערע קינדער. האָבן מיר אַמאָל געוווּסט פון אַזאַ לעבן?!

פונעם גרויסן זאַל דערגייען אַהער קלאַנגען פון אָרקעסטער, וועלכער רעפּעטירט איצט אַ פּאָפּורי פון יידישע מאָטיוון. עמעץ נעמט מיטברומען, אַ צווייטער, אַ דריטער, ביז עס גייט איבער אין אַ ליד, וואָס שטייגט אַלץ העכער און העכער:

„מיר בויען אַ צוקונפט, אַ נייע,
אַ לעבן — אַ ליכטיקער טרוים..."

ביי די יידישע פויערים אין קידלין

עס האָט זיך געענדיקט דער מיטאָג-איבעררייס. דוד סינאַי, אַ מיטל-וווקסיקער יונגערמאַן אין ברילן, מיט פרישער זון-אָפּגעברענטקייט אויפן צעשמייכלטן פנים, ציט ביים גלאָק, וואָס הענגט נעבן דעם שייער. פון די ווייסע און געל-געפאַרבטע כאַטעס לויפן אַרויס יונגע פויערים מיט גבורה-שפּראָצנדיקע פנימער. דער צעזוניקטער הויף ווערט מאָמענטאַל אָנגעפילט מיט פריילעכע טומלדיקע קולות:

— מענדל, שפּאַן איין די קאַשטאַנקעס. דער „שיוועך" מוז זיך אַביסל אָפּרוען.

דוד סינאַי איז דאָ, אין דער קידלינער קאָאָפּעראַטיווער לאַנד-ווירטשאַפט, דער סעקרעטאַר פון דער פּזפּר-אָרגאַניזאַציע. ער פילט זיך דאָ פאַראַנטוואָרטלעך פאַר יעדער קלייניקייט. נאָך איידער די שעה פון מיטאָג-איבעררייס האָט זיך געענדיקט טרייבט עס אים שוין איבער אַלע שטאַלן, ער הערט זיך איין אין דעם פריילעכן הירזשען פון די פערד. דערלאַנגט דעם אַ גלעט איבערן רוקן, דעם אַ פּליאַסק, אַז עס גיט אַ דריגע מיט די פיס. ער באַוויזט נישט דורכצוגיין דעם גאַנצן שטאַל, ווי עס הערט זיך אַ דינער ווייבערישער רוף:

— סינאַי, צום טעלעפאָן. מע קלינגט פון ניעמטשע...

דער טעלעפאָן געפינט זיך אין מאַרקוס זיצמאַנס שטוב. ער אַליין איז פאַרנומען מיט חשבונות. דעם גאַנצן טאָג אַרבעט ער אין פעלד. ווען ער האָט נאָר אַביסל צייט העלפט ער צו דעם סעקרעטאַר ווייַ-גאַרטענען, חשבונען האָט ער זיך אויסגעלערנט אין ראַטנפאַרבאַנד. אינדערהיים איז ער אין קיין שול נישט געגאַנגען, ווייל פון דעם דאָרף, הינטער סטאַניסלאַוו, ווו זיינע עלטערן האָבן געוווינט, איז געווען זיבן קילאָמעטער צו דער נאָענטסטער שול. דאָס האָט געהייסן, אַז מען איז פּטור. די קינדער דאַרפן זיך נישט לערנען. וואָרום געטראַכט האָט מען,

אַז ס׳איז בכלל אַן איבעריקע זאַך. אַ פּויער דאַרף נישט קענען שרייבן און לייענען.

דוד סינאַי שרייט אַריין אַן אויפגערעגטער אין טעלעפאָן-טרייבל, אַז מ׳קאָן זיך דאָך נישט צערייסן... די צוויי טראַקטאָרן מוזן פאַרענדיקן דאָ די אַרבעט. שפּעטער וועט ער קאָנען אָוועקגעבן נאָך איינעם קיין ניעמטשע. דערווייל איז דאָרט געגוג דער איינער טראַקטאָר. און נישט יאָגן אים, ער זאָל דאַרפן גיין אין רעמאָנט.

ביז היינט איז נאָך אין דעם לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָאָפּעראַטיוו נישטאָ קיין אייגענע קוזשניע. דעריבער האָט מען דאָ אַזוי מורא פאַר רעמאָנט. איין טראַקטאָר שטייט שוין וואָכן גאַנצע אין דער רעמאָנט-אָפּטיילונג, וואָס געפינט זיך עטלעכע קילאָמעטער פונדאַנען. די איבעריקע דריי היט דער קאָאָפּעראַטיוו ווי אַן אויג אין קאָפּ.

וועגן די צוויי טראַקטאָרן, וואָס אַרבעטן אין קידלין, איז דוד סינאַי רויק. אויף זיי זיצן אַזעלכע געניטע טראַקטאָריסטן, ווי חיים און קאַצלער. זיי היטן די טראַקטאָרן ווי אייגענע קינדער.

— ווי מיינסטו, זיצמאַן, אפשר אַ פּאָר-טאָג מיטן ראָווער קיין ניעמטשע כאַפּן אַ קוק, וואָס עס הערט זיך?

פונדרויסן הערט זיך דאָס פאַרסקען פון די פערד. סינאַי שטייט נאָך אַ ווײַלע אַ פאַרקלערטער. אים דוכט זיך אַלץ, אַז ער האָט פאַרגעסן עפּעס אַ וויכטיקע זאַך, וואָס מ׳דאַרף נאָך טאָן. ער לויפט אַרויס, פירט צו די דריי פערד צו זיין פאַרזיי-מאַשין. איינגעשפּאַנטע לאָזט ער זיי שטיין אינמיטן דעם צעשריגענעם הויף. אַליין לויפט ער נאָך צו דעם שייער, וווּ די צוויי יונגע פויערים, סטאַניסלאַוו און יאַן שניידן אויף דער עלעקטרישער מאַשין שטרוי פאַר די פערד. פון דאָרט זעצט אַ גע-דיכטער שטויב, וואָס הילט אַלע איין ווי אין אַ נעפּל. סינאַי האָט ליב דאָס טראַסקעריי פון דער מאַשין. ער קריכט איבער די קופּעס שטרוי אין דעם שטויביקן נעפּל, ביז ער זעט דייטלעך די פּנימער פון די יונגען.

— נו, יאַטן, ווי זעט עס אויס מיט דער נאָרמע?

זייערע פאַרזשמורעטע אויגן קוקן זיך איבער און שמייכלען:

— די נאָרמע איז באַלד פאַרטיק. ביזן אָוונט וועלן מיר האָבן קנאַפּע צוויי. ווי גייט עס אין פעלד?

אָבער סינאַי הערט זיי שוין נישט. ער איז שוין אין דער גרויסער מאַשין-שאָפּע, באַקוקט, שוין צום ווייפלטן מאָל, די נייע שנייד-מאַשין, וואָס דער קאָלעקטיוו האָט באַקומען פונעם צענטער. די מאַשין אי

ברייט און גרויס, זי בינדט גלייכצייטיק די סנאָפּעס, און איז נאָך כּמעט ווי ניי. עך, ווען עס גייען אַן אַרבעט ביים היי־יאָריקן שניט! מיט פרייד לויפט ער צוריק צו די פערד, ביי וועלכע עס פאַרעט זיך שוין נאָוואָק, צוימט זייער אומגעדולדיק דריגען און מאַכט צורעכט דעם נאָכגעלאָזטן געשפאַן.

גלייך ווי מען פאָרט אַרויס פון הויף ציען זיך די ברייטע צעאַקערטע פעלדער, וואָס געהערן צום קאָאָפּעראַטיוו. דער טאָג איז אַ וואַרעמער. אַ מילד ווינטל יאָגט די פערדישע גזשיוועס. דריי ברוינע, ברייט־אויסגעפּאַשעטע פערד זיינען איינגעשפּאַנט אין דער פאַרזיי־מאַשין, אַן אָנגעפּילטע מיט וויינצענע קערנדלעך.

— ווי אַ זייגער גייען זיי, די דריי „קאַשטאַנעס״ — שרייט סינאַי פונדערווייטנס, פון מיטן פעלד, צום אָנקומענדיקן שמעון גאָלדפאַרב, דעם אָנפירער פון קאָאָפּעראַטיוו — זיי זיינען נאָך קיין איין מאָל נישט אַרויסגעקראָכן פון דער ליניע, נישט פאַרטשעפּעט זיך אין די קייטן. אַ מחיה צו אַרבעטן מיט זיי.

איבער די ברייטע שטחים פון די ברוין־צעליכטיקטע פעלדער צעקוילערט זיך דאָס גבורהדיקע געלעכטער פון נאָוואָקן און געמזען. נישט אַלץ וואָס סינאַי האָט געזאָגט האָבן זיי פאַרשטאַנען. דער עיקר קוועלן זיי אָן פון דעם וואָרט „אַ מחיה״: דאָס דאָזיקע וואָרט קומט זיי אָפּט אויס צו הערן. עס טרעפט אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, עס ווערט פעסטגעשטעלט, אַז זיי האָבן ווייט איבערגעשטיגן די נאָרמע, רייסט זיך ביי זיי אויך אַרויס:

— עך, אַ מחיה...

ווי אין אַ שפּאַנענדיק מעשה־ביכל איז זיך געלאָפן שמעון גאָלד־פאַרבס לעבן פון זינט ער איז פופצן יאָר אַלט געוואָרן.

געוווינט האָט ער דעמלט צוזאמען מיט זיינע עלטערן אין דעם קליינעם שטעטעלע קראַסנאָסטאַוו, אין לובלינער געגנט, ווו ער האָט זיך געלערנט סטאָלעריי. יאָרן־לאַנג געווען אַ לערן־ייִנגל. זיינע מוסקולן זיינען שוין געווען פאַרהאַרטעוועטע. ער האָט ליב געהאַט די אַרבעט. אָבער טאָן עפּעס מיט דעם היבעל, צי מיט דער זעג, האָט ער געקאָנט נאָר דעמלט ווען דער מייסטער איז נישט געווען אין וואַרשטאַט. דעמלט

האָט אים דער עלטערער געזעלן צוגעוויזן. אַ גאַנצן טאָג האָט דער מייסטער געהאַט פאַר אים פאַרשידענע אַנדערע טועכצן, קערן, רוימען, לויפן אַ וועג.

שמעון פלעגט ליב האָבן די פעלדער, איינגעטונקענע אין הויכע קאָרענע און ווייצענע זאַנגען. דאָ, פאַרוקט צווישן די זאַנגען, פלעגט שפּעטער שמעון אָפּהאַלטן אומלעגאַלע פאַרזאַמלונגען מיט די דאָרפישע יונגען און מיידלעך. עס זיינען אויך צוהערגעקומען די יידישע יוגנטלעכע פון די אַרומיקע שטעטלעך, פון גראַבאָוויצע און אוכאַן. מען האָט צעטיילט פלוגבלעטלעך, אָרגאַניזירט דעמאָנסטראַציעס, שטרייקן, געזונגען רעוואָלוציאָנערע לידער און געחלומט פון צייטן, ווען די שפּעדיקע פעלדער וועלן געהערן צום אַרבעטנדיקן פויער.

אין יאָר 1936 איז אין די דאָזיקע שטעטלעך און אַרומיקע דערפער פאָרגעקומען די טרויעריק-באַרימטע פּאַציפיקאַציע. זעקס-הונדערט תּלינים פון דער סאַנאַטאָרישער אָפיצירן-שול האָבן זיך אַ לאָז געטאָן איבער דער רעוואָלוציאָניזירטער געגנט, געבערענט גאַנצע דערפער, עפנטלעך געשמיסן די פויערים און פאַרכאַפּט מיט זיך די צומערסטנס פאַרדעכטיקטע. שמעון גאָלדפאַרב איז דעמלט געלעגן עטלעכע וואָכן באַהאַלטן אין אַ קופּע שטרוי אינמיטן פעלד.

אין ראַטנפאַרבאַנד אַרבעט גאָלדפאַרב אַלס סטאָליער אין אַ גרויסער פאַבריק אין וואָלאָגדע. אָבער גלייך מיטן אויסברוך פון דער מלחמה טרעט ער אַריין אַלס פרייוויליקער אין דער סאָוויעטישער אַרמיי, ווו ער קעמפט אויף פאַרשידענע שלאַכט-פעלדער. ער דינט אין פלאָט אויפן שוואַרצן ים, אויפן אַזאָווער ים. דאָרט ווערט ער צוויי מאָל פאַרוווּנדעט און קערט זיך אום צום פלאָט, וואָס קעמפט אויף די וואַסערן פון דער וואָלגע, דערנאָך דניעפּער, דונאַי, ביזן סוף פון דער מלחמה.

אַזאַ איז גאָלדפאַרבס לעבן. ער האָט דערלעבט צו זען די קראַסנאָסטאַווער פעלדער באַפרייטע פון די פּריצים, פון שרעק פאַר פּאָליצייאישע הינט.

און אַזוי ווי ער איז אַוועק פון דער היים אין איין העמד און אין איין פּאָר שיך, אַזוי איז ער צוריקגעקומען אין זעקס יאָר אַרום, אָבער אַן איבערגעאַנדערשטער, אַ העכערער, אַ געזונטער. דער קאָליר פון זיינע האָר און פּנים זיינען געוואָרן ברוינער און לעבעדיקער, און זיינע אויגן האָבן מיט ברייטער אָפנקייט געקוקט אויף אַלץ אַרום. ער האָט

שפּאַצירט איבער די זעלבע וועלדער, פעלדער און טייכן־ברעגן, און כאָטש אַלץ האָט דאָ געאָטעמט מיט פרייהייט, האָט ער דאָ מער נישט געקאָנט זיין. אַלע הייזער, אַלע וועגן און שטעגן האָבן דערציילט פון דעם גרויסן חורבן.

גאָלדפאַרב האָט ליב באַקומען די קידלינער פעלדער, די יידישע פויערים, מיט וועלכע ער האָט צוזאַמען די ערד באַאַרבעט. אין אַ צייט, ווען דער קאָאָפּעראַטיוו געפינט זיך אין אַ פינאַנסיעלן קלעם, ווערט גאָלדפאַרב אויסגעוויילט אַלס פּאַרזיצער פון קאָאָפּעראַטיוו. און ער, דער מענטש פון קאַמף, נעמט גלייך אונטער דעם גוראַנגל קעגן די פּאַר־שידנערליי שטערונגען, וועלכע ווערן איינע נאָך דער אַנדערער באַזיגט.

איצט שטייט ער אויפן ראַנד פון ברוין־צעאַקערטן פעלד און הערט זיך איין אין דעם וויטן געטראַסקעריי פון די טראַקטאָרן. ער גיט נאָך אַמאָל אַ קוק אויף יענער זייט האָריזאָנט. ווו אויפן פאָן פון בלויען הימל צייכענען זיך שוין סינאַיס צוריקקומענדיקע פערד, וועלכע גייען איצט פּאַוואָליע טראָט ביי טראָט. ער דרייט זיך אויס אין דער צווייטער זייט, פונוואַנען עס קומט דאָס הויכע קלאַפּן פון די טראַקטאָרן.

ביים אָנהויב פון די פריש־צעאַקערטע בייטן טרעפט ער חיימס ווייב. שוין איבער אַ שעה, ווי זי האָט געבראַנגט דעם מאַן אַ טעפּל מילך. חיים האָט שוין לאַנג אויסגעטרונקען, און זי שטייט נאָך אַלץ און קאָן נישט אָפּרייסן די אויגן פון די דורכגעאַקערטע, פוכיק־געוואָרענע בייטן. מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט, ווי אַ פאַר־כישופטע, קוקט זי זיך איין אין דער רעגלמעסיקער אַרבעט פון דעם טראַקטאָר, אויף וועלכן איר חיים זיצט מיט אַן אויסדרוק פון קאָנצענ־טרירטקייט און לאָזט נישט אַראָפּ דעם בליק פון די הויכע צייניקע רעדער. די שוואַרצע פּאַסן צעאַקערטע ערד ווערן אַלץ לענגער און ברייטער.

— גוט־מאָרגן — באַגריסט זיך גאָלדפאַרב — וואָס הערט זיך?

נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן פון דער זיך אַרויסוויקלענדיקער ערד, ענטפערט זי:

— זעט, גאָלדפאַרב, ווי שיין...

מער רעדן זיי נישט צווישן זיך, כאָטש זיי שטייען נאָך לאַנג און קוקן ווי נאָך דעם טראַקטאָר בעטן זיך אויס אַלץ נייע און נייע ערד־בייטן, גרייטע פאַר דער קומענדיקער זריעה.

אין אָוונט פוצןביידע, חיים און וולאַדעק, דעם טראַקטאָר. איידער מען פירט אים אַריין אויפן הויף רוען זיי זיך אָפּ אַ ווײַלע. זעצן זיך אויף דער צווייטער זייט פון דעם שמאָלן מילכווייסן וועג. וולאַדעק פאַרויכערט אַ פּאַפּיראָס, קוקט מיט אינטערעס אויף חיימס שמאָלע אָדערדיקע הענט און פרעגט:

— ווי האָסטו זיך אויסגעלערנט אַזוי אַרבעטן אויף אַ טראַקטאָר?

— עך, ברודערקע, מיט אַ טראַקטאָר איז ווי מיט אַ מענטש. דער־פילסטו דאָס האַרץ זיינס, וועסטו זיך שוין נישט אָפּרייסן פון אים. און אַ טראַקטאָר, פאַרשטייסטו, האָט אויך אַ האַרץ, אַ מעטאַלנס, אָבער אַ לעבעדיקס...

נאָך אַ מינוט שווייגן הויבט ווידער חיים אַליין אָן צו רעדן. אין זיין בליק, אַ פאַרקוקטער אין דער פאַרנאַכטיקייט, וואָס האָט זיך ווי אַ גרויסער שאָטן געלייגט אויף די פעלדער, גייט אויף אַ פאַר־בענקטקייט.

— אין ניי־סאַנץ, ווו איך האָב געוווינט ביז צו דער מלחמה, פלעגן מיר אָפט שפּאַצירן הינטער דער שטאָט. מיר האָבן מקנא געווען די פויע־רים, זייערע כאַטעס מיט די שטרויענע דעכער און די שטיקלעך פעלד, אויף וועלכע זיי אַרבעטן אונטערן פרייען הימל. איך בין געווען אַן עקספּעדיטאָר. שטענדיק געאַרבעט צווישן טוכלע ווענט, האַלב־פינצטער. היינט, גיב אַ קוק, אָט די אַלע פעלדער — קאָנסט זיי נישט אַרומנעמען מיטן אויג — זיינען אונדזערע. מיר וועלן פון זיי אַרויסבאַקומען ברויט. טויזנטער אַרבעטער וועלן געניסן פון אונדזער ברויט. האַ, אַ זיס געפיל, אמת?

— אַ מחיה — צעלאַכט זיך וולאַדעק. די ליבשאַפט צו די פעלדער וואָס וויקלען זיך פאַנאַנדער פאַר זיינע אויגן, פאַרשנעלערט מיט אַמאָל דאָס בלוט אין די אָדערן. די שטים הויבט זיך אַליין אויף אין אַ פריי־לעך געזאַנג. חיים כאַפּט עס אונטער, און אַזוי זינגענדיקע זעצן זיי זיך אויף דעם טראַקטאָר און פאָרן אַריין אין הויף.

ביי יאַקוב וואַלמאַנען אין שטוב, אין דעם שיין־געמויערטן הייזל שמעקט עס מיט וואַרעם ברויט און פריש־געמאַכטער פּוטער. יאַקוב אַליין, אַן איבערגעטוטענער, אַן אָפּגעוואַשענער, זיצט ביים אָוונט־ברויט. זיין פרוי, אַ יונגע, אַ פולע, דערלאַנגט צום טיש און שמייכלט ליבלעך.

— די קי האָבן היינט געגעבן מיט צוויי ליטער מילך מער ווי נעכטן.

— מע דאַרף זיי אָפטער וואַשן. אַ ריינע קו גיט מער מילך — זאָגט יאַקוב ערנסט.

עס קומט אַריין זיצמאַן. עס פאַרבינדט זיך אַ שמועס וועגן מאַשי־נען און פערד. די פרוי גייט אַריין אין דער צווייטער שטוב, ווו עס שפּילט זיך דער צווילינג. מען דאַרף זיי שוין לייגן שלאָפן.

דער שמועס צווישן יאַקובן מיט זיצמאַנען ווערט וואָס אַמאָל לע־בעדיקער. די פרוי הערט זיך איין און שמייכלט צו זיך צופרידן. עס איז פשוט נישט צו דערקענען איר יאַקובן, ווי סטאַטעטשנע ער איז גע־וואָרן. זיינע רייד זיינען ערנסטע. הערנדיק אים רעדן, קאָן מען מיינען, אַז דאָס האָט זיך די פאַרוואַלטונג פון קאָאָפּעראַטיוו צונויפגענומען אויף אַ באַראַטונג. שוין צום וויפלטן מאָל פרעגט זי זיך, פונוואַנען האָט זיך צו אים גענומען דער ערנסט?

דער שמועס גייט אַרום דעם טערמין, וואָס דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אויף זיך גענומען צו פאַרענדיקן דעם פאַרזיי. זיצמאַן האַלט, אַז מען האָט נישט געדאַרפט נעמען אויף זיך אַזאַ שפּעטן טערמין, דעם פופצנטן אַפּריל. דער פאַרזיי וועט זיכער זיין געענדיקט פאַרן צענטן.

— די פּאַרטיי — זאָגט יאַקוב — האָט געהאַלטן, אַז פאַר מער ווי דריי הונדערט העקטאַר מיט אַזוי פיל נייע קולטורן דאַרף מען געבן אַ לענ־גערן טערמין.

די פרוי אין דער צווייטער שטוב פאַרטראַכט זיך. אַזוי פיל מאָל הערט זי פון יאַקובן דאָס וואָרט „פּאַרטיי“. ווייזט אויס, אַז דאָס האָט זי יאַקובן אַזוי געענדערט, געמאַכט סטאַטעטשנע. זינט ער איז געוואָרן אַ קאַנדידאַט אין דער פּאַרטיי, האָט ער אָנגעהויבן לייענען צייטונגען, איבערדערציילן פאַרשידענע נייעסן. אַפילו צו די קינדער איז ער גע־וואָרן אויפמערקזאַמער.

פאַר דער מלחמה האָט יאַקוב וואַלמאַן געוווינט אין קאַליש, געווען אַ בעל־עגלה. בעת דער מלחמה האָט ער געאַרבעט אין אַ מאָסקווער מעטאַלורגישער פאַבריק. פריער אַלס שוואַרצער אַרבעטער, דערנאָך אַלס גיסער. קידלין איז אים געפעלן. דער הויף, די רחבותדיקע דירות, דער אויסוואַל פון פערד. דער עיקר האָט ער טאַקע נאָר ליב געהאַט צו פאָרן מיט פערד און וואָגן אין שטאָט אַריין. נישט איין מאָל

געבליבן אויף אַ חברישער שמחה און אַהיימגעקומען אַ בגילופינדיקער. מיט דער צייט איז אין אים געוואַקסן די צוגעבונדנקייט צו דער ערד, צו די מאַשינען, וואָס האָבן פון טאָג צו טאָג אַלץ מער פאַרלייכטערט די אַרבעט, צו די קי, וואָס האָבן זיך געפּאַשעט אַרום דער שטוב.

אין דעם גרויסן הויף, וועלכער איז אַמאָל געווען דאָס אייגנטום פון באַרימטן דייטשן באַראָן קאַראָל פאָן גאָלדפוס, וווינען היינט ביי אַ זעכציק פויערישע פאַמיליעס. די רחבותדיקע שטובן זיינען געהאַלטן ריין און ציכטיק. אין די אָוונטן נעמען רעדן די אָנגעשטעלטע ראַדיאָ-אַפּאַראַטן, ברענגען גרוסן פון שטאָט און דאָרף, פון אַרבעט-פאַרמעסטן און נצחונות, פון ניי-אָרגאַניזירטע קאָאָפּעראַטיווע לאַנדווירטשאַפטן. די רעדנדיקע שטימען מישן זיך אויס מיט די מוזיק-קלאַנגען, וואָס גייען פון משולם לאַקס שטוב. משולם לאַקס גרעסטער פאַרגעניגן איז צו כאַפּן רוסישע מוזיק. עס טרעפט, אַז חברה יונגוואַרג כאַפּט אַ טענצל אינמיטן הויף צום טאַקט פון דער מוזיק, ווערט דעמלט דער גאַנצער הויף פול מיט לעבן.

אינמיטן דעם שפּילן דערמאָנט זיך משולם לאַקס אין זיינע פערד און קי. מען דאַרף אַ קוק טון, וואָס עס מאַכט דער „שיוועך". ער איז היינט געווען נאַראָוויסטע.

אין דער גרויסער געמויערטער שטאַל הערשט איצט אַ וואַרעמע רו. עס הערט זיך דאָס מעלה-גרהן פון די קי. משולם גייט דורך אַלע פערציק קעמערלעך. דאָ גיסט ער צו וואַסער אין דער קאָריטע, דאָ פאַריכט ער די קייט, אין וועלכער די קו האָט זיך פאַרפּלאָנטערט. אינ-דערזייט, נעבן דער אָפּטיילונג פון די פריש-געבוירענע קעלבלעך, שטיי-ען די ביקעס. ווען משולם קומט צו צו זיי, דרייען זיי אויס די קעפּ, לאַשטשען זיך מיט זייערע גרויסע מאָרדעס. משולם באַמערקט, אַז ביי דעם „געפּלעקטן" איז די קייט צו קורץ. ער פאַרשווינדט גלייך אין דער שאַפע, ווו עס שטייען די שליטנס, קלויבט אויס אַ לאַנגע קייט און בינדט איבער דעם אָקס, וואָס הערט נישט אויף צו לעקן זיינע האָריקע, מוסקולירטע הענט.

אָפּגעפּאַרטיקט זיך מיט די קי, גייט משולם צו דעם פערד-שטאַל. אינדרויסן שטייט שוין אַ העלע, נאַר שטאַרק-קילע נאַכט. דער הימל, אַ גרינלעך-בלויער, ווי אַ לויטערער טייך, איז אָן אַ לבנה און אָן שטערן.

און פונדעסטוועגן איז איבערן הויף אַזוי ליכטיק איצט – עס איז אַ חידוש: פונוואַנען נעמט זיך דאָס אַזאַ העלקייט?

משולמען גלוסט זיך איצט טראַכטן. ווי אין אַ פילם וויקלט זיך פאַנאַנדער זיין אייגן לעבן אין דעם קליינעם גאַליציאַנער שטעטל. שפּעטער אין ארץ-ישראל, אין דעם קיבוץ, ווו יעדן טאָג איז אַן אַנדערער קראַנק געוואָרן פון מאַלאַריע, פון נישט דערעסנקייט און פון גריזשעניש צוליב די פאַרשידענע עוולות פון די ציוניסטישע קאָכלעפל.

— ניין — פלעגט משולם ענטפערן זיינע קידלינער חברים — אַ קיבוץ אין אַ קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג איז אַ פאַרזעעניש, קאָן זיך נישט אַנטוויקלען נאָרמאַל. די מענטשן זיינען דאָרט ווי די שאַטנס...

פון ארץ-ישראל איז משולם לאַקס אַהערגעקומען נאָך אין יאָר 1947. ער איז גלייך אַריינגעטרעטן אין דעם קידלינער קאָאָפּעראַטיוו. עס איז דעמלט געווען אַ שווערע צייט פאַר דעם קאָאָפּעראַטיוו. לאַקס האָט דעמלט געזאָגט:

— ס'שאַדט נישט. ס'איז דאָ נישט קיין קיבוץ. אַ קאָלעקטיוו אין אַ פאָלקס-דעמאָקראַטיש לאַנד האָט אַלע מעגלעכקייטן פאַר אַנטוויקלונג. אויך אונדזער קאָאָפּעראַטיוו וועט זיין גרויס און רייך.

משולם לאַקס האָט דאָ חתונה געהאַט. פונקט ווי אַלע מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו, האָט ער היינט זיינע אייגענע צוויי קי, אַ גאָרטן. ביי אים אין שטוב געפינען זיך יידישע און פוילישע ביכער, צייטונגען.

פון יענער זייט באַסיין, ווו עס געפינען זיך די קליינע ווייסע דאָרפישע הייזלעך, דערטראָגט זיך אַהער אַ פאַרבענקט אויסגעצויגן געזאַנג. עמעץ איז דאָרט אויף אַ פייפל פון אַן אויסגעהוילט ווערבע-צווייגל זיך פאַרגאַנגען אין אַ ניגון, וואָס ציט ביים האַרץ. משולמען דוכט זיך, אַז דאָס דערציילט ער וועגן מענטשן, ווען ס'שטייט נאָך פאַר אַ לאַנגער וועג, אַ וועג, וואָס וועט ברענגען מיט זיך אַ סך, אַ סך גליק.

די פעלדער פונעם קידלינער לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָאָפּעראַטיוו געהערן צו די שפּעדיקסטע אין דער גאַנצער דזשערזשאַניווער געגנט. די ערד איז פעט און קיין איין מעטער בלייבט נישט אומפאַרזייט. קידלינער תבואה, קידלינער פערד און קי האָבן אַ שם אַלס די בעסטע און שענסטע פון אַלע אַרומיקע דערפער. און זעט מען טרייבן אויף פּאַשע גרויסע סטאַדעס פעט-אויסגעפּאַשעטע און ריין-גלאַנציקע קי, זאָגט מען: אָט גייען די קידלינער קי. גאַלאָפּירן דורך פעסטע, ברייט-זאָטלדיקע פערד, ווייסן-אַלע, דאָס זיינען די פערד פון קידלינער לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָלעקטיוו.

און כאָטש אַ קנאַפּע העלפט פויערים פונעם קאָאָפּעראַטיוו וווינט אין ניעמטשע, וווּ עס זיינען אויך פאַראַן ביי אַ 150 העקטאַר ערד פון קאָאָפּעראַטיוו, דאָך רופט זיך אַלץ אויפן נאָמען פון קידלין. אויך די פויערים, אַליין רופן זיך קידלינער.

בסך-הכל געפינט זיך קידלין פינף קילאָמעטער פון ניעמטשע. נישט בלויז דער פאָרזיצער פון קאָאָפּערעטיוו, שמעון גאָלדפאַרב, קומט יעדן טאָג פון ניעמטשע קיין קידלין, נאָר אויך די פויערים טוישן זיך כסדר מיט דער אַרבעט. די, וואָס וווינען אין ניעמטשע, קומען קיין קידלין, און פאַרקערט.

היינט איז גאָלדפאַרבן באַזונדערס פריילעך אויפן האַרצן. זיין פרוי, פרימעט, אַ יונגע, מיט אַן ענערגיש פנים און פלינקע באַוועגונגען, איז צוריקגעקומען פון אַ זיצונג אין גמינע-ראַט, וווּ די פאָרשטייער פון די ווייניק-ערד-באַזיצנדיקע פויערים האָבן געמאָלדן זייער גרייטקייט אַריינצוטרעטן אין דעם יידישן לאַנדווירטשאַפטלעכן קאָאָפּעראַטיוו.

— מיר קוקן זיך צו — האָט געזאָגט דער פאָרשטייער פון די ווייניק-ערד-באַזיצנדיקע פויערים — צו דער אַרבעט פון דעם קאָאָפּעראַ-

טיוו. מיר זעען, ווי אַלץ קומט ביי זיי אַרויס גערעכט, ווייל עס ווערט געטאָן מיט געמיינזאַמע כוחות.

— מיר פאַרזיכערן — האָט געזאָגט אַ צווייטער פויער, — אַז מיר וועלן פאַרשטיין און לערנען זיך אַרבעטן קאָלעקטיוו. דער קאָאָפּעראַטיוו האָט אונדז געוויזן דעם וועג, אויף וועלכן עס דאַרף גיין יעדער פויער.

די נאָכמיטאָג-זון שיינט אַריין דורך די ברייטע פענצטער פון דער שיינער ווילע-אַרטיק געבויטער כאַטע פון פּאָרזיצער. נישטאָ ווו זיך צו באַהאַלטן. גאָלדפאַרב מרוזשעט די אויגן; אַלץ איז מיטאַמאָל אַזוי העל געוואָרן. מיט פריידיקע אויגן קוקט ער אויף זיין פרוי. זי איז ווי דורכגעלויכטן פון אַ שיין. זי שמייכלט.

— אונדזער קאָאָפּעראַטיוו פאַרגרעסערט זיך מיט דריי-און-דרייסיק פויערים-משפּחות און נייע הונדערט און פערציק העקטאַר ערד.

איצט וועלן די אַלע פעלדער פון קידלין ביז ניעמטשע ווערן פאַראייניקט. די הונדערט העקטאַר פון יענער זייט ניעמטשע דאַרפן ווערן איינגעטוישט אויף דער זייט, ווו עס געפינען זיך די מלוכהשע פעלדער. די אַדמיניסטראַציע וועט באַשטימט אַנטקעגנקומען. עס מוזן איבערגעטראָגן ווערן די דירות פון די פויערים, דער גאַנצער הויף, די שטאַלן, שייערן.

אָבער דערווייל איז נאָך דער פּאָרזיי נישט פאַרענדיקט.

די אַרבעט רופט.

ווען גאָלדפאַרב איז שפּעט אין אָוונט אַהיימגעקומען פון פעלד, איז זיין פרוי, פרימעט, נאָך געזעסן איבער די נאָטיצן און צייכענונגען פון די פּלענער פון נייעם צוזאַמענשטעלן די דירות, שטאַלן און תבואה-מאַגאַזינען. מיט זיין אַריינקומען האָט ער מיט זיך מיטגעבראַכט נייע זאָרגן. מיט אים זיינען מיטגעקומען אויך די אַנדערע פאַרוואַלטונג-מיטגלידער. עס ווערט נאָכאַמאָל אַרומגערעדט דער פּלאַן פון מאָרגנדיקן טאָג. מען דאַרף פאַרענדיקן דעם בוראַקעס-פּאַרזיי און דאָס פאַרזעצן קאַרטאָפל; די בהמות דאַרף מען שוין אָנהויבן צוגעוווינען צו גרינס. מען דאַרף באַצייטנס אָנהויבן טראַכטן וועגן די כעמיקאַליען, וואָס מען דאַרף אַריינטאָן אין דער פאַרב צום איבערמאָלן די ווענט פון די שטאַלן.

דער סעקרעטאַר מרדכי ווייַנגאַרטן רעדט וועגן דעם פּאַריאָריקן ווייַץ, וואָס ווערט איצט געפּירט פון די שפּייכלער. אויף זיין ברייטלעכן אָפּגעבּרענטן פּנים טרעטן אַרויס רויזע פלעקן. דאָס באַדייט, אַז ער איז אַ ביסל אויפגערעגט. קיין שום אַנדערער סימן פון דענערווירטקייט דערקענט מען נישט אויף אים. ער רעדט רויק, באַהערשט. מען האָט היינט ביים מיטאָג-איבעררייס געדאַרפט אַרויפטראָגן אַ וואָגן ווייַץ אין די מאַגאַזינען אַריין. קאַמינסקי, ווי אַ פּאַרטייער, האָט געדאַרפט אַרויסווייזן מער באַציונג און נישט מעכאַניש איבעררייסן די אַרבעט. דער פּאַרטיי-מיטגליד דאַרף דאָך דינען מיט זיין אַרבעט ווי אַ ביישפּיל פאַר די איבעריקע. אמת? — ווענדט ווייַנגאַרטן זיינע צעפלאַמטע אויגן אין דער ריכטונג, וווּ עס זיצט קאַמינסקי, אַ מיטליאָריקער פּויער מיט אַרויס-שטאַרצנדיקע באַקן-ביינער.

קאַמינסקי פילט, אַז ער רויטלט זיך. ער פּרוּווט זיך אַרויסדרייען.

— מען האָט עס דאָך שפּעטער אַרויפגעטראָגן... נו, איז דער ווייַץ געשטאַנען אַ שעה אויפן הויף. איז וואָס? איבעריקנס, בין איך דאָך נישט פאַראַנטוואָרטלעך פאַרן ווייַץ...

גאָלדפאַרב האָט זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט עטלעכע טריט אין דעם שמאָלן דורכגאַנג צווישן דעם ווייסן קאַפלע-אויוון און דעם מיט ביכער אָנגעוואָרפענעם טיש.

— פּאַרטייער דאַרפן מיט זיך פאָרשטעלן אַ מוסטער פון געמיינזאַמער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס איז דער כּוח פון אונדזער קאָאָפּעראַטיוו. שיין וואָלטן מיר אויסגעזען, ווען יעדער פון אונדז וואָלט אין זין געהאַט בלויז זיין אַרבעט.

פון מרדכי ווייַנגאַרטנס ברוין פּנים זיינען די פלעקן אינגאַנצן אַוועק. דערפאַר האָט ער דאָך אַזוי ליב באַקומען די אַרבעט אין דעם קאָאָפּעראַטיוו. צוליב דעם האָט ער אַוועקגעוואָרפן זיין פריערדיק פאַך, מעבל-סטאָלערייַ. אין וואַרשע איז ער פאַר דער מלחמה געווען באַקאַנט אַלס גוטער פאַכמאַן, אָבער נאָך דער מלחמה — זאָגט ווייַנגאַרטן — ווען דער מענטש האָט פאַרלוירן זיין גאַנצע משפּחה, האָט ער געמוזט דערפילן עפּעס אַ נייעם כּוח, וואָס זאָל אים צובינדן און געבן דעם באַוווּסטזיין פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס האָט אים געגעבן קידלין, די ערד, דער קאָלעקטיוו.

* * *

אַז מען וויל צוקומען צום שטיק פעלד, וואָס לייזער גאָלדבערג האָט זיך אונטערגענומען אין משך פון היינטיקן טאָג צו פאַרבראָנעווען, מוז מען דורכגיין אַ שמאָל טייכל. עס גייט נישט גלייך דאָס טייכל, נאָר דרייט זיך זיגזאַגיש דורך דער גאַנצער ברייט פון די קידלינער פעלדער, שניידט זיי דורך. ווו נישט-ווו וואַקסן דאָ נידעריקע ווערבעס. זיי שטייען אַריבערגעבויגן איבער דעם טייכל. הינטער זיי איז דאָס וואַסער ווי אַ טונקעלער שפּיגל. דערפאַר זעט זיך נאָר שאַרפער די קלאָרע געלקייט פון זאַמדיקן ברעג, אויף וועלכן די קידלינער פרויען וואַשן וועש, קינדער שפּילן זיך אין זאַמד. שפּעטער, ווען טעג וועלן וואַרעמער ווערן, וועלן זיי זיך דאָ באָדן.

דאָס וואַסער קומט פון די בערג, וואָס זיינען די נאַטירלעכע טשעכישע גרענעץ — אַכט-און-צוואַנציק קילאָמעטער פונדאַנען.

מיט אייניקע יאָרן צוריק פלעגן דאָ דורכגיין פאַרשידענע יידן. אויף זייערע פראַגן פלעגט זיי גאָלדבערג דערציילן וועגן דעם, אַז ער וועט שוין קיינמאָל נישט צוריקגיין צו זיין אַמאָליקן פאַך, צו קאָמאַשנ-שטעפּעריי, ווייל ער האָט ליב באַקומען די ערד. יענע פלעגן אים אויס-לאַכן. שפּעטער האָט זיך לייזער דערוווּסט, אַז דאָס זיינען אַזעלכע, וואָס האָבן „אַנגעשאַבערעוועט" אַ וועלט און איצט שמוגלען זיי דאָס גאָלד מיט טייערע שטיינער אויף „יענער" זייט. לייזער האָט זיי נישט מקנא געווען. ער האָט זיך געפילט בעסער מיט זיין צוגעבונדנקייט צו דער ערד, ווי יענע צו זייער גאָלד.

— ערד — זאָגט לייזער גאָלדבערג — איז אַ לעבעדיקע זאַך. ביסט איר געטריי, צאָלט זי דיר אָפּ כפל-כפלים. גאָלד — דאָס פאַרשקלאָפּט דעם מענטש. ער הערט נישט אויף צו יאָגן זיך נאָך דעם און ענדיקט שלעכט...

דריי יאָר צייט האָט גאָלדבערג באַאַרבעט זיינע זיבן העקטאַר פעלד. פערד האָט ער זיך געקויפט די טייערסטע, וואָס האָבן גוט גע-אַרבעט און געקאָנט שנעל לויפן. אין די אָוונטן איז געווען גוט צו געבן זיך אַ זעץ אַריין אין זאָטל און אַ צי טאָן די לייצעס. דאָס פערד האָט אַ כאָרכל געטאָן מיט זיינע נאָזלעכער און מיט אָנגעשפּיצטע אויערן גאַלאָפּירט איבער דעם שמאָלן מילך-ווייסן שליאַך אַהיים, צו דער וואַרעמער, געמויערטער שטאַל, ווו לייזער האַלט זיינע בהמות.

היי יאָר, אין יאַנואַר-חודש, האָט לייזער באַשלאָסן, אַז ס'האָט עפּעס נישט קיין זין, ווען דאָ, הינטער דער נאָז, אַרבעט אַ קאָאָפּעראַטיוו,

ווערט פון יאָר צו יאָר גרעסער און רייכער, און ער שטייט אַלץ אויף איין אָרט. אמת עס איז אים נישט שלעכט. אָבער דאָרט קאָן ער מער נוצן ברענגען. עס פעלן הענט.

ביי דער זעלבער מיינונג איז אויך געווען זיין יידישע פרוי פון דייטש-לאַנד. איר ברודער האַנס קאַצלער אַרבעט שוין לאַנג אין קאָאָפּעראַטיוו, איז אַ גוטער טראַקטאָריסט און איז צופרידן, ווייל זיין אַרבעט ווערט אָפּגעשאַצט דורך אַלע מיטגלידער פון קאָאָפּעראַטיוו.

פון דעמלט אָן אַרבעט לייזער גאָלדבערג אין קאָאָפּעראַטיוו. די זיבן העקטאַר, וואָס ער האָט איבערגעגעבן, זיינען שוין אַ העלפט געווען פאַרזייט מיט פאַרשידענע קולטורן נאָך פון הערבסט. גאָלדבערג איז צופרידן, וואָס ער קומט צום קאָלעקטיוו נישט מיט ליידיקע הענט.

און אַרבעטן אַרבעט לייזער פונקט ווי אויף זיין אייגן פעלד. די ערד איז דאָך די זעלבע, דער זעלבער ריח, וואָס צעגייט זיך אין די אברים, ווי טייערע בשמים. די לופט בשעת דו אַרבעטסט זינגט. כאָטש אַרום זעסטו נישט קיין פויגל, זינגט דאָ עפּעס און טשוויטשערט אַליין פון זיך.

* * *

די ערשטע פרימאָרגן-ליכטיקייט, וואָס רייסט זיך אַריין דורך די פענצטער, איז אַזאַ זינגנדיקע און רוישיקע. זי וועקט אויף און לאָזט נישט איינליגן.

יצחק לעווין אַרבעט שוין אין קאָאָפּעראַטיוו איבער צוויי יאָר. אויפשטיין באַמיט ער זיך פריער ווי אַלע, וואָרום ער איז נאָך קיינמאָל נישט ארויסגעגאַנגען אין פעלד אומגעדאַוונט. זאָל זיין אָן אַ מנין, אָבער דאַווענען מוז ער יעדן טאָג.

ער באַוויזט נישט אָפּצודאַווענען און אינדרויסן גייט שוין אָן אַ לעבעדיקע אַרבעט. אַלע, פון גרויס ביז קליין, זיינען שוין מיט עפּעס פאַרנומען. די פרויען מעלקן די קי, די מענער פאַריכטן די אַרבעט-מכשירים, רופן זיך איבער מיט דעם קליינוואַרג, וואָס שפּילט זיך. דעם פרישטיק כאַפּט שוין יצחק אַריין שנעל. די אַרבעט וואַרט נישט...

יצחק לעווין, כאָטש ער שטאַמט פון אַ סוחרישער משפחה פון אַ קליין שטעטל הינטער טאַרנאָפּאָל, האָט דאָך ליב די אַרבעט אויפן פעלד. און קומט אַמאָל אַהער אַ גאַסט פון שטאָט, קוקט זיך צו

צום געזונטן לעבן און פֿאַרבענקט זיך, טריומפירט דעמלט יצחק און פרעגט:

— ס'איז גוט דאָ, האַ?

און שפּעטער, ווען די זון שטייט הויך אינמיטן הימל און וואַרעמט אַזוי וווּנדערלעך, איז יצחק גלייך מיט אַלע פֿאַרנומען אויפן פעלד. ער איז דעמלט גרייט אויפצווייזן דער גאַנצער וועלט:

— אַז מ'געוויינט זיך צו, איז דאָ בעסער ווי אומעטום. ווו האָט איר אַזויפיל פרייקייט, אַזוי פיל זון און לופט? איך וואָלט שוין אין שטאָט נישט געקאָנט לעבן...

יצחק לעווין איז אַ געוועזענער זעלנער פון דער קאָשטשושקאָ-דיוויזיע. ער האָט געקעמפט אין דער ערשטער דיוויזיע פון נייעם פוילישן מיליטער. ער איז שטאָלץ מיט זיין מונדיר און מיט די פּאַרשי-דענע מעדאַלן.

דער שבתדיקער טאָג איז פאַר לעווינען אַן אָפּקומעניש. ער גייט נישט אַרויס אין פעלד, זאָגט תהילים, קוקט אַריין אין אַ ספר, האָט הנאה פון דער ליבער מידקייט און אָנגענעמער רו. עס איז אים אָבער שווער צו דערטראָגן זיינע איבעריקע הענט. אַלץ איז פאַרנומען מיט דער עבענטשטער ערד-אַרבעט, און ער דרייט זיך אַרום. ער פילט אַזאַ נאָגנדיקע ציעניש, אַז עס טוען אים אַזש וויי די הענט. ער גייט דעמלט איבער די שטאַלן, קוקט צו די קי, לאָזט זיך לעקן פון זייערע גרויסע לאַשטשנדיקע צונגען און קאָן זיך נישט דערוואַרטן, דער שבת זאָל אַוועק און ער זאָל שוין מעגן אַרבעטן גלייך מיט אַלע.

— יאַנקל, גיב אַהער דעם האַמער — דערטראָגט זיך אַ פעסט מע-נעריש קול פון דעם וויטן פעלד.

— וואָס איז געשען? — שטעלט זיך יאַנקל גאָלדבערג אָפּ אינמיטן בראָנעווען און פאַרמרוזשעט די אויגן אין דער זוניקער ווייטקייט.

— די בראָנע איז מיר לויז געוואָרן.

יאַנקל גאָלדבערג, אַז ער רייט אַרויס אין פעלד, נעמט ער זיך מיט אַלץ, וואָס מען קאָן נאָר אַמאָל דאַרפן צו דער אַרבעט. קומט אים טאַקע קיינמאָל נישט אויס צו לויפן צוריק, ווי אַ שטייגער, עם יונ ען מישע שפּאַן, נאָך עפּעס אַן אינסטרומענט. איצט איז אים גוט, מישען,

ווייל ער אַרבעט נאָענט פון יאַנקלען, און יאַנקל העלפט אים אַפילו צו פאַריכטן. זיין נאָרמע פאַרן אַרבעט-טאָג האָט ער שוין געענדיקט ביזן מיטאָג.

יאַנקל גאָלדבערג שטאַמט פון אַ דאָרף הינטער ריישע. פאַר דער מלחמה האָט ער אויך געאַרבעט צוזאַמען מיטן פאָטער אויף ערד.

— אָבער וואָס קומט אַרויס? — שמייכלט גאָלדבערג אַזוי שעמעוודיק, גלייך ווי עס וואָלט געווען זיין שולד — אַז די ערד איז קיינמאָל נישט געווען קיין אייגענע. שטענדיק געזומען אין דזשערזשאָווע. שטענדיק געהאַט אויף זיך מער חובות וויפל מען האָט פאַרדינט — און פופצן שעה אין מעת-לעת שווערע האָרעוואַניע.

אַ האָרציקער בחור דער יאַנקל גאָלדבערג. די חברים זיינע זאָגן, אַז אַלע, וואָס האָבן דורכגעמאַכט דעם פראָנט זיינען אַזעלכע האָרציקע און גוטע. גאָלדבערג איז אין דער סאָוויעטישער אַרמיי אַריינגעטרעטן אַלס פרייוויליקער און איז אויך געווען אין דער פוילישער אַרמיי. ביזן היינטיקן טאָג איז ער גרייט פאַר אַ חבר צו גיין אין פייער אריין.

ערגעץ זייער וייט קלאַפּט דער טראַקטאָר. עס זיינען געבליבן די לעצטע שטיקער פעלד צום פאַראַקערן. אַרום איז שטיל. די לופט איז דורכזיכטיק און בלוי ווי דער הימל. פון זיך אַליין טראַכט זיך: באַלד וועלן זיך דאָ צעכוואַליען צעבליטע ווייץ-פעלדער און עס וועט זיין אייגן ברויט.

א ו י ף נ י י ע ר ד

ברוך האָט נאָך געטראָגן דעם זעלנערישן מונדיר מיט דער ראַנגע פון אַ קאַפּראַל. אָבער אַ ליאַדע טאָג האָט ער געדאַרפט ווערן דעמאָ־ ביליזירט. אין דער קאַנצעלאַריע פון פּולק קאָכט זיך שוין. טאָג און נאַכט אַרבעט מען דאָרט. מען שרייבט אויס די דעמאָביליזאַציע־קאַרטעס. די איבונגען ווערן געמאַכט אַבי יוצא צו זיין.

אין די אָוונטן קומט מען זיך צונויף און מען רעדט וועגן קומענ־ דיקע טעג, וועגן וואַרעמע היימען. אין די זעלנערישע הערצער האָט זיך צעגליט אַ וואַרעמע צערטלעכקייט.

ביי ברוכן איז די וואַרטעניש אַזאַ, וואָס מאַכט האַסטיקער שטראָמען דאָס בלוט אין האַרצן און גיסט קרעפטיקייט אין די ביינער. ער קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן, זיינע עלטערן זאָלן קומען צו פאָרן פונעם קאַזאַכסטאַנער קאָלכאָז, ווו זיי האָבן די עטלעכע יאָר געאַרבעט. ער האָט זיי שוין געשריבן וועגן דער רייכער באַלעבאַטישקייט, וואָס ער האָט באַקומען צוגעטיילט הינטער ביעלאַווע, אַ גרויס שטיק פעלד, אַ ווייס שטאָקיק הייזל, וואָס שטייט אַרומגערינגלט מיט אַן אויבסט־ גאָרטן, צווישן אַ סך אַנדערע גערטנער און געבערגלטע פעלדער.

גלייך נאָך דער דעמאָביליזאַציע האָט זיך ברוך גענומען באַמיען וועגן אַ הלוואה, וועגן אַ קו, אַ פּאָר פערד, זיך איינגעהאַנדלט אַ שנייד־מאַשין און צוזאַמען מיט יאָסלען זיך גענומען צו דער אַרבעט.

יאָסל, אַ יונגער קרעפטיקער בחור, האָט געדינט מיט ברוכן אינאיינעם, אין איין קאָמפּאַניע. הינטער וואַרשע זיינען זיי צוזאַמען געגאַנגען אויף אַ פּאַטראָל. איבער זייערע קעפּ האָבן געקנאַלט קוילן און שראַפּנעלן, וואָס זיינען געקומען פון יענער זייט ווייסל, און אויפ־ געריסן ערגעץ נישט ווייט פון זיי. יאָסל האָט זיך פאַרקוקט אויף דעם פאַרוויטלטן הימל און שטיל מיט אַ קרעכץ אַרויסגערעדט:

— וואַרשע ברענט.

די שראַפּנעלן האָבן אָנגעהויבן אויפרייסן נאָענט. ברוך האָט מיט כּעס אַ געשריי געטאָן:

— וואָס שטייסטו?

אין דעם זעלבן מאָמענט, ווען זיי האָבן זיך דערנענטערט צו אַן איינגעפאַלענער מויער, האָט צווישן זיי ביידע עפּעס טויב אַ קלאַפּ געטאָן. ביידע האָבן צוזאַמען אויסגעשריגן: אוי!

קרעכצנדיק האָבן זיי זיך איינער דעם צווייטן אַרומגעוויקלט די ערשטע באַנדאַזשן און זיך קוים דערשלעפּט צום מעד.-פּונקט.

אין צוויי חדשים אַרום האָבן זיך ביידע געטראָפן צוריק אין דער קאָמפּאַניע.

יאָסל איז דעמאָבּיליזירט געוואָרן מיט אַ וואָך שפּעטער פון ברוכן. ווען ער איז געקומען, זיינען שוין אין שטאָל געשטאַנען צוויי געזונטע פערד. אויף דער לאָנקע האָט אַ קו מיט אַן אַרויסגעשטעקטער צונג געזוכט ערטער מיט העכערע גראָזן, פאַרנומען אַלע גרעזעלעך אין איין בינטל און ערשט דאַן אָפּגעביסן מיט די ציין.

— האָסט געזונטע פלייצעס, ברוך — האָט יאָסל נישט געקאָנט איינהאַלטן אין זיך די פרייד — מ׳עט מאַכן אַ לעבן.

און עס איז אַוועק אַן אַרבעט.

ערשט אין דריי חדשים אַרום זיינען פון ראַטנפאַרבאַנד געקומען צופאָרן ברוכס טאַטע·מאַמע און די צוואָנציק-יאָריקע שוועסטער, פּערעלע.

פּערעלעס טונקל-ברוינע אויגן זיינען גלייך געוואָרן אָנגעגאָסן מיט וווּנדער איבער יעדער קלייניקייט. ברוך האָט אַ גליקלעכער אַרומ-געצאַפּלט אַרום זיי. מיט שטאָלצער פרייד האָט ער זיי אַרומגעפירט איבער די זוניקע, העל-אויסטאַפּעטירטע צימערן. יעדע פּאָר מינוט צוגעברענגט דער מאַמען אַן אַנדערע זאַך פון באַלעבאַטישקייט, וואָס האָט דערמאָנט אין דער אַלטער איינגעפונדעוועטער היים, און דעם טאַטן שוין צום וויפלטן מאָל צוגעפירט צום פענצטער:

— נו, טאַטע, וואָס זאָגסטו צום גאָרטן? און ס׳פעלד, גוטע ערד, האַ? און די קו, אַ חיות צו קוקן אויף איר...

ביים טאַטן שמייכלען די אויגן, די וואָנצעס, דאָס גאַנצע פּנים:

— ז׳איז אַביסל אָפּגעלאָזט, די ערד. מ׳עט דאַרפן אַרבעטן ביי איר.

צומאַרגנס האָבן שוין אַלע געהאָרעוועט. פּערעלע איז נישט אָפּ־געשטאַנען פון די יונגען. די אַרבעט האָט געבּרענט אונטער אירע פולע, ברוינע הענט, וואָס האָבן קיין מינוט נישט גערוט. יאָסל האָט מיט וווּנדער געקוקט אויף אירע שטאַרקע, בויגיקע פיס, נאַקעטע איבער די קני און ער האָט געפילט ווי אַ געשריי אין זיין קערפּער:

— אַ גבורהדיקע מויד...

און טעג אָנגעטרונקענע, דורכגעזאַפּטע מיט זון זיינען געגאַנגען מיט אָפענע פנימער. מענטש, בוים און פעלד האָבן געזונגען דאָס געזאַנג פון באַנייונג, פון וואַקסן, פון געזונטער מי.

עס איז אָנגעקומען שניט־צייט.

די ווירטשאַפט איז געוואָרן גרעסער, רייכער. די אַרבעט איז געגאַנגען נאָך פיבערדיקער. פאַר די לעצטע טעג איז דער ראָסטיק־גאָלדענער ווייץ אויפגעגאַנגען הויך און פול. פעסטע, ברייטע פערד מיט באַוואַקסענע קאָפּעטעס שלעפּן די גרויסע שנייד־מאַשין. די ווייץ־זאַנגען קרעכצן, פאַלן, ווערן אונטערגעכאַפּט פון ראָד, אויסגעלייגט קאָפּ צו קאָפּ. די זאַנגען, וועלכע שטייען נאָך אויף זייערע פיס, טוליען זיך צונויף געדיכטער, שטייען און ציטערן. פון איין עק פעלד צום אַנדערן קלינגט פריילעך דאָס קלאַפּער־געצייג פון דער שנייד־מאַשין. עס רופן זיך איבער קולות:

— יאָסל.

— ברוך.

— האָסט געשמירט די מאַשין? זי קרעכצט מיר עפּעס...

— טאַטע, מ׳עט דאַרפן שלייפן די מעסערס.

ברוך, ווי אַ דורכגעברענט, פאַרקוילט שטיק ערד, זיצט אויף דעם אייזערנעם זיץ פון דער מאַשין. דאָ און דאָרט ליגן שוין לאַנגע שורות מיט קופּקעלעך תבואה, ווי סטאַדעס שאָף. אים, ברוכן, איז גוט, וואָס ער קאָן אַזוי פריי אָפּאָטעמען; וואָס אויב ער וויל, גיט ער, גלאַט אַזוי, אַ טיפן געשריי פון האַרצן אַרויס.

פּערעלע גייט נאָך דער מאַשין מיטן גאָפּל איןביידע הענט. קוים זי קאָן נאָכהאַלטן דאָס כאַפּן די סנאָפּעס אין דער צייט. פון אירע ווייסע ציין שטראָמט אַ הילכיק, קוויטשיק געלעכטער, וואָס קומט פון דער העלער הויט, ביי דער מינדסטער קלייניקייט.

יאָסל הערט איר לאַכן — נישט בלויז מיט די אויערן, נאָר מיטן גאַנצן לייב. יאָסלען איז ביי דער אַרבעט גוט. עס פאַרגעסט זיך אין

דעם, וואָס אין די העל-אויפגעריסענע נעכט ווערט אָפט געבוירן ביי אים עפּעס אַזעלכעס, וואָס איז ענלעך צו עלנטקייט. מיט פּערעלען, וויפל ער פּרוּווט אָנהייבן רעדן, דערציילן, האָט זי קיינמאָל נישט קיין צייט. ווען זיי קומען אַהיים פון פעלד, האָט זי נאָך אַלץ צו טאָן אין קי-שטאַל, ביי די עופות, ביי די חזירים.

דער לעצטער גייט יאָסל אַראָפּ פון פעלד, שפּאַנט אויס די פערד, גיט זיי עסן, טרינקט זיי אָן, לאָזט זיי אַריין אין שטאַל, טוט נאָך אַ בליק צום גאָרטן, ווו עס ציען זיך לאַנגע באַבלעטערטע בייטן מיט הייפּט-לעך קרויט, מיט אוגערקעס צווישן די פרוכטן-ביימער. ער דערנענטערט זיך צו דער קי-שטאַל. אויף דער שוועל זעט ער ווייסע פלעקן פון פריש-פּאַר-גאָסענער מילך. עס הייסט, אַז פּערעלע האָט שוין אויסגעמאָלקן די קי. פון ווינקל הערט זיך אַ שטיל רעווען. יעדער מרוק איז שווער און מיד. יאָסל דערמאָנט זיך, אַז די ברוינע קו דאַרף זיך באַלד קעלבן... וועט זיין אַ קעלבעלע, אַ קליין קעלבעלע...

מיט פּאַמעלעכע שפּאַן מעסט ער דעם הויף אין דער לענג און אין דער ברייט, לאָזט נישט דורך קיין ווינקל, פילט ווי ער ווערט צונויפ-געגאָסן מיט דער דאָזיקער רחבות, מיט יעדן ביימעלע, מיט דער גאַנ-צער משפּחה, מיט פּערעלען.

ער גייט אַריין אין שטוב. גאָלדע, ברוכס מאַמע, דערזעענדיק יאָסלען, באַקומט אַ פריינדלעכן שמייכל אויפן פּנים.

— אַ, יאָסל, איר מוזט זיין גוט הונגעריק... די קינדער זיינען געקומען ווי די וועלף... נישט געקאָנט זיך דערוואַרטן אויף אייך.

ביים טיש איז אַ וואַרעמע היימישקייט. פּערעלע זיצט אַ צעפּלאָמטע. עס שלאָגט פון איר דער געזונטער ריח פון אַ צייטיק פעלד און פריש קוואַל-וואַסער.

מע דערלאַנגט אַ שמעקעדיקע זופּ פון יונגע קרייטעכצער און גרינסן. ביים געבראָטנס מיט קאַשע, נעמט דער טאַטע איבער דעם גאָפּל אין דער לינקער האַנט און זאָגט:

— ביי די גרינבלאַטס, אונטערן באַרג, האָט מען היינט געשמאַק געאַרבעט. ערשט נישט לאַנג געקומען און אַלץ קלאַפּט שוין ביי זיי...

יאָסל לייגט אַוועק דאָס מעסער אין אַ זייט און בייסט דאָס פלייש גלייך פון גאָפּל. קייענדיק זאָגט ער:

— יאָ, אַ ווילע חברה. דעם אַלטן האָב איך היינט געהאָלפן פאַריכטן די מאַשין.

פערעלע באַשטעטיקט:

— ווען נישט יאָסל, שטייען־זיי היינט אַ גאַנצן טאָג.

יאָסל מאַכט זיך נישט הערנדיק. גיט בגנבה אַ שנעלן קוק אויף פערעלען, באַוויזט נאָך אויפצוכאַפּן די צעפלאַמטע ברוינקייט פון איר פּנים און דערשפּירט דאָס אייגענע האַרץ, אָן איבערפּולטס.

די ערשטע הייבט זיך פערעלע אויף פון טיש. זי לויפט צונויפנעמען די הינער. נאָך איר דערמאָנט זיך ברוך, אַז מען דאַרף צונייען די פּאַסן פון דער שנייד־מאַשין. דער אַלטער זעצט זיך אויף דער באַנק פאַרן הויז. מיט צעשפּאַלטענע, אויסגעאַרבעטע הענט פאַרוויקלט ער אַ פּאַ־פּיראָס. אויפן האָרטן לייב דערפילט ער די פרישקייט פונעם קלאָרן העמד און די קילקייט פון פאַרנאַכטיקן ווינטל, וואָס גלעט זיין האַריקן ברוסט־קאַסטן. עס גייט אויף אין אים די רויקייט פון פעלד נאָך שניט.

פון ווינקל הימל שמייכלט אַ גרויס, רויט, פאַרזשמורעט אויג, איבערגעצויגן מיט אַ דורכזיכטיקן גאָלדענעם נעפּל. דעם אַלטנס קלאָרער בליק וואַנדערט לאַנגזאַם איבער דעם גאָרטן, וואָס זיינע אייגענע הענט האָבן געפלאַנצט און באַאַרבעט. פון יענער זייט הויף הערט זיך פערעלעס יאָגן די חזירים. אַ צערטלעכע וואַרעמקייט טוט אַ פּלייץ אין אַלטנס האַרץ:

„ער וועט אַהינגיין זי שיקן אַ ביסל אָפּרוען, דורכשפּאַצירן זיך אַ ביסל מיט יאָסלען...״

וו ר אַ צ לאַ וו

נישט געקוקט דערויף, וואָס מער ווי אַ העלבע שטאָט ליגט אין חורבות, פאַרמאָגט נאָך אַלץ וראָצלאַוו איר אייגענעם סטיל, איר כאַראַקטער און שיינקייט פון אַ וועלט-שטאָט.

אַלט און ניי. אַלטע שלעסער און נייע בנינים. גאָטיק-סטיל, שפּיצן און טורעמס און אורבאַניסטישע פּירעקן. טונקעלע רויטקייט פון הויכע שטאָלצע קירכעס און ברייטע פאַבריק-געביידעס שפּיגלט זיך אין דער שטילער גרינקייט פון דער אָדרע; גרויסע, רוישנדיקע, רעשיקע גאַסן מיט הויכע הייזער און רייכע קאַפעען שניידן דורך שמאָלע, קרומע געסלעך, ווו עס איז נאָך קיינמאָל קיין אויטאָ נישט דורכגעפאָרן. זיי הויבן זיך אָן כמעט מיט אַ מאָדערן הויז, גייען איבער צום אַכצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט, פאַרקירעוועץ אין טיפן מיטלאַלטער און פאַרענדיקן זיך אַזוי פּלוצלונג פאַר אַ וואַנט, א חורבה, אַ שקעלעט.

דאָס עלטסטע אָרט אין וראָצלאַוו איז דער טומסקער אינדזל, וואָס איז אַרומגערינגלט מיט בריקן, קליינע און גרויסע, אַריבערגעוואָרפענע איבער די אויספלוסן פון דער אָדרע. די הויכע קירכעס, קלויסטערס און קאַטעדראַלע פאַרשטעלן די זון.

שטיל איז דאָ און סודותדיק, קאַלט און גראַנדיעז. יעדער פאַרביי-גייער שטעלט זיך אָפּ, קוקט זיך איין, זוכט עפּעס, ער ווייסט אַליין נישט וואָס. ציט איין די פּלייצעס און שפּאַנט ווייטער, האָבנדיק דאָס געפיל, ווי ער זאָל גיין איבער פינצטערע אונטערערדישע היילן.

אין משך פון דער קורצער צייט איז אין וראָצלאַוו אויסגעוואַקסן אַ נייער פּוילישער ווירטשאַפטלעכער און קולטור-צענטער. קאָן מען אויף דעם אינזל טרעפן סטודענטן, וועלכע קומען אַהער שטודירן די גאָטישע אַרכיטעקטור. מאָלער, היסטאָריקער, אַרכעאָלאָגן, וואָס פאָרשן די ערד, שיכט נאָך שיכט. עס פאַרשווינדן אַלטע היפּאָטעזן און עס ווערן

געבוירן נייע. דער דאָצענט וואָס פירט אָן מיט די אַרבעטן זאָגט צו אונדז מיט אַ מילדן קלוגן שמייכל: „איך קען אייך גאָרנישט אינפאָרמירן, דאָס וואָס איך וועל אייך היינט זאָגן, וועל איך אין דריי טעג אַרום מוזן אַליין אָפּלייקענען”.

און ווייטער גייען גאַסן, לאַנגע, ברייטע, מיט סטאַטועז און דענק־מעלער פון מענטשן, וועלכע די דייטשן האָבן פאַראייביקט אין שטיין. דאָס זיינען נישט קיין קעמפער פאַר פרייהייט, נישט קיין רעוואָלוציאָ־נערן, נאָר סאָלדאַטן מיט הויכע ראַנגעס, דייטשישע רויבריטער. זיי שטייען איצט מיט האַלבע קעפּ, האַלבע גופים, ווי פאַרשאָלטענע, ווי סימבאָלן פון צעבראָכענער קנעכטשאַפט, פון סאָלדאַטישער ווילדקייט, וואָס האָט געוואָלט טויטן די פרייהייט און אַליין אומגעקומען.

מיר גייען אַרויס פון די גרויסע גאַסן, דורך שמאָלע וועגן, צווישן חורבות, און גייען ווידער איבער קליינע אַלטע, צעוואָרפענע, פאַרוואָרפענע שטילע און זייטיקע געסלעך. די גאַסן טראָגן איצט נייע נעמען פון פּוילישע פּאָעטן און פרייהייט־קעמפער, נעמען, וואָס זאָגן עפּעס, דערציילן. קולטור־געשיכטע.

עס זיינען דאָ אויך יידישע געסלעך, מיט אַלטע הייזער. אַזוי נאַטירלעך איז זייער אַלטקייט, אַזוי זעלבסטפאַרשטענדלעך.

דאָ האָבן הונדערטער יאָרן געלעבט יידן, פּוילישע יידן, געפירט דעם האַנדל צווישן פּוילן און דייטשלאַנד, געמייסטערט פאַרשידענע אויסאַרבעטונגען, געהאַט ישיבות, בתי־מדרשים און שולן. פון יעדן הויז, פון יעדער חורבה, קלינגט אַנטקעגן דער עכאָ פון דורות יידישקייט, און מיט אים רופט זיך איבער אַן אַנדערער עכאָ, דער ווידערקול פון פאַרפייניקטע יידן אין די דייטשע לאַגערן, וואָס האָבן זיך געפינען עטוואָס ווייטער הינטער דער שטאָט; אַ קול, וואָס גייט אונז נאָך אומעטום און וועט קיינמאָל נישט אויפהערן אונדז צו באַגלייטן, דערמאָנען און מאָנען.

די וועלט האָט זיך געביטן. עפּעס נייס איז געבוירן געוואָרן און אויך דאָס אַלטע האָט זיך באַנייט.

ווידער וווינען אין די אייגענע געסלעך און הייזער יידישע פאַמיליעס, ווידער קאָכט און זידט אַ פריש פּילפּאַרביק יידיש לעבן. מע שפּילט יידיש טעאַטער, מע לערנט יידישע קינדער. אין די גאַסן, ווו עס האָט געלעבט פּראָפעסאָר גרעץ און אויסגעטראָגן זיין צוועלף־בענדיק ווערק פון יידישע געשיכטע, ווערט איצט ווייטער געשפּינט דער

המשך פון יידישער קולטור, פולסירט ווידער אַ לעבן, וואָס טראָגט אין זיך אַלע עכאָס פון צענדליקער דורות, אַלע אָפּקלאַנגען פון מיליאָנען לעבנס, שטרעבונגען און בענקשאַפטן.

בראשית, אין אָנהייב נאָך דער באַפרייונג איז דאָ געווען תהו ובהו. עס האָט זיך געדאַכט, אַז קיין איין הויז איז נישט געבליבן גאַנץ. די דייטשן האָבן בייטאָג געבעטלט חסד און ביינאַכט געשאָסן פון די חורבות אויף פאַרבייגייענדיקע און דורכפאָרנדיקע פּוילישע מיליטער-לייט.

עס איז געווען אַ יידישער קאָמיטעט, ער איז אָבער באַשטאַנען פון בלויז דייטשע יידן. די עטלעכע פּוילישע יידן האָבן זיך קיין אָרט נישט געקאָנט געפונען. די חורבות האָבן זיך געלייגט ווי בליי אויפן געמיט.

שנעל האָבן זיך אויסגעטיילט פון די חורבות די גאַנצע הייזער. אין די גאַסן האָבן זיך באַוויזן וואָס אַמאָל מער יידן און פּאָליאַקן, אין די פּרימאָרגנס און אָוונט-שעהן זיינען די העל-קאָלירקע טראַמווייען אָנגע-שטאָפּט און באַהאָנגען פון אַלע זייטן מיט פּוילישע מענטשן, וואָס פאָרן צו דער אַרבעט.

ווראָצלאַוו איז אַן אַרבעט-צענטער. זי האָט אַ גרויסע מעטאַל-אינדוסטריע און אַלערליי אַנדערע פאַבריקן. דאָ שפּייען די קוימענס אַן אויפהער געדיכטע רויך-קנוילן. עס רוישט די אַרבעט, וואָס שטעלט זיך קיינמאָל נישט אָפּ. דער האַמער קלאַפּט, די מאַשינען רוישן טאָג און נאַכט. ווראָצלאַוו אַרבעט.

פון טאָג צו טאָג פאַרגרעסערט זיך די שטאָט, וואַקסט און בליט.

דער רינגעק, וואָס איז אין אָנהייב געווען אַ פּוסטקייט צווישן חורבות, איז היינט דער צענטער, ווו עס קומען און גיסן זיך צונויף פאַרשידענע געביטן פון גרויסשטאָטישן לעבן. הונדערטער ווייסע און גרויע טויבן זיינען פון ערגעץ געקומען צוריק צו זייערע נעסטן אין דער טונקל-גרויער געביידע פונעם ברייטן ראַטהויז. די טויבן פלאַטערן אַרום די שול-קינדער, וואָס וואַרפן זיי קערנדלעך, און אויף זייער פריילעכן טויבן-לשון וואָרקן זיי אין דער צעזוניקטער לופט אַריין.

— אונדז איז גוט מיט אייך. אונדזערע איז די וועלט...

אין אַ זונטיק.

פון די פריע מאָרגן-שעהן הייבט זיך דאָ אָן אַ לעבהאַפטע באַוועגונג. זי איז אָבער אַן אַנדערע ווי אין די וואָכעדיקע טעג. עס איז נישטאָ די איילִיקייט, דער אימפּעט פון אַ געוויינלעכן אַרבעטס-טאָג.

איצט איז די באַוועגונג דאָ אַ שטילע, אַ פאַרטראַכטע. אַ מין פאַרחלומטקייט איז אויסגעגאָסן אויף די פּנימער פון די מענטשן. עס שלאָפן נאָך די אַלטע און נייע הייזער אויף די איבערגעבויטע וואָרצלאַווער גאַסן און געסלעך; אַ בלוילעכע שיין ליגט נאָך אויף דער ערד און ווינקט צו די חורבות האַפּערדיק און צוזאָגנדיק. אַלץ איז שטיל און פאַרחלומט. וואָרצלאַוו אָטעמט מיט רו. אויך די טריט פון די מענטשן קלינגען אָפּ אין דער שטילקייט זיכער און רויִק.

דער באַגין ווערט אַלץ העלער און דורכזיכטיקער. די גאַסן און געסלעך ווערן אַלץ מער אָנגעפילט מיט באַוועגונג. עס הערט זיך שוין דער שטאָלענער געבראַזג פון די העל-קאָלירקע טראַמווייען, אָנגעפילטע מיט מענטשן, וואָס פאָרן צו די טרעף-פּונקטן.

אומעטום זיינען די טרעף-פּונקטן, נעבן יעדער פאַבריק און אַרבעט-אונטערנעמונג. עס שטייען שוין דאָרט לאַסט-אויטאָס און אויטאָקאַרן, וועלכע דאַרפן אוועקפירן די מענטשן אויף די אויספלוגן אויף אַ גאַנצן טאָג.

...קאַוואַליע איז אַ ניי איבערגעבויטער און אויפגעהויבענער פון די חורבות אַרבעטער-קוואַרטאַל. פון די מאָדערנע הייזער-בלאָקן קוקן אַראָפּ בלומען פון אַלערליי קאָלירן. דאָ זיינען פאַראַן שיינע גערטנער מיט פאָנטאַנען. אויך דאָ שיט דער טראַמוויי אַרויס יעדע עטלעכע מינוט אַלץ נייע מענטשן. דאָס זיינען אַרבעטער פון דער מלוכהשער זייד-פאַבריק. זיי פאָרן היינט אויף דעם באַרג „סאָבוטקאַ". עס פאָרט מיט דער כאָר און אָרקעסטער פון דער פאַבריק. די אַרבעטער, אין

גרופן, פירן צווישן זיך לעבהאַפטע שמועסן. און וועגן וואָס צו דערציילן האָט יעדער. ווער עס איז צופרידן פון הילאַרטשיקס פראָיעקט איבערצושטעלן די מאַשינען און ווער עס קריטיקירט די אומאָרדענונג, וואָס הערשט נאָך אין דער רייסעריי. נעבן דער מייסטערין אסתר שטיגליץ גרופירן זיך די מיידלעך פון דער שפינעריי. איבערן שמאָלן וועג, צווישן ביידע זייטן ביימער, דערטראָגן זיך פּאָלאַרטשיקס באַפעלערישע אויסגעשרייען צו די שאָפערן. באַלד נעמען רוישן די מאָטאָרן. און גלייך ווי די ערשטע מאַשינען ווערן פאַרפולט מיט מענטשן, וואַקסן אויס טראַנספאַרענטן, און עס דערהערט זיך אַ געזאַנג, וואָס צעטראָגט זיך אַלץ העכער און העכער איבער דעם גאַנצן שטח פון די פאַבריק-בנינים און גערטנער מיט הויכע און נידעריקע פרוכטן-ביימער.

אויף דעם טומסקער אינדזל איז דער טרעף-פונקט פאַר די סטודענטן, וועלכע נעמען אָנטייל אין דעם אויספלוג קיין קאַרפּאַטש. אַ פריילעכער טומל פאַרהילכט די שטילע סודותדיקייט, וואָס ווייעט דאָ פון דער הויכער קאַטעדראַלע. דער אוניווערזיטעט-בנין האָט אַן אימפּאָזאַנטן טורעם, געדעקט מיט גרינעם מעטאַל. דער טורעם, די פסיידאָ-גאָטישע פענצטער און געוועלבן, די מאַרמאָרנע טרעפ און דאָס שווערע דעמבענע טויער מיט די פאַרשידנאַרטיקע שניצפרייען גיבן צו דעם בנין אַן אויסדרוק פון גראַנדיעזקייט. אָבער די סטודענטן זיינען איצט פאַרנומען בלויז מיט זיך. מער פון אַלע טומלט דאָ זשעמביצקי, אַ יונגער בחור מיט אַ בלאָנדער טשופרינע און ברילן. ער איז דער פאָרזיצער פונעם קרייז פון דער סטודענטישער יוגנט-אָרגאַניזאַציע. ער הערט נישט אויף צו פרעגן זיך אויף הורוויצן, דעם רעזשיסער.

— אָט גייט ער — רופן זיך אָן עטלעכע מיטאַמאָל און ווייזן אין דער ריכטונג פון דעם שמאָלן בריקל — ער גייט שוין.

אַ טשעקאַווער טיפ דער הורוויץ. ווען מען קוקט אויף אים, קייעט ער עפּעס. ער איז, אמת, אַלעמאָל גרייט אויפצווייזן, אַז אים גייט אַוועק ווייניקער געלט אויף עסן, ווי אַן אַנדערן. אָבער הברה סטודענטן זאָגן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל ער איז אַ גוטער מאַטעמאַטיקער. חוץ מאַטעמאַטיק האָט ער אויך זייער ליב מוזיק, געזאַנג און רעציטאַציע. ער רעזשיסירט מיט דעם אַקאַדעמישן דראַמקרייז.

אויפן ברעג פון דעם אָדער-טייך ווימלט פון מענטשן — מענער, פרויען און איבער אַלעם קינדער. צענדליקער דאַמפערס, גרויסע און קליינע, ווי אויטאָבוסן, שטייען פאַראַנקערט ביים ברעג. עס זיינען

דאָ פאַראַן די טומלדיקע, שטאָלצע קאָלעקטיוון פון פאַרשידענע אָפטיילונגען פון „פּאַפּאַוואַג“, די פריילעכע חברה פון דער וואַסער-מעסטער-פאַבריק. עס קומען אָן אויפהער אַלץ נייע און נייע מענטשן, משפחהווייז. דער טראַמוויי שטעלט זיך אָפּ פונקט ביים פּאַרט און יעדער טראַמוויי שיט אַרויס אַלץ נייע מענטשן. טייל קומען אויך צו-פוס, אויף ראָווערן, אפילו אויף אויטאָמאָבילן. די „קולטורניקעס“ פּאַרען זיך שוין אויף די דאַמפּערס, צעהענגען לאָזונגען וועגן 6-יאָר-פּלאַן, וועגן קאַמף פאַר גוטער פּראָדוקציע. עס ווערט נאָך יום-טובדיקער אויף די געמיטער. ערגעץ צעשפּילט זיך אַ מאַנדאָלין, ברוסטיקע קולות כאַפּן אונטער אַ ליד. גרין און רויק איז דער טייך אונטער דער פרישער זון און בלויען הימל. באַלד וועלן זיך די כוואַליעס צעהוידען אונטער די צענדליקער צעזונגענע דאַמפּערס.

אויף דער לאַנגער, ברייטער און באַנייטער סטאַלינגראַד-גאַס זאַמלען זיך די אַרבעטער פון „טריקאָט“, פון „פּוטראַ“, די טאַפּעצירער פון „קאָהן-קאָאָפּעראַטיוו“. פון דער צווייטער זייט יוגנט-פּלאַץ שטייען אויטאָס און וואַרטן. דערווייל באַקוקט מען די מאַשינען, פּלאַנשן און בילדער, וואָס זיינען אויסגעשטעלט אויף דעם יוגנט-פּלאַץ, בכדי צו אילוסטרירן די דערגרייכונגען פון די ווראָצלאַווער אַרבעטער אין קאַמף פאַרן 6-יאָר-פּלאַן.

ווען מיר קומען אָן צום הויפּט-וואָקזאַל איז שוין די קילקייט פון פרי-מאָרגן לאַנג אַוועק. דער ברייטער פּלאַץ איז פיל מיט מענטשן. אין די הונדערטער זאַמלען זיך דאָ די אָנטיילנעמער אין דעם אויספלוג, אָרגאַני-זירט דורך דער קולטור-געזעלשאַפט. דער סעקרעטאַר הערש ברעכער זוכט מיט די אויגן, צי עס זיינען שוין דאָ אַלע יידישע אַרבעטער פון דער עלעקטרישער מאַשין-פאַבריק, פון „זגאָדאַ“. צוויי הונדערט „אָלגינאָוועצעס“ זיינען אין דער לעצטער מינוט אַוועקגעפאָרן אויפן דאָרף צוהעלפן די פּויערים ביים שניט. אויף זייער אָרט שליסן זיך אָן אַנדערע, פון "סטאַל-מעט“, פון „טעקסטיל“. די ספּעציעל באַשטעלטע טוריסטן-וואַגאָנען, וואָס זיינען אויסגערעכנט אויף פינף הונדערט ערטער, ווערן שנעל פול. דער מאַנדאָלין-אָרקעסטער לאָזט זיך שוין הערן. געזאַנג, פריילעך געלעכטער. אַ נאָענטקייט שאַפט זיך צווישן מענטש און מענטש. עס איז אָנגענעם דאָס געפיל, אַז דאָס אַלץ, די אַלע באַקוועמלעכקייטן און מעגלעכקייטן פון געניסן און פאַרווילן זיך, איז דערגרייכט געוואָרן דורך אייגענער שעפערישער אַרבעט.

ס'איז שוין איצט קלאָר, אַז דער טאָג וועט זיין אַ שיינער און זוניקער. און די נידערשלעזישע לאַנדשאַפטן, אַרומגעגאַרטלטע מיט וואַסערן, אַרומגעפּרענדזלטע מיט בערג, לאָקן און רופן.

צומאָרגנס וועלן די פאַבריק-קוימענס ווידער שפּייען אָן אויפהער געדיכטע רויך-קנוילן. ווידער וועלן רוישן די מאַשינען, אָנגעפירטע דורך געזונטע אַרבעטער-הענט, וואָס שמידן אין שעפערישער אָנשטרענגונג די נייע וועלט, די וועלט פון אַרבעט, געזאַנג און פרייד.

אינהאַלט:

נאָוועלן	**זייט**
אין פאַבריק	3
פאַרמעסט	93
אין אָנהייב	109
יינגלעך	125
פריינד	135
צוויי פון א סך	147
דערלעבט	157
רעפּאָרטאַזשן	
אין קוילנגרובן	175
אַ פּולוערטיקער מענטש	194
דער באַן־מאַשיניסט וואָלף מאָנדרער דערציילט	199
עווא ראָטשילד	204
די שלאָגלער פון וויקטאָריע	209
ביידנס דערפינדונג	213
אין אַ שטאָל־פאַבריק	218
ברוך לעוואַנדאָווסקיס מתּנה צום 1־טן מאַי	222
דער שלאָגלער באָריס לערנער דערציילט	227
אַ שטעטל אין נידערשלעזיע	232
ביי די יידישע פּויערים אין קידלין	242
אויף נייער ערד	258
וראָצלאַוו	263